STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03637

NAYE DRAMEN

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

געזאמלטע שריפטן

דריי און צוואַנציקסטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

שלום אש

נייע דראמען

פארלאג „קולטור-ליגע“, ווארשע

Printed in Poland

Szołem Asz — Szriftn

Copyr. by Sholem Asch, New-York

Wyd. „Kultur-Liga" Warszawa,
1 9 3 0

Druk. G. Piment, Sierakowska 4

אינהאלט:

1) רבי ד"ר זילבער
2) יוסף

שלום אש

רבי ד"ר זילבער

דראַמע אין דריי אַקטן

פערזאָנען:

ד"ר סאַלאָמאָן זילבער א ראבינער.

קלאַראַ זילבער זיין פרוי, איינינע צוואַנציג

אַלטע מיסעס רעבעקאַ זילבער זיין מוטער, איינינע זעכציג

מיסטער רובינשטיין א מוזיקער

דאַווענערס פון ראבינער זילבערס שול

מיסטער פוקס א בכבודער בעל-בית פון שטאָט, א פריינט פון דער פאמיליע

מיסטער האַרצפעלד א צווייטער בכבודער בעל-בית, א ביזנעס-מאַן

מיסטער זולצבערג א דריטער בעל-בית

מיסעס אַלטמאַן איינע פון די בעל-ביתטעס

מיסעס זעליגפעלד אַן עלטערע דאמע

מיסעס קעניג א צווייטע עלטערע דאמע

מערי דינסט

עס טרעפט זיך אין א שטאָט, אין דער מיטל-וועסט, אין יעצטיגער צייט, אין אמעריקע.

אַלע אויפפירונגען אָן וויסן פון מחבר — פאַרבאָטן.
Copyright in U.S.A. by Sholem Asch.

ערשטער אַקט

א ליכטיגע גרויסע ביבליאָטעק-שטוב, פאַרבונדן
מיט דער סינאַגאָגע דורך א קאָרידאָר, וועלכער
פירט דורך דער פראָנט-טיר. — אין א זייט —
א צווייטע טיר, צו די אינערלעכע שטובן. געגנ-
איבער דער סצענע דריי-פיר פענסטער אין
א גאָרטן אַרויס. א לאַנגער בכבוד'ער רענעסאַנס-
טיש אין מיטן שטוב, אָנגעלייגט מיט ספרים און
באַשטעלט מיט טיפע פאָטער-שטולן. — שרענק
אַרום מיט ספרים און אַלטע יידישע אַנטיקן,
פאָרטרעטן פון רבנים, אבות.

אויף איינעם פון די פאָטער-שטולן, וואָס שטייען
אין א זייט ביי א וואַנט, הינטער דער טיר, וואָס
פירט אין די אינערלעכע צימערן, זיצט אומ-
באַוועגלעך די אַלטע מיסעס זילבער, אַן עלטערע
באַיאָרטע דאַמע מיט גרויע געדיכטע האָר, אָנ-
געטון אין שוואַרצן, אַן אומנאַטירלעך הויכע, מאָגערע,
אַן אויסגעצויגן געזיכט נאָר געבוג ענערגיש, מיט
לעבעדיגע אויגן, זיצט שווייגנדיג — האַלטנדיג
א ווייס טיכל אין אירע ביינערדיגע הענט, וועלכעס
זי פירט פון צייט צו צייט צו אירע אויגן און
שלייפן. זי הערט זיך צו צום אָרגל-שפּילן, וואָס
שווימט-אַרויס פון דער סינאַגאָגע — ווען דער

אָרגל הערט-אויף, הערט מען אַ פּיאַנאָ שפּילנדיג שובערטס אַ ליבע-ליד אין פיר הענט — וואָס שווימט-אַרויס פון די אינעווייניגסטע צימערן. די דאַמע, דערהערנדיג די פּיאַנאָ, פאַרציט איר געזיכט אין אַ גרימאַסע פון צער און פאַרשטעלט זיך די אויגן מיטן טיכל.

די טיר פון די אינעווייניגסטע צימערן פּראַלט זיך פּלוצים אויף, און אַ שיינע, יונגע געזונטע פרוי באַווייזט זיך אין טיר, אָנגעטון אין לייכטע זומערדיגע קליידער, די האָר האַלב צעפּלאָשעט — נאָכגעיאָגט פון וועמען, הינטער איר קומט זיך נאָך צו יאָגן ר ו ב י נ ש ט י י ן, אַ ברונעטער יונגערמאַן אין אירע יאָרן, מען דערזעט נאָר זיינע געדיכטע שוואַרצע האָר, און זיינע הענט, אויסגעצויגן ווי צו אַרומצונעמען — אָבער קלאַרא, דערזעענדיג די אַלטע מיסעס זילבער, מאַכט געשווינד צו די טיר הינטער זיך און רובינשטיין בלייבט הינטער דער סצענע.

קלאַראַ

ערשטוינט, אַביסל דערשראָקן

מוטער!

די אַלטע ענטפערט איר נישט. זי זיצט ווייטער, פאַרשטעלנדיג די אויגן מיט איר טיכל

קלאַראַ

איך האָב געמיינט, אַז איר זענט דערינען אין דער סינאַ-גאָגע ביי דער פרעדיגט פון אייער זון.

מוטער

איך האָב געקריגן קאָפּ-ווייטאָג זי האַלט זיך מיטן טיכל אירע שלייפן פאַרוואָס ביסטו נישט דערינען ביי דער פרעדיגט פון דיין מאַן?

קלאַראַ

רובינשטיין איז געקומען, האָבן מיר געשפּילט אין פיר הענט.

מוטער

יאָ, איך האָב עס געהערט פון דאַנען.

קלאַראַ

איך באַדויער, וואָס מיר האָבן אייך געשטערט...

ביידע פרויען קוקן זיך אָן. קלאַראַ פאַרלאָזט דאָס צימער נישט רעדנדיג קיין וואָרט מיט אַן ענערגישער באַוועגונג מיט דער טיר. — די מוטער קוקט שאַרף און בייז פאַר זיך. דער אָרגל און אַ כאָר-געזאַנג הערן זיך פון דער סינאַגאָגע.

די מוטער לייגט-צו איר טיכל צו אירע אויגן

אַ לאַנגע פויזע

פאַר דער פראָנט-טיר אַ באַוועגונג, אַ געשפּרעך

מיסעס זעליגפעלד

אן עלטערע דאמע פון אונגארישן אָפּשטאַם, אַ דיקלעכע, זייער ענטוזיאַסטיש, לויפט פריער פאַר אַלע

אַי, מיסעס זילבער, גליקלעכע מוטער איר. — זענט איר געווען דערביי? —

מוטער

קאַלטלעך, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין

מיסעס זעליגפעלד

פאַרוואָס זענט איר נישט געווען דערביי? גאָט האָט גערעדט דורך זיין מויל אין היינטיגן טאָג. אַזאַ מזכיר נשמות האָב איך שוין נישט געהאַט צייט דער זעליגער ד"ר זיל-בער, אייער מאַן איז פון אונז געוואָרן צוגענומען. ווען ער האָט געשילדערט די הייליגקייט פון פאַמיליען-לעבן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין זעליגער מאַן איז אויפ-געשטאַנען פון קבר און זיצט דאָ נעבען מיר ביי דער באַנק אין דער סינאַגאָגע און רעדט צו מיר די רייד.

זי פאַרהאַלט זיך די אויגן וויינענדיג

מוטער

קאַלטלעך

אַזוי האָט ער גערעדט פון דער הייליגקייט פון פאַמיליען-לעבן...

מיסעס קעניג

אן עלטערע דאמע, אַ קליינלעכע, אַן איינגעצויגענע, אַ געגנזאַץ פון מיסעס זעליגפעלד — קומט געשווינד צולויפן נאָך מיסעס זעליגפעלד — איז בייז, וואָס יענע האָט איר אויסגעכאַפּט, ווארפט אויף איר ווי אַ כעסנדיגן בליק, און פאַלט-אריין אין די רייד

און ווען ער האָט גערעדט וועגן דער פאַרהערלעכונג פון דער מוטער, וועגן דער הייליגער פליכט. —

מוטער

אַלטע מאַדאַם זילבער — ווי אומגעדולדיג

אַזוי, אַזוי, אַזוי האָט ער גערעדט וועגן די פליכטן צו די עלטערן.

מיסעס זעליגפעלד

וויי דערמאָנענדיג זיך

אונ וועו ער האָט געדובנערט מיט זיין שטימע, אַז די ערע איז דער געטלעכער פלאַם, וואָס ברענט אין מענטשן.

מוטער שאָקלט אויף אַלעמען צו מיטן קאָפּ, ווי נאָכקלערנדיג די טיר עפנט זיך און עס קומט־אַריין ראַבינער ד״ר זילבער, אַרומגערינגלט מיט אַ פּאָר אַלטע בכבוד׳ע בעלי־בתים פון דער סינאַגאָגע

ראַבינער ד״ר זילבער

אַ מאַן וואָס זעט־אויס אין די פערציגער, נאָר אין דער ווירקלעכקייט פיל יונגער. כאָטש אַ שטאַרק אַנטוויקלטער קערפּער, דאָך זעט מען, אַז ער איז געוואָרן אָפּגעלאָזן פון שטודירן, גייט אַביסל איינגעבויגן, אַ גוט מענטשלעך געזיכט מיט אַ דערשראָקענעם אויסמיידנדיגן בליק. שוואַרצע וואָנסעס מיט אַ רונדיג געשוירן בערדל, אין וועלכן עס זילבערן זיך שוין ווייסע האָר. מע זעט, אַז ער גיט נישט גענוג אַכטונג אויף זיין פריזור — די האָר זענען שוין לענגס נישט געשוירן געוואָרן. — און די קליידונג כאָטש פייערלעך יום־טוב׳דיג (אין אַ פּרינץ אַלבערט מיט אַ ווייסן שניפּס), דאָך ליגט זי אויף אים פּראָפעסאָריש, אומבאַקוועם און אָפּגעלאָזן. רעדט שטענדיג אין דעם טאָן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ פּרעדיגט

מיינע פריינט! איך ווייס נישט אויב איך האָב גערעדט מיאוס אָדער שיין, גוט אָדער שלעכט, — וואָס זענען ווערטער? וועקסלען און שלעכטע וועקסלען אויף געפילן, געדאַנקען, עמפּידונגען, — טיילמאָל באַצאָלן זיי דעם הונדערט־פּראָצענטיגן ווערט פון וועקסל און טיילמאָל נישט. נאָר ווערטער האָבן נאָר דאַן אַ געוויכט, ווען עס שטייען הינטער זיי מעשים. ווען דער, וואָס האָט זיי אַרויסגעגעבן, איז שטענדיג גרייט איינצוצאָלן דעם וועקסל. — מיינע פריינט, איך וואָלט נישט ווערט געווען צו פאַרנעמען די בכבוד׳ע שטעלע צו זיין דער ראַבינער פון דער יידישער קהלה, ווען איך וואָלט נישט גרייט געווען מיט אַלצדינג, וואָס איך רוף אָן מיינס — איינצוצאָלן די וועקסלען, וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן.

מיסטער פוקס

אַן אַלטער דזשענטלמאַן פון דייטשן אָפּשטאַם. רעדט געלאַסן ציטערנדיק מיט די הענט און מיט די ליפּן. ער איז דער עלטסטער און דער ראש־המדברים

איר זענט אַ גוטער בטוח, ד״ר זילבער, אַ גוטער בטוח.

ד״ר זילבער

רעדנדיק גלייך ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן בעלעמער

און וואָס פרעדיג איך דען? אונזער עטיק לערנט אונז צו פאַראַכטן און צו פאַרניינען דאָס מאַטעריעלע, אַלס עפּעס, וואָס איז נישטיג און אַוועקגייענדיג, און שטענדיג נאָר געדענקען אין יענע פּאָסטולאַטן — ער דערזעט פּלוצים דער מוטערס אויגן — געריכט אויף אים, האַקט־אָפּ, גייט־צו צו איר און נעמט זי אָן ביי דער האַנט, זאָגנדיג מיט שטאָלץ

דאָס איז דער קוואַל, פון וועלכן איך שעפּ, מיינע פריינט.

מיסטער האַרצפעלד

אַ סענטימענטאַלער דיקלעכער הער מיט פיל גאָלדענע רינגען אויף די הענט און אויף דער וועסט

ניין, נישט איר אַליין, נאָר מיר אַלע, ד״ר זילבער.

ד״ר זילבער

גוט געזאָגט, די מוטער אין אַלגעמיין.

מיסטער זולצבערג

אַ דיקלעכער מיטברייטע פּלייצעס, מען זעט אָן, געווען אַמאָל אַ קליינער סוחר פון אַלטוואַרג, אַרויפגעאַרבעטער, צו דער מוטער

אייער סחורה פאַרקויפט ער, — האַ, גאָר אַ גוטער פאַרקויפער, כ׳לעבן. האַ? — הלוואי קריג איך אַזאַ איינעם פאַר מיינע ביזנעס — האַ?

ד״ר זילבער

צו זולצבערגן

אַ דאַנק אייך, מאַמע, איר הערט? — נאָך אַמאָל אַ דאַנק אייך, מיסטער זולצבערג. צו דער מוטער געווען אין סינאַ־גאָגע?

די מוטער

שטרענג

ניין, סאַלאָמאָן, איך בין געווען דאָ.

מיסטער זולצבערג

אַ שאָד, אַ שאָד, מיסעס זילבער. איר האָט פאַרפעלט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קאָן עס שוין נאָך אַמאָל נישט קריגן. אַ גוט געשעפט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, כ׳לעבן — הע?

די איבעריגע צוויי הערן קוקן זיך אָן מיט אַ דענקענדן שווייגן

ד״ר זילבער

וואָס קאָן איך מיין מוטער לערנען, אַלעס וואָס איך קאָן — האָב איך גענומען פון איר, אַלעס וואָס איך פרעדיג — זענען אירע ווערטער.

מיסטער זולצבערג וויל ווידער עפּעס זאָגן, נאָר מיסטער פוקס פאַרשטעלט אים דעם וועג און הייבט־אָן פריער צו רעדן

מ–ר פוקס

איר געדענקט דאָך, אַלטע, גוטע מיסעס זילבער, יענעם ראש־השנה, ווען דער גאָטזעליגער אַלטער מיסטער זילבער. אייער מאַן, אונזער ראַבינער האָט געהאַלטן זיין באַרימטע פרעדיגט, וועגן וועלכער די צייטונגען פון לאַנד האָבן דערנאָך געשריבן. אַזאַ מאָמענט איז געווען היינט אין דער סינאַגאָגע.

ד״ר זילבער

די מענטשן זענען צו גוט צו מיר, מוטער. דאָס איז אַלץ דער פאַרדינסט פון מיינע עלטערן, נישט פון מיר.

מ–ר האַרצפעלד

דער זעליגער ד״ר זילבער איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ בעסערע, גערעכטע וועלט. ער האָט אונז אָבער איבערגעלאָזט אַ ווירדיגן פאַרטרעטער.

די מוטער, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגט ווי צווייפלענדיג

האָט ער? —

די הערן הערן זי אָבער נישט, רעדן צווישן זיך

מ–ר פוקס

ד״ר זילבער, אייערע ווערטער זענען נישט צו אונז אַליין

געוועגדעט, נישט נאָר די מיטגלידער פון אונזער סינאַגאָגע זאָלן האָבן דעם בענעפיס פון אייער פרעדיגט, נאָר גאַנץ איזראַעל. מיר דענקען, אַז מיר וועלן טון אַ בירגערלעכן אַקט, ווען מיר וועלן אייער פרעדיגט אַרויסברענגען אין דרוק און פאַרשפרייטן אין די טויזנטער עקזעמפלאַרן פאַר דער דערהויבונג פון דער מאָראַל פון אונזערע גלויבנסגע־נאָסן און פון גאַנצן לאַנד. — ווי געפעלט אייך די אידעע, ד״ר זילבער? דער קרעדיט קומט נישט מיר. דער קרעדיט קומט דערפאַר אונזער חשובן מיסטער האַרצפעלד.

ד״ר זילבער

איר פאַרשעמט מיך און איר מאַכט מיך קאַליע — איך בין נאָך צו יונג דערצו, אַז מיינע ווערטער —

זולצבערג

האקט אים איבער

אַלזאָ, מיין ליבער ד״ר זילבער (ער קלאַפּט אים אין פּלייצע) נישט אַ סך רעדן, לאָזט עס דרוקן, וואָס מען באַדאַרף דאָרטן, און די רעכנונג שיקט־צו צו מיר (ער ווייזט אויף זיין בוך) האַ? וואָס מער, וואָס דיקער, וואָס גרעסער — וואָס בעסער. איך האָב ליב, אַז ביזנעס — זאָל עס שוין זיין אַ גרויס — הע? וואָס זאָגט איר דערצו, ד״ר זילבער, אונזער ראַבינער?

זילבער

גערירט

איך דאַנק אייך זייער.

מ־ר פוקס

און אייער רעליגיעזער צענטר פאַר דער יוגנט, וואָס איר פּלאַנט אין אונזער שטאָט — איז נישט מער ווייט פון פאַרווירקלעכט צו ווערן. מיר האָבן היינט געזען, וואָס איר מיט אייער מאָראַלישן איינפלוס קאָנט אויפטון: וואָס פאַר אַ כוח אייערע ווערטער האָבן. און ווער נאָך, ווי איר, איז באַ־רופן צו דער הויכער מיסיע, צוריק איינצופלאַנצן אין די הערצער פון אונזער יוגנט יענע טוגענד, אויף וועלכער

עס שטיצט זיך אונזער מאָראַל. מיר זענען איבערצייגט, אַז אונזער יוגנט, פאַרטרויט אונטער אייער פירנדער האַנט, וועט זיך באַנייען מיט אַ מאָראַלישער דערהויבנקייט און אויפלעבונג, וואָס ליידער עס פעלט דער יוגנט אין גאַנצן לאַנד אין אַלגעמיין און אונזער יוגנט בפרט.

ד״ר זילבער

באַגייסטערט, כאַפּט דער מוטערס האַנט

מוטער, מוטער, דו הערסט! — איך דאַנק אייך, מיינע העררן. — עס איז שטענדיק געווען מיין געוווּנשטער אידעאַל צו פאַר־וואַרפן אַ בריק צווישן דער יוגנט און דער עלטער. נישט נאָר בלויז איינצופלאַנצן אין די הערצער פון אונזער יוגנט ליבע און אַכטונג צו דער עלטער, נישט נאָר בלויז פאַר דער יוגנט, נאָר אויך פאַר די עלטערן, אַזוי ווי אונזער פּראָפעט זאָגט: צוריקברענגען די הערצער פון די עלטערן צו די קינדער, און אַזוי־אַרום ווידער צוזאַמענצוּוועבן דאָס הייליגע פאַמיליען־לעבן, וואָס איז געווען דער אידעאַלסטער שטריך פון אונזער כאַראַקטער און וואָס האָט אונז דער־האַלטן ביזן היינטיגן טאָג.

מ–ר האַרצפעלד

און ווער נאָך איז באַרופן צו דער אויפגאַבע, ווי איר אַליין.

מ–ר זולצבערג

איר גיט נאָר אונז, ראַבינער, די ריכטיגע ציפער, וועלן מיר שוין זען. —

ד״ר זילבער

ווי מיינען עס די העררן, — מיט שווים־באַד, מיט גימ־נאַסטיק...

מ–ר זולצבערג

מיט אַלעם־און־אַנאַנדער. אַז עס זאָל דערנאָך נישט ווידער עפּעס אויספעלן. — מיר האָבן ליב אין ביזנעס אַלעס פאָרויס־צוזען, וואָס און ווען. דאָס איז דער וועג, ווי אַזוי איך מאַך ביזנעס. מיינע העררן. — האַ, נישט אַזוי, מיינע

הערן ? — און מאַכט עס בעסער — אַ דאָלאַר אַרויף אָדער אַראָפּ. — איך וועל אייך שיקן מיין קאָנטראַקטער — וועט ער מיט אייך אויסאַרבעטן אַ פּלאַן — האַ ? —

מ—ר פוקס

נעווער מיין — אייער קאָנטראַקטער. — דער ראַבינער אַליין וועט אונז צושטעלן דעם פּלאַן און די סמעטע.

מ—ר זולצבערג

זילבער, איר הערט, גלייכער אַ פּאָר דאָלאַר מער, ווי ווינציגער, אויף אַ ביזנעס-וועג — האַ ?

ד״ר זילבער

איך דאַנק אייך, מיינע הערן, איך דאַנק אייך.

מ—ר פוקס

נו, איך גלויב, מיינע הערן, אַז מיר זאָלן יעצט לאָזן דעם ראַבינער אָפּרוען. — ער באַדאַרף דאָס, נאָך אַזאַ אָנשטרענגונג.

מ—ר זולצבערג

צו דער מאַדאַם זילבער

איר הערט, גיט דעם ראַבינער אַ גוט מיטאָג אָפּצועסן. ער האָט עס כשר פאַרדינט. — זילבער, איך וועל אייך שענקען מיין קאָנטראַקטער — און אַזוי, ווי געזאָגט, גלייכער אַ פּאָר דאָלאַר אַרויף ווי אַראָפּ — האַ ? — נעווער מיין, ביזנעס איז ביזנעס — האַ ?

די הערן גייען-אָפּ, האַמפּערנדיג צווישן זיך, ד״ר זילבער באַגלייט זיי ביז דער טיר

אַלע גייען-אָפּ, אַחוץ מר—ס אַלטמאַן, וועלכע בלייבט שטיין ביי דער טיר

מיסעס אַלטמאַן

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע זעט-אויס פיל עלטער. מ'זעט-אָן אויף איר פּנים, אַז זי איז פיל דורכגעגאַנגען אין איר לעבן. גייט אָנגעטון אין טרויער — שטענדיג מיט פאַרוויינטע אויגן און איז שטענדיג גרייט אַרויס מיט טרערן. זי שטייט און קוקט מיט באַגייסטערונג אויפן ד״ר זילבער, ווי בעטנדיג עפּעס ביי אים מיט אירע בליקן

ד״ר זילבער

באַמערקט זי, ווי זי בלייבט־איבער ביי דער טיר, ווען אַלע האָבן שוין דאָס צימער פאַרלאָזט

ד״ר זילבער

איר האָט מיר וואָס צו זאָגן, מיסעס אַלטמאַן?

מיסעס אַלטמאַן

אָן ווערטער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ

ד״ר זילבער

בעמט זי איידל אונטערן אָרעם, פירט זי צו זיין טיש, זעצט זי אַוועק אויף אַ שטול נעבן זיך

וואָס קאָן איך טון פאַר אייך, ליבע מיסעס אַלטמאַן?

מיסעס אַלטמאַן

ד״ר זילבער, נאָך דעם ווי איך האָב אייך היינט געהערט רעדן האָט זיך מיין האַרץ אויפגעעפנט פון אייערע ווערטער — און איך בין געקומען צו אייך אַ אירנדע און אַ פאַרלוירענע אין מיין צער, אַז איר זאָלט מיר ווייזן דעם וועג — זי וויינט

ד״ר זילבער

באַרואיגט זי, גלעטנדיג זי

נו, נו, מיסעס אַלטמאַן, אַלעס וואָס מיר וועלן קאָנען טון...

מר–ס אַלטמאַן

ד״ר זילבער, איך האָב עפּעס מיט אייך צו רעדן אַליין — קוקט זיך פאַרלעגן אום אויף דער זיצנדער מוטער, וועלכע, ווי אין אַנהויב אַקט, זיצט אַלץ אויף דעמזעלבן פּלאַץ, נישט צו באַוועגן זיך פון אָרט

ד״ר זילבער

שטערט אייך מיין מוטערס זיין?

מיסעס אַלטמאַן

וואָס איך האָב צו רעדן מיט אייך, ד״ר זילבער — האַקט־אָפּ און ווערט רויט

ד״ר זילבער

גייט־צו צו דער מוטער, נעמט זי זאַנפט אָן בײַ דער האַנט און זאָגט איר אײַ־ אויער אַרײַן

מוטער, מיסעס אַלטמאַן איז געקומען צו מיר נאָך גײַסטיגער־ הילף. זי האָט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן, וואָס אײַער דאָ־ זײַן שטערט איר. ווילט איר נישט אַזוי פֿרײַנטלעך זײַן אַרײַנצוגיין צו קלאַרען אויף אַ פּאָר מינוט? — איך קום באַלד צו אײַך.

מוטער

קוקט־אָן איר זון שטרענג, רעדט, ווי זי וואָלט פֿון אַ בוך אַרויסגעלייענט מיט אַ טיפֿער הוילער שטימע, נישט זשעניִרנדיג זיך, וואָס מיסעס אַלטמאַן איז דאָ:

ביסט זיכער, סאַלאָמאָן, אַז דו קאָנסט געבן מיסעס אַלטמאַן די גײַסטיגע הילף, וואָס זי איז געקומען זוכן בײַ דיר?

ד״ר זילבער

ווערט אין ערשטן אויגנבליק פֿאַרוואונדערט, טראַכט נאָך, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען, זאָגט מיט אַ גוטן שמייכל

איך בין מיר נישט באַוואוסט, מוטער, צו האָבן געטון עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל מיך באַרויבן פֿון מײַן רעכט אויסצופֿירן מײַן גײַסטיגן אַמט. ווייסטו, אפֿשר, וועגן עפּעס אַזעלכעס?

מוטער:

שטרענג, קאַלט

נישט וועגן דיר אַליין, נאָר וועגן דײַן הויז.

ד״ר זילבער

ווערט דערשראָקן, צוערשט צעמישט — פֿאַסט זיך

עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל מיר אַוועקנעמען דאָס רעכט...

מוטער

שאָקלט מיטן קאָפּ לאַנגזאַם אויף יאָ

ד״ר זילבער

קלערט אַ ווײַלע, צעמישט

האָסטו מיר עפּעס וואָס צו זאָגן, מאַמע?

מוטער

שאָקלט מיטן קאָפּ לאַנגזאַם, ווי פֿריִער, אויף יאָ

ד״ר זילבער

און דאָס — איידער איך הער־אויס מיסעס אַלטמאַן?

מוטער

אַקצענטירנדיג

איידער דו גייסט אויספירן דיין גייסטיגן באַרוף.

ד״ר זילבער

גייט־אַריבער צום טיש, וואו מיסעס אַלטמאַן זיצט

טייערע מיסעס אַלטמאַן, איך ווייס אַז אַזעלכע מאָמענטן ווי־
דער איצטיגער, וועלכער האָט אייך געבראַכט צו מיר, טאָר
מען נישט אַדורכלאָזן, נישט אָפּלייגן — און דאָך בין איך
געצוואונגען אייך צו בעטן, ליבע מיסעס אַלטמאַן, מיין האַרץ
איז אָפן פאַר אייך צו יעדער צייט... איצט אָבער איז פאַר
מיר אוממעגלעך אייך אויסצוטיילן די הילף, וואָס איר בעט
ביי מיר. מיין מוטער האָט מיר עפּעס זייער וויכטיגס איבער־
צוגעבן. אויך מיר, ביי וועלכע איר קומט רופן גייסטיגע
הילף זענען נאָר מענטשן, נישט קיין מלאכים. איר וועט
דאָך מיר מוחל זיין, ליבע מיסעס אַלטמאַן?

מיסעס אַלטמאַן

אָפּגענאַרט

אַזעלכע מאָמענטן, וואָס האָבן מיך געבראַכט צו אייך הזרן
זיך איבער זייער זעלטן, ד״ר זילבער: — פאַרלאָזט די שטוב מיט

קאָפּנייגונג

ד״ר זילבער

גייט ווייטאָג

איך ווייס עס, גוטע מיסעס אַלטמאַן, איך ווייס עס. באַגלייט

זי ביז דער טיר

ד״ר זילבער

דירעקט נאָענט צו דער מוטער

איך פאַרשטיי, אַז עס מוז עפּעס זיין זייער ערנסטעס, וואָס
האָט אייך באַוואויגן מיר צו שטערן אויסצופירן גאָטס אַ טאַט.

מוטער

ווען דו האַלטסט דיין באַרוף פון גאָטס טאַט פאַר אַ הייליגע

פריווילעגיע, ווי דיין פאָטער, ווי מיין פאָטער האָבן עס געהאַלטן.

ד״ר זילבער

ברוגזדיג

איך בין מיר גאָרנישט באַוואוסט צו האָבן געטון עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אייך געבן רעכט צו צווייפלען אין דעם.

מוטער

דיין פאָטער און מיין פאָטער האָבן מיך געלערנט, ווען מען שיסט פון אַ קאַנאָן, מוז די רער זיין ריין. ביסטו נאָר זיכער, אַז דער עמוד, אויף וועלכן דו שטייסט, איז אַליין נישט אַדורכגעפוילט פון דער קרענק, וועלכע דו ווילסט היילן מיט דיינע ווערטער?

ד״ר זילבער

שרייט־אויס

מוטער! באַרואיגט

וואָס ברענגט אייך צו רעדן צו מיר אַזעלכע ווערטער? זאָגט, וואָס האָט איר געגן מיר? וואָס באַרעכטיגט אייך צו דעם? איך בעט אייך.

מוטער

טרוקן־שטאַרק

דענסטמאָל, ווען דו ביסט געשטאַנען דערינען ביי דיין עמוד און געפּרעדיגט פאַר דיין עדה וועגן דער ריינקייט פון דער פאַמיליע, וועגן מאָראַל, שיינקייט און אַנדערע ברכות פון מענטשלעכער טוגנעד, איבער וועלכע זיי האָבן דיך אַזוי געריכט דאָ — ווייסטו, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין דיין הויז?

ד״ר זילבער

בלייך פאַר כעס, אָבער געהאַמערט

איך בין אייך פיל שולדיג נאָכן נאַטור און נאָכן געזעץ, נאָר אַלעס האָט דאָך אַ סוף. באַרעכנט איר, וואָס איר זאָגט? זאָל זיך עס נישט אַרויסשטעלן פאַר וואָר, בעט

איך צו מיין גאָט, אַז ער זאָל מיך נישט ברענגען צו קיין זינד.

מוטער

זאָל עס יאָ זיין וואָר — פאַרלאַנג איך פון דיר, אַז דו זאָלסט האַלטן דיין וואָרט, וואָס דו האָסט ערשט געזאָגט פאַר דיין בכבוד׳ער עדה, איינצוצאָלן אַלצדינג, וואָס דו פאַר־מאָגסט, די וועקסלען, וואָס דו האָסט אַרויסגעגעבן.

ד״ר זילבער

גייט־צו צו דער טיר, עפנט זי אויף און רופט־אריין

קלאַראַ! קלאַראַ!

יונגע מיסעס זילבער קומט־אַרויס זייער לאַנגזאַם, רואיג־פּאַוואָנדערט, זי איז אָנגעטון צום אַרויסגיין אויף דער גאַס, קאָקעטיש, נישט ווי פאַר אַ רבס אַ ווייב, אין הוט, פאַרקנעפּלענדיג זיך די האַנדשו

דו האָסט מיך גערופן, זילבער? זי רופט איר מאַן נישט ביים ערשטן נאָמען, נאָר ביים פאַמיליען־נאָמען

ד״ר זילבער

דערהערנדיג זי — ווערט ער ווי דערשראָקן, ענדערט דעם טאָן:

וואָס האָט מיין מוטער געגן דיר, קלאַראַ?

קלאַראַ

גאַנץ רואיג

דאָס ווייס איך שוין נישט, דאָס באַדאַרפסטו שוין פרעגן דיין מוטער! מיר איז דאָס גלייך. וויל אַרויסגיין

ד״ר זילבער

קוקט־אָן פאַרלעגן זיין מוטער, — די מוטער קוקט אויף אים מיט אַ פאַראַכטענדן בליק

מוטער

צו דער יונגער מר—ס זילבער

ווער איז דאָ געווען דערינען ביי דיר, ווען מיין זון איז געשטאַנען און געפּרעדיגט אין סינאַגאָגע?

קלאַראַ

גלייכגילטיג

מ—ר רובינשטיין.

ד״ר זילבער

רובינשטיין, דער מוזיקער — ? ער קוקט-אָן די מוטער, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן, און דאָס איז אַלעס — איז וואָס איז ? ער זאָגט דאָס נישט אויס מורא פאַר דער מוטער, כאָטש פון זיין מינע קאָן מען עס אַראָפּלעזן

קלאַראַ שאָקלט מיטן קאָפּ אויף: יאָ, אַז דאָס איז דער מוזיקער

מוטער

און וואָס האָט ער געטון דאָ, דער מוזיקער, ווען מיין זון האָט דערינען געפּרעדיגט ?

קלאַראַ

ער האָט געשפּילט מיט מיר אויף דער פּיאַנאָ אין פיר הענט שובערט.

מוטער

אויפגעבראַכט

און דאָס איז אַלעס ? — געשפּילט ! און די שושקערייען און דאָס אַרומיאָגן זיך איבער די שטובן — און נאָך עפּעס, וואָס איך וויל נישט איבער מיינע ליפּן ברענגען. איך בין דאָ געזעסן און צו אַלעם זיך צוגעהערט.

קלאַראַ

טוט מיר זייער לייד — וואָלט איר נישט באַדאַרפט דאָ זיצן — וואָלט איר נישט געווען געהערט.

ד״ר זילבער

קלאַראַ — ?

קלאַראַ

אומגעדולדיג

זילבער, איך בין נישט אויפגעלעגט אויסגעהערט צו ווערן פון אַן אינקוויזיציע. — זי באַוועגט זיך ווי אַרויסצוגיין

ד״ר זילבער

פאַרהאַלט איר דעם וועג

קלאַראַ, איך מוז מיט דיר רעדן ! מוטער, ווילסט דו נישט אַזוי פריינטלעך זיין און לאָזן אונז אַליין אין דעם ערנסטן מאָמענט ?

מוטער

איך בין דאָ צו פֿאַרטרעטן דעם צד פֿון גאָט.

ד״ר זילבער

דעם צד פֿון גאָט פֿאַרטרעט איך, מאַמע.

מוטער

נאָר איך ערוואַרט פֿון דיר, מיין זון, איינצוצאָלן די וועקס־לען, וואָס דו האָסט אַרויסגעגעבן.

זילבער

די מאַנער וועלן שוין אַליין קומען — ווען זיי וועלן פֿעליג ווערן

די מוטער פֿאַרלאָזט דאָס צימער, נישט צו שענקען אַ בליק פֿאַר דער שנור

ד״ר זילבער

קוקט־אָן זיין ווייב, ווען זיי בלייבן אַליין — דאַן זאָגט ער מיט אַ טיפֿער ווייכער שטימע, אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן געריידט צו איינעם פֿון די דאַוונערס פֿון זיין שול

קלאַראַ, ווילסטו דיך נישט אַוועקזעצן נעבן מיר — דאָ ביים טיש?

ער ווייזט איר אָן אויף אַ שטול, וועלכן עס האָט פֿאַר אַ פּאָר מינוט פֿאַרלאָזט מיסעס אַלטמאַן

קלאַראַ

זעצט זיך אַוועק ביים טיש

וועל, זילבער.

ד״ר זילבער

איך וועל צו דיר רעדן קלאַראַ, נישט ווי אַ מאַן, וואָס מען האָט באַליידיגט, באַעוולהט — דעם מאַן וועלן מיר איצטער אַרויסלאָזן. איך וויל רעדן צו דיר אַלס פֿריינט, אַלס אויפֿריכטיגער פֿריינט, וואָרום וואָס ס׳זאָל נישט האָבן געשען צווישן אונז — גלויב איך דאָך, אַז דו צווייפֿלסט נישט אין מיין פֿריינטשאַפֿט צו דיר. —

קלאַראַ

מיט ביטול און פֿאַראַכטונג

דו רעדסט צו מ׳ר, זילבער, ווי איך וואָלט קומען צו דיר — ווי צום ר׳עוורענד. לאַכט

ד״ר זילבער

וועלכער האָט זי געלאָזט אויסלאַכן — פּאַסט זיך

יאָ, אַז דו ווילסט — אַלס רעוורענד. איך דענק, אַז אַפילו אין אַזעלכע מאָמענטן, אין אַזעלכע סיטואַציעס — טאָרן מיר זיך נישט פאַרגעסן — נישט צו משפּטן — דאָס געהער צו גאָט — נאָר צו פאַרשטיין, צו העלפן, צו ליבן, און גלויב מיר — ווי טיף דאָס געשפּרעך רירט נישט אָן מיינע הייליגסטע און אינערלעכסטע געפילן, דאָך האָף איך, אַז מיט דער הילף פון דעם אין וועמענס נאָמען איך רעד — וועל איך זיך קאָנען אויפהויבן העכער פון מיינע פּערזענלעכע קליינלעכע לײדן, און אויפעפענען מיין גאַנץ האַרץ, מיין גאַנצע נשמה פאַר דיר — דיך צו פאַרשטיין, צו פילן.

קלאַראַ

אָבער, זילבער, איך בין נישט געקומען צו דיר זוכן קיין גייסטיגע שטיץ. —

ד״ר זילבער

איך ווייס עס. אפשר בין איך צו דיר געקומען זוכן גייסטיגע הילף — איך באַדאַרף זי יאָ.

קלאַראַ

אומגעדולדיג

צו וואָס האָסטו מיך אַוועקגערופן? — וואָס ווילסטו אויסגעפינען? — זאָג!

ד״ר זילבער:

קלאַראַ, דו מיינסט, אַז איך זע נישט, איך פיל נישט, איך פאַרשטיי נישט. — קלאַראַ, לאָז מיך דיר אָפן זאָגן, אַז עס איז עפּעס וואָס געשען — וואָס איך גלויב און איך האָף, אַז עס איז נישט. — איז עס מיין שולד? נישט דו האָסט געזינדיגט געגן מיר, נאָר איך געגן דיר — שוין דערמיט אַליין וואָס איך האָב חתונה־געהאַט מיט דיר — וואָס איך האָב געמאַכט אַזוי. —

איך ווייס, אַז דו האָסט מיך קיינמאָל נישט ליב געהאַט, אַז דו האָסט חתונה-געהאַט פאַר מיר אויס רעטונג. עס איז געווען דענסטמאָל, ווען עס האָט זיך געטראָפן מיט דיר די אומאָנגענעמע פּאַסירונג. דיין משפחה האָט געזוכט אַן אויסוועג. — — —

קלאַראַ

רויט ווערנדיק, האַקט אים איבער

איך וויל נישט רעדן דערפון!

ד״ר זילבער

זיכער

אָבער איך וויל יאָ רעדן דערפון. — ווען דו ביסט דורך דער פּרעסע אַזוי קאָמפּראָמיטירט געוואָרן — פון דער משפחה באַטראַכט אַלס געפאַלענע — פון באַקאַנטע און פריינט פאַרלאָזט — בין איך געווען דער איינציגער מענטש, וואָס איך האָב גערעדט צו דיר ווי צו אַ פריינט, ווי אַ ברודער — האָסטו זיך געוואָרפן אין מיינע אָרעמס אויס פאַרצווייפלונג, ווי מען וואַרפט זיך אין אַ גרוב אַליין לע-בעדיגערהייט — אָבער ליב געהאַט האָסטו מיך קיינמאָל נישט.

קלאַראַ

רויט ווערנדיק, פאַרשעמט

אָבער עס איז דאָך נישט אַזוי, עס איז דאָך נישט אַזוי!

ד״ר זילבער

יאָ, איך ווייס עס — און איך האָב גאָרנישט געטון צו געווינען דיין ליבע — איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט צו דיר. —

קלאַראַ

אומגעדולדיק, אויפגערעגט, שרייט כמעט אויס

איך וויל נישט רעדן דערפון. איך וויל נישט הערן. צו דעם האָסטו מיך אַריינגערופן, איבערצוחזרן מיר — זאָג! וואָס ווילסטו וויסן פון מיר? זאָג! זאָג אַלעס אָפן אַרויס! — וואָס ווילסטו וויסן, זילבער?

ד״ר זילבער

דערשראָקן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו קומען דערצו, שטאַמלט מיט הארץ־קלאַפּעניש, אָבער ציילט די ווערטער

וואָס איך וויל וויסן? וואָס איך וויל וויסן? — האָב איך נאָך, קלאַראַ, אַ רעכט צו שטיין דערינען אויף מיין בעלעמער און צו פּרעדיגן דאָס, וואָס איך פּרעדיג, קלאַראַ?

קלאַראַ

שווייגט עקשנותדיג, קוקנדיג אים גלייך אין די אויגן

ד״ר זילבער

דו שווייגסט? איך ווייס, איך ווייס דיין שוואַכקייט צו יענעם דאָרט. די מאַמע האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט... איך קאָן עס פאַרשטיין, איך קאָן עס באַגרייפן אפשר.

מאַן און ווייב מיידן־אויס די בליקן — קלאַראַ לאָזט־אַראָפּ די אויגן, אַ לאַנגע פּיינלעכע פּויזע

ד״ר זילבער

מיט הארץ־קלאַפּונג, שטאַמלענדיג די ווערטער

איך וויל נישט וויסן קיין דעטיילן, איך פרעג דיך נישט אויס, איך משפט נישט. — איך וויל נאָר וויסן — פאַר מיר אַליין וויסן — צי האָב איך נאָך אַ רעכט צו שטיין אויפן בעלעמער און צו פּרעדיגן דאָס, וואָס איך פּרעדיג.

קלאַראַ שווייגט אומגעדולדיג — הויבט זיך אויף ווי אַרויסצוגיין

ד״ר זילבער

דו ווילסט מיר נישט זאָגן — ווילסט מיר נישט ענטפערן *בעטנדיג זיך ביי איר* איין וואָרט, איין וואָרט נאָר, און איך וועל דיר גלויבן — און איך וועל מיין שטערן אויסשטעלן געגן דער גאַנצער וועלט. יאָ, גיב מיר די פאַרזיכערקייט, אַז עס איז גאָרנישט געשען צווישן דיר און יענעם דאָרט — וועלכעס זאָל אונטערשניידן מיין עמוד, אויף וועלכן איך שטיי. — איך וויל גאָרנישט מער וויסן. גאָרנישט מער פרעגן. נישט משפטן.

ק ל אַ ר אַ

מיט כעס צו זיך שטאַמלט

גאָרנישט מער וויסן, גאָרנישט מער פרעגן, גאָרנישט מער משפטן.

ד"ר ז י ל ב ע ר

וואָס רעדסטו צו דיר אַליין, מיט שרעק ווי אַזוי זאָל איך פאַרשטיין דיין שוויגן?

ק ל אַ ר אַ

שאַרף מיט פאַראַכטונג

דעם מאַן מוז איך ענטפערן, דעם רעווערענד ערלויב מיר צו פאַרשוויגן.

ז י ל ב ע ר

דערשראָקן

דעם רעווערענד, האָסטו געזאָגט! — דעם רעווערענד!

ק ל אַ ר אַ

שטאַרק

יאָ, דעם רעווערענד. דער מאַן פאָדערט. און אַז מען באַדאַרף, שלאָגט ער. — דער רעווערענד בעט: אָ, ווי מיד איך בין שוין דערפון גייט-אַרויס צו דער טיר מיט ענערגישע טריט

ד"ר ז י ל ב ע ר

לויפט פאָרויס, פאַרהאַלט זי, נעמט זי אָן שטרענג ביי דער האַנט

ניין, קלאַראַ, יעצט וועסטו מיר שוין אַלעס זאָגן ער קוקט זי אָן מיט אַ שטרענגן פעסנדיגן בליק

ק ל אַ ר אַ

ווערט דערשראָקן, שטעלט זיך אָפּ אין מיטן שטוב מיט אימה

איך האָב דיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן. וואָס ווילסטו?

ד"ר ז י ל ב ע ר

פאַרענדערט פלוצים דעם טאָן בעטנדיג זיך קלאַראַ, קלאַראַ—דו קאָנסט מיך נישט לאָזן אַזוי און אַוועקגיין.

ק ל אַ ר אַ

און אַז איך וועל דיך שוין באַרואיגן, אַז דער רעווערענד קאָן דערינען גאַנץ רואיג שטיין און פרעדיגן ווייטער זיינע

דרשות, אַז זיין ווייב האָט גאָרנישט געטון אַזעלכעס, וואָס זאָל אונטערשניידן זיין עמוד, אַז עס עקזיסטירט נישט צווישן איר און יענעם דאָרט קיינע אַזעלכע באַציאונגען – וואָס זאָלן... נו... נו... – וועט שוין גוט זיין, וועט דער רעווערענד שוין צופרידן זיין?

ד״ר זילבער

הויבט-אויף די הענט

איך דאַנק דיר גאָט מיט פרייד איך האָב עס געוואוסט – קלאַראַ – מיין געליבט ווייב. – וויל זי אַרומנעמען

קלאַראַ

מאַכט זיך אַרויס פון אים, לאָזט זיך נישט אַרומנעמען

נו, קאָן איך שוין יעצט גיין? וויל אָפגיין

ד״ר זילבער

נעמט זי אָן ביי דער האַנט, לאָזט זי נישט אָפּ

מיינסטו ווירקלעך, קלאַראַ, אַז עס איז נאָר דער „רעווערענד", וואָס איז געוואָרן „באַרואיגט"! – זעסטו נישט, אַז אונטער דעם „רעווערענד" שטייט נאָך ווער אַנדערש?

קלאַראַ

דעם מאַן האָב איך נישט געזען.

ד״ר זילבער

אפשר איז דאָס דער מענטש, וואָס מיט זיך צו פאַרשטיין דעם אַנדערן מענטש – ווען עס איז אַפילו זיין אייגן ווייב.

קלאַראַ קוקט אים אָן

ד״ר זילבער

דו זידלסט מיך מיטן נאָמען „רעווערענד". ביי דיר איז עס אַ שוואַכקייט, ביי מיר אַ שטאַרקייט. יאָ, קלאַראַ, איך בין נישט מער ווי אַ רעווערענד און לאָז מיך זיין אַ רעווערענד, אַפילו דאָ ביי דעם ענין. ווייסטו וואָס אַ רעווערענד איז? –

אַ רעווערענד איז דער, וואָס שטייט אין מיטן דער הויך, וועמענס האַרץ עס גייען-אַדורך די געפילן פון גערעכטן און אומגערעכטן, פון ריינעם און פון זינדיגן – ער וויל פאַרשטיין אַלע – ניין, קלאַראַ, נישט קיין דין-וחשבון האָב איך פאַרלאַנגט פון דיר – נישט משפטן און מוחל זיין. –

אין דעם פּרווו, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט, ווײַל איך מער נישט זײַן קיין „רעוורענד", — פּילן, פּאַרשטײַן און ליבן.

קלאַראַ

אין אַלע אופנים?

ד"ר זילבער

אין אַלע.

קלאַראַ

האָסטו דען גאָרנישט קיין לײַדנשאַפט אײנמאָל צו זײַן דו!

ד"ר זילבער

איך בין, — איך. דאָס איז מײַן איך. און איך דאַנק גאָט פאַר דעם „איך", וואָס ער האָט מיר געגעבן, קיין אַנדער „איך" ווײַל איך נישט זײַן.

קלאַראַ

ווי שפּילנדיג זיך מיט אים

און וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט דיר געווען געזאָגט, אַז עס האָבן טאַקע עקזיסטירט, און עס עקזיסטירן טאַקע צווישן מיר און דעם מאַן, דאָס וואָס דײַן מאַמע רופט-אָן זינדלעכע באַציאונגען, אַז עס איז עפּעס טאַקע געווען אַזעלכעס? — וואָלסטו אויך נישט מער געוואָלט, נאָר „פאַרשטײַן, פּילן און ליבן" — און נישט משפּטן? — ווי דו זאָגסט, וואָלסטו נישט פון הויט געשפּרינגען?

ד"ר זילבער

קלאַראַ, איך בעט דיך, חזר דאָס נישט איבער — איך בעט דיך, טו דאָס נישט.

קלאַראַ

מיט טריאומף

אַהאַ, זעסטו שוין זיכער אַלזאָ, זאָלסטו וויסן, זילבער, איך האָב דיר פריער ליגנט געזאָגט. — יאָ, זילבער, צווישן מיר און דעם מאַן עקזיסטירן...

ד"ר זילבער

שרײַט-אויס

קלאַראַ? — *כאַפּט זי אָן בײַ די הענט און טרייסלט זי* עס איז נישט אמת, זאָג?

קלאַראַ

לײַכט טריאומפירנדיק

וואו איז דער רעוורענד? וואו איז דאָס „פּאַרשטײַן, פילן און ליבן"? – ווײַל דו ווײסט, אַז עס איז גאָרנישט געווען צווישן מיר און יענעם דאָרט – נאָר דאָס, וואָס מיר שפּילן דעם אומשולדיקן שובערט צוזאַמען. – יעצט זע איך, אַז עס איז אַלעס ווערטער, ווערטער. קוים וואָלסטו נאָר ווירקלעך געמיינט, אַז עס איז עפּעס ערנסטעס – אָ, וואָלסטו שוין גאַנץ אַנדערש געהאַנדלט. יעצט זע איך, – פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע מענער.

ד״ר זילבער

געריירט

ווי אַזוי זאָל איך עס פּאַרשטײַן? ווי אַזוי? ווי אַזוי?

קלאַראַ

רײַצנדיק זיך מיט אים

פּאַרשטײ עס ווי דו ווילסט גוטמוטיק, מיט אַ פרײַנטלעכן שמייכל צו אים אַהאַ, נו, יעצט ווייס איך עס איז דאָ עפּעס אַזעלכעס, פאַר וועלכן דער „רעוורענד" אַנטלויפט אויך – און עס בלײַבט נאָר איבער דער „מאַן".

ד״ר זילבער

געריירט, נעמט זי אָן בײַ דער האַנט און קוקט איר אין די אויגן אַרײַן

זאָג מיר, קלאַראַ, ביסטו גליקלעך מיט מיר? – ווילסטו זײַן מיט מיר? – זאָג מיר, וואָס זאָל איך טון, אַז דו זאָלסט גליקלעך זײַן? ווי אַזוי זאָל איך האַנדלען – נישט פאַר מיר, נאָר פאַר דיר זאָגט אין דער שטיל, געריירט איך האָב דיך אַזוי ליב. – קלאַראַ, וואָס זאָל איך טון?

קלאַראַ

גאָרנישט זאָלסטו טון. וואָס ווילסטו? איך בין דאָך צופרידן מיט מײַן מזל – איך וויל גאָרנישט, נאָר פּײַניק מיך נישט – פרעג מיך נישט. איך בין אַזוי מיד זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול, שוואַך און פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט די אויגן

ד״ר זילבע

גערירט

קלאַראַ — מיין טייערע, געליבט ווייב מיינס ער בייגט זיך

אַראָפּ, נעמט איר די האַנט און קושט זי ברענענדיג קלאַראַ, מיין

געליבטע קלאַראַ!

קלאַראַ

בעמט־צו די האַנט און פאַרשטעלט זיך מיט איר דאָס פּנים

קוש נישט, סאַלאָמאָן, קוש נישט.

ד״ר זילבער

פאַרוואָס? דו ביסט דאָך מיין...

קלאַראַ

דו ווייסט נישט, סאַלאָמאָן — דו ווייסט נישט —

ד״ר זילבער

וואָס ווייס איך נישט? וואָס — קלאַראַ?

קלאַראַ

אַלץ פאַרמאַכנדיג די אויגן מיט אירע הענט

גאָרנישט, סאַלאָמאָן. גאָרנישט. פרעג נישט, פרעג נישט.

ד״ר זילבער

גערירט

איך פרעג גאָרנישט — איך וויל גאָרנישט וויסן, איך ווייס

נאָר, אַז דו ביסט מיין געטריי געליבט ווייב ער גייט צו

צו דער טיר און רופט־אַריין

מאַמע, מאַמע!

קלאַראַ

וואָס טוסטו?

ד״ר זילבער

זאָגן וויל איך עס איר.

מוטער

קומט־אַריין שטאָלץ

וואָס האָסטו מיך גערופן?

ד״ר זילבער

שטאַרק

מוטער, מוטער — דו האָסט געוואָרפן אַן אומגערעכטן און

ביי‍זן חשד אויף מיין ווייב — דו זאָלסט וויסן, מוטער, אַז מיין ווייב איז אַן אומשולדיגע ריינע יידישע פרוי.

מוטער

איז דאָס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט זאָגן?

ד״ר זילבער

יאָ, מוטער, און נאָך עפּעס: די, וואָס רעדן אויס אויף איר, זענען... ער ענדיגט נישט דעם זאַץ

מוטער

האָט זי זיך נאָר פאַר דיר אין אַלעמען פאַרטרויט? אין אַלעם?

ד״ר זילבער

נישט זי פאַר מיר, נאָר איך פאַר איר — האָב זיך אין אַלעם פאַרטרויט. — מיין פרוי האָט זיך אין גאָרנישט צו פאַרטרויען, אין גאָרנישט וואָס מודה צו זיין.

מוטער

ערשטוינט

דו — פאַר איר? האָסטו געהאַט עפּעס אַ זינד געגן דיין פרוי, אין וועלכער דו האָסט דיך באַדאַרפט מודה זיין?

ד״ר זילבער

יאָ, מאַמע, אין אַ גרויסער זינד, אַן אומפאַרגעבלעכע.

מוטער

וועגן דעם האָב איך נישט געוואוסט.

ד״ר זילבער

אָבער איך האָב געוואוסט, מיין פרוי האָט זיך אין גאָרנישט וואָס מודה צו זיין, גאָרנישט וואָס צו פאַרטרויען. — איך, איך, איך. — איר זענט באַגאַנגען אַ גרויסע אומגערעכטקייט, מוטער, געגן אַן ערלעכער אומשולדיגער פרוי, און איך ראָט אייך, מיט מיין גאַנץ האַרץ, מיט מיין גאַנץ געוויסן, אַלס דער פרעדיגער פון אייער סינאַגאָגע, אַז איר זאָלט די אָרעמע אומשולדיגע פרוי מחילה בעטן, ווען איר ווילט זיך נישט פאַרזינדיגן פאַר אייער גאָט.

מוטער

אויפגערעגט

איך זאָל די פרוי מחילה בעטן?

ד״ר זילבער

יאָ, מוטער — איר זענט באַגאַנגען געגן איר אַן אומגערעכט־קייט, און איך בעט צו גאָט, אַז ער זאָל עס אייך פאַר־געבן, — איך ראָט אייך מיט מיין גאַנצן געוויסן, אַז איר זאָלט די פרוי מחילה בעטן.

מוטער

גייט צו דירעקט צו קלאַראַן און באַמיט זיך איר צו קוקן אין די אויגן אַריין

אַז איך האָב געזינדיגט כּיט עפּעס געגן אייך? — די ביידע פרויען קוקן זיך אַ מינוט אָן. קלאַרא נעמט אוועק די אויגן פון דער מוטערס און לאָזט זיי אַראָפּ צו דער ערד

מוטער

שרייט־אויס

ניין, ניין, ניין, איך האָב די פרוי אין גאָרנישט וואָס איבערצובעטן. — גייט־אַרויס מיט שטאָלצע טריט

ד״ר זילבער

ווען איר טוט דאָס נישט, וועל איך עס טון פאַר אייך

זילבער גייט צו צו קלאַראַן

קלאַראַ, זיי מוחל מיין מוטער.

די מוטער

שרייט־אויס פון איר אָרט

ניין, ניין האָב איך געזאָגט, איך האָב די פרוי אין גאָר־נישט וואָס איבערצובעטן.

די מוטער קוקט זי אָן, קלאַרא פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט דער האַנט. — די מוטער פאַרלאָזט דאָן דאָס צימער מיט אַ געהויבענעם שטאָלצן קאָפּ, נישט אומקוקנדיג זיך אויף זיי

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

דאָס זעלבע צימער

ד"ר זילבער זיצט אויבן ביי זיין אַרבעטס-טיש.

קלאַראַ

קומט-אַריין פון די אינעווייניגסטע צימערן

האָסט מיך גערופן?

ד"ר זילבער

יאָ, קלאַראַ, עס איז וועגן די לייט, וואָס האָבן היינט בייי אונז צו זיין, דו ווייסט דאָך, די פאָרשטייער פון דער סינאַגאָגע. עס איז צוליב דעם רעליגיעזן צענטר. — היינט זאָל עס געשאַפן ווערן. מיסטער פוקס האָט צוגעזאָגט צו קומען. דאַכט זיך דיר נישט, אַז מען וואָלט באַדאַרפט די לייט פאַרבעטן נאָך דער זיצונג אין עס-צימער אויף אַ גלעזל טיי.

קלאַראַ

קאַלט

אַז דו מיינסט, עס איז נויטיג — דו ווייסט, איך קאָן זיך נישט אין די זאַכן.

ד"ר זילבער

יאָ, איך מיין אַזוי. נאָך אַלעמען ווערט דאָך היינט פאַרווירקלעכט אַ גרויסע זאַך פאַר מיר. — עס ווערט, אַזוי צו זאָגן, רעאַליזירט אַ לעבנס-אַמביציע פון מיר. גייט צו צו איר ניין, ערלויב מיר צו זאָגן — אַ לעבנס-אַמביציע פון אונז.

קלאַראַ

איך ווייס דיר מיט אַן אמת נישט וואָס צו עצה'ן. איך מיין, אַז דו האָסט דיך באַדאַרפט פרעגן ביי דער מאַמען, ווי זי האָט זיך געפירט אין אַזעלכע פאַלן.

ד"ר זילבער

יאָ, דו האָסט רעכט. — יאָ, איך מיין, די לייט ערוואַרטן צו זען די מאַמע היינט אָוונט, מיסטער פוקס און די אַנדערע. מען וואָלט באַדאַרפט בעטן די מאַמע, אַז זי זאָל זיך מיען היינט אָוונט.

קלאַראַ

זאָל איך זי לאָזן אַריינרופן? — מיר דאַכט זיך, אַז עס איז ס'בעסטע — וועסט איר אַליין זאָגן וויל ארויסגיין

ד"ר זילבער

עס איז נאָך דאָ צייט, איך וועל שוין אַליין רעדן מיט איר ער דערנענטערט זיך צו זיין ווייב און נעמט זי אָן ביי דער האַנט

קלאַראַ!

קלאַראַ

קאַלטלעך

סאַלאָמאָן.

ד"ר זילבער

קוקט זי אָן אַ מינוט אין שווייגן, גלעט זי איבערן שייטל

ווי שיין דיינע האָר זענען היינט אָוונט. דו האָסט זיי געוואַשן? שטענדיג נאָך דעם וואַשן זענען זיי אַזוי.

קלאַראַ

בעמט-אַוועק זיין האַנט פון איר שייטל

וואָס פאַר אידעען. — וויל אָפגיין

ד"ר זילבער

פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר? שטענדיג אַנטלויפסטו פון מיר. איך וויל רעדן מיט דיר.

קלאַראַ

איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט פאַרנומען, אַז עס באַדאַרף ווער קומען צו דיר.

ד״ר זילבער

פאַרוואונדערט, דערשראָקן

פון וואַנען ווייסטו, אַז עס באַדאַרף ווער קומען צו מיר?

קלאַראַ

איך ווייס עס נישט, נאָר איך גלויב אַזוי, איז דען נישט יעצט דיין עמפּאַנג-צייט?

ד״ר זילבער

עס באַדאַרף טאַקע ווער קומען צו מיר — נאָר נישט יעצט, עטוואָס שפּעטער, און אַ גוטער באַקאַנטער אויך, נאָר לאָמיר עס לאָזן. זאָג מיר, קלאַראַ, פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריג? פאַרוואָס אַזוי אומוטיג און אומרואיג — זייט אַ געוויסער צייט. שוין לאַנג איז ווי איך האָב די שיינע ליפּן נישט געזען שמייכלען, און שטענדיג פליגן דאָך די צימערן פאַרקלינגען פון דיין פריידיג געלעכטער. קיין פרייד אויף דיין פּנים, ווי מען וואָלט עפּעס פון דיר פאַריאָגט.

קלאַראַ

מיט אַ געמאַכט געלעכטער

אָ, סאָלאָמאָן, וואָס איז דאָס מיט דיר היינט? דו רעדסט דאָך שוין באַלד ווי די פּאָעטן אָדער ליבהאָבער פון די ביכלעך אַרויס — איך האָב עס קיינמאָל נישט געהערט פון דיר.

ד״ר זילבער

פאַרוואָס אַזוי ביטער, קלאַראַ? און איך האָב געמיינט, אַז מיר זענען שוין צום וואַנציגסטן גוטע פריינט, אַז מיר פאַרשטייען זיך איינער דעם אַנדערן — צייט דענסטמאָל, ווען מיר האָבן זיך דורכגערעדט.

קלאַראַ

מיט געבייזער, פאַרוואָלקנט דאָס פּנים

אָ, זילבער, דו ווייסט, אַז איך האָב נישט ליב ווען דו ווערסט סענטימענטאַל.

ד״ר זילבער

פאַרוואָס נישט ווערן סענטימענטאַל? איך זע נישט איין,

אַז סענטימענטאַליטעט איז אַזאַ שלעכטע מידה, מיט װעל־
כער מען באַדאַרף זיך שעמען.

קלאַראַ

שלעכט איז עס נישט, נאָר אַ סימן פון שװאַכקייט.

ד"ר זילבער

און אַז שװאַכקייט איז װאָס? איך מיין נישט, אַז אַלע
עמאָציעס, װאָס באַװייזן „שטאַרקייט", זענען דווקא שיין,
איידל און װירדיג, — פאַרקערט, איך מיין, אַז אָפטמאָל
פאַרראַט שװאַכקייט אַ געפיל פון ערלעכקייט, פון מענטש־
לעכקייט, פון ליבע, פון גוטסקייט — איך װייס נישט פאַר־
װאָס מיר שעמען זיך אַזוי מיט שװאַכקייט? מיין גוטע
קלאַראַ, מיר זענען נישט קיין געטער, מיר זענען
מענטשן.

קלאַראַ

איך האָב קיינמאָל נישט געצװייפלט, אַז דו קאָנסט שיין
רעדן. סאַלאָמאָן, איך גלויב אָבער נישט, אַז איך בין
אַ גוטע אוידיטאָריום.

ד"ר זילבער

ביטער, ענטױשט — פאַסט זיך אָבער

קלאַראַ, װען איך הער דיך אַזוי רעדן, װען איך קוק זיך
צו צו דיר אין דער לעצטער צייט — און איך זע, װי יעדע
פרייד איז אַנטלאָפן פון דיר — װי יעדער שמייכל איז אויס־
געלאָשן אויף דיין פנים — דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט
דיך געפאַנגען דאָ ביי מיר. ערלויב מיר, קלאַראַ, נאָך
אַמאָל צו שטעלן דיר אַן אָפענע און דירעקטע פראַגע:
ביסטו איבערהויפּט אַמאָל געװען גליקלעך מיט מיר — קאָנסטו
זיין גליקלעך מיט מיר? זאָג מיר, װאָס זאָל איך טון, אַז
דו זאָלסט זיין צופרידן, רואיג, גליקלעך? —

קלאַראַ

מיינסטו, אַז אַזעלכע פראַגן און ענטפערן קאָנען העלפן
אַריינברענגען האַרמאָניע אין אונזער צוזאַמענלעבן?

ד״ר זילבער

זיי קאָנען אָבער העלפן אַרויסצובאַקומען דעם אמת פון אונזער לעבן.

קלאַראַ

פאַרוואונדערט

דעם אמת? דעם אמת? איך האָב געמיינט, אַז דו זוכסט מער האַרמאָניע אין אונזער לעבן ווי אמת.

ד״ר זילבער

פאַרשעמט, פאַרטראַכט, טרויעריק

יאָ, דו האָסט רעכט, געוויס האָסטו רעכט, איך האָב געזוכט און איך זוך די האַרמאָניע אין אונזער לעבן. — אָבער גלויבסטו, קלאַראַ, אַז עס קאָן עקזיסטירן האַרמאָניע אָן אמת?

קלאַראַ

איראָניש

אין אַזעלכע זאַכן ווייס איך נישט וואָס צו רעדן — אַזעלכע זאַכן באַלאַנגען צו דיין באַרוף, און איך קוק־אַרויף צום רעווערענד, אַז ער זאָל מיך לערנען, ווי פילע מיטגלידער פון זיין עדה. —

ד״ר זילבער

ווי פאַר זיך

איך האָב נישט קיין מורא דערפאַר, קלאַראַ, איך בין שטענ־דיג גרייט געווען מקריב צו זיין דעם קליינעם טאָג־טעגלעכן אמת — פאַר אַ העכערן און פאַר אַ שענערן און פאַר אַ גע־רעכטערן. נאָר ווען עס איז דאָ — פאַר וואָס עפּעס מקריב צו זיין. איך האָב אָבער מורא, אַז צווישן אונז איז נישטאָ מער וואָס מקריב צו זיין, דורך דעם וויל איך דיך פרעגן גאַנץ אָפן: זאָג מיר, קלאַראַ — אַז איך וועל דיך באַפרייען פון מיר — וועסטו גליקלעכער זיין? צופרידענער דענסטמאָל? דערשראָקן ווי ביטער און ווי איינזאַם — איך וועל עס טון, קלאַראַ. איך וועל עס טון פאַרלוירן איך האָב דיך אַזוי ליב.

קלאַראַ

גערירט

אָבער איך בין דאָך צופרידן מיט מיין מזל – איך ווייס באמת נישט, וואָס דו ווילסט!

ד״ר זילבער

אָבער פאַרוואָס דיין שווייגן, דיין שוויגן, פון אַ געוויסער צייט – דער טרויער אויף דיין פּנים, און קיינמאָל נישט מער קיין שמייכל אויף דיינע ליפּן, קיינמאָל נישט מער קיין קלאַנג פון דער פּיאַנאָ פון אונטער דיינע פינגער – ווי דאָס שפּילן וואָלט פאַרשטומט געוואָרן אין דיר. וואָס מיינסטו, ווען איך האָב קיין אויגן נישט דאָס צו זען, איך האָב דאָך אַ האַרץ דאָס אַרויסצופילן – און איך האַלט זיך דאָך פאַר אַ גזלן, פאַר אַ מערדער, ווען איך זע דיך – ווי אַן אויסגעלאָשענע ביסטו. ווי אַ געפאַנגענער פויגל דרייסטו זיך אין מיין שטוב אַרום. איז דאָך מיר דאָס גאַנצע לעבן נישט ניחא. – זאָג מיר, קלאַראַ, וואָס זאָל איך טון, אַז דו זאָלסט גליקלעך זיין, צופרידן? איך וועל אַלעס, אַלעס טון.

קלאַראַ

אָבער איך בין דאָך צופרידן – איך קלאָג זיך נישט, סאַלאָמאָן.

ד״ר זילבער

ניין, נישט דאָס, נאָר איך פיל דאָך מען קלאַפּט אין טיר

קלאַראַ

הער-אויף, הער-אויף. מיר דאַכט זיך, סאַלאָמאָן, אַז עס וויל ווער אַריינקומען צו דיר.

ד״ר זילבער

נעמט דעם זייגער פון טיש

יאָ, דו האָסט רעכט, איך האָב וועמען באַשטעלט אויף יעצט ווי צו זיך. – קלאַראַ, גיי יעצט אַריין צו דיר – איך וועל שפּעטער עפּעס באַדאַרפן מיט דיר זיך דורכרעדן. – זאָג דאָך, קלאַראַ, דו ביסט דאָך פאַראינטערעסירט אין מוזי-קאַלישן אַנשטאַלט אין אונזער שטאָט?

קלאַראַ

פאַרוואונדערט:

וואָס עפּעס אַזאַ פראַגע אין מיטן דערינען? ווערט רויט

דר זילבער

גאָרנישט, גאָרנישט — איך וועל שפּעטער רעדן מיט דיר
וועגן דעם — גיי יעצט אַריין צו דיר ער באַגלייט זי, מאַכט
צו די טיר הינטער קלאַראַן

אַ צווייטער קלאַפּ אין פראָנט-טיר

דר זילבער

הויך

אַריין!

מ-ר רובינשטיין

עס איז אַ יונגערמאַן פון די לעצטע צוואַנציגער יאָרן, געקרייזלטע שוואַרצע האָר, אַ טרויעריג סלאַוויש געזיכט מיט קליינע וואָנסעלעך. — ער בלייבט-איבער ביי דער טיר

דר זילבער

פון דערווייטנס

מ—ר רובינשטיין?

רובינשטיין שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ

דר זילבער

גייט אים אַנטקעגן צו דער טיר

איר נעמט דאָך נישט פאַראיבל, וואָס איך האָב אייך
מטריח געווען צו מיר, — עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז
דאָס, וואָס איך וויל רעדן מיט אייך, וועט אַמבעסטן פּאַסן
אין מיין אייגן הויז.

רובינשטיין

קאַלטלעך

איך בין נייגעריג צו הערן, וואָס איר האָט מיר צו זאָגן.

דר זילבער

ווילט איר זיך נישט זעצן, מ—ר רובינשטיין? רובינשטיין זעצט
זיך ערשטנס, וויל איך וויסן ווי עס גייט אייך? וואָס איז
מיט אייער קאָנסערוואַטאָריע, וואָס איר פלאַנט צו גרינדן

אין אונזער שטאָט? האָט אייער פּראָיעקט געמאַכט גרויס פּראָגרעס דורך דער צייט, וואָס מען האָט אייך נישט געזען? איך גלויב, אַז אַזאַ אַנשטאַלט וואָלט געווען פאַר אונזער שטאָט אַ גרויס געווינס. אַ שיינער אָרנאַמענט. איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט מ–ר פוקס לעצטע וואָך.

רובינשטיין

פאַרוואונדערט

איך מיין נישט, אַז מיין קאָנסערוואַטאָריע איז געווען דער ציל פון אייער רופן מיך צו אייך, ד"ר זילבער.

ד"ר זילבער

פון וואַנעט ווייסט איר, אַז ניין? דאָס און נאָך עפּעס אַנדערש! נאָר דאָס אויך, פיל אויך. גוטמוטיג גלויבט איר נישט, אַז איך ווייס ווי אָפּצושאַצן אייער קולטורעלע אינ-סטיטוציע, וועלכע איר ווילט פאַרפלאַנצן אין אונזער שטאָט? — דעם איינפלוס צו שענערס, צו בעסערס, וואָס זי וועט האָבן אויף אונזערע איינוואוינער? אייגנטלעך טוען מיר איין און דיזעלבע זאַך, מ–ר רובינשטיין — איר דורך מוזיק און איך דורך פּראָזאַישע ווערטער.

רובינשטיין

איך דאַנק אייך פאַרן קאָמפּלימענט.

ד"ר זילבער

עס איז נישט קיין קאָמפּלימענט, עס איז נישט קיין חניפה. עס איז בלויז דער אמת, וואָס איך וויל זאָגן. מיר דאַכט זיך, אַז אייער אַנשטאַלט קאָן ווערן אַ קולטורעלער צענטר, וואָס וועט פאַרשפּרייטן די מוזיק-קונסט צווישן אונזער יוגנט. — פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין? מיסעס זילבער האָט אַזוי פיל מאָל גערעדט מיט מיר וועגן דעם. איך בין אייך גרייט צו העלפן אין דער רעאַליזירונג פון אייער פּלאַן. איך בין גרייט צו רעדן מיט מיינע פריינט איבער דער נויטיקייט פון אַזאַ אינ-סטיטוציע אין אונזער שטאָט.

רובינשטיין

ד"ר זילבער, מיינט איר עס ווירקלעך?

ד"ר זילבער

עס איז נישט מיין טבע — איינס צו זאָגן און עפּעס אַנדערש צו מיינען. איך זאָג דאָס וואָס איך מיין. —

רובינשטיין

ד"ר זילבער, איר ווייסט אַליין נישט וואָס איר טוט פאַר מיר.

ד"ר זילבער

מיסעס זילבער איז זייער פאַראינטערעסירט אין אַזאַ אַנשטאַלט. זי האָט מיט מיר גערעדט פיל מאָל וועגן דעם — זי וואָלט אייך געקאָנט העלפן אין אַזאַ אַנשטאַלט. — ווי איר ווייסט, איז זי דאָך אַ גרויסע ליבהאָבערין פון מוזיק. און זי האָט פיל צייט, זי וואָלט מיט אייך געקאָנט אַרבעטן אין דעם אַנשטאַלט.

רובינשטיין

פאַרוואונדערט, דערשטוינט

מיסעס זילבער, מיט מיר אין דעם אַנשטאַלט — ?

ד"ר זילבער

פאַרוואָס נישט? איך גלויב, עס וואָלט מיין פרוי פיל גוטס געטון — זי האָט ליב מוזיק — און אַזאַ אַנשטאַלט וואָלט איר געגעבן פיל גליק. איר ווייסט — ווען אַ מענטש האָט אַן אידעאַל.

רובינשטיין

רויט ווערנדיג

ד"ר זילבער, איך דענק נישט, אַז מיסעס זילבער מיט מיר צוזאַמען — —

ד"ר זילבער

פאַרוואָס נישט? איך האָב אייך טאַקע געוואָלט פרעגן, פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט לעצטע צייט אַריינקומען צו אונז אין שטוב? איך האָב אייך שוין לענגסט נישט געזען ביי אונז. — האָט איך ווער באַליידיגט, חלילה, ביי אונז, — געזאָגט אייך וואָס?

רובינשטיין

אלץ רויט און דערשראָקן

באַליידיגט — נישט, נאָר איך האָב געדענקט, אַז דער כבוד פון אייער שטוב פאַרלאַנגט עס.

ד״ר זילבער

אָ, דאָס מיינט איר שמייכלט. ניין, מיסטער רובינשטיין, איך מיין עס פאַרקערט. דער כבוד פון מיין שטוב פאַר־לאַנגט עס דווקא, אַז איר זאָלט וואָס אָפטער אַריינקומען צו אונז.

רובינשטיין

אָבער, דאָקטאָר זילבער, — מענטשן...

ד״ר זילבער

איבעררהאַקנדיג אים די רייד

ווען מענטשן זעען, ווי איר מיידט־אויס אונזער שטוב, גיט דאָס אַ געלעגנהייט אַרויפצובררענגען אויף מענטשלעכע צינגער פאַרשידענע רכילות. — אָבער נישט צוליב דעם בעט איך אייך, מ־ר רובינשטיין, אַז איר זאָלט באַזוכן אונזער הויז, כדי מענטשן זאָלן נישט רעדן. — ניין, ניין, איר זענט ביי אונז אַ זייער אָנגענעמער גאַסט — ביי מיר, ווי ביי מיין פרוי. — ווי איך פאַרשטיי, מאַכט דאָס מיין פרוי גרויס פאַרגעניגן אייער מוזיצירן מיט איר אויף פיר הענט, — און ווען אייך איז נישט צו ווידער, זע איך נישט איין, פאַר וואָס איך זאָל רויבן מיין פרוי פון אַ פאַרגעניגן.

רובינשטיין

דאָקטאָר זילבער, איר זענט צו גוט, צו איידל, אָבער נישט אַלע מענטשן דענקען אַזוי ווי איר — גלויבט מיר.

ד״ר זילבער

אָ, איך ווייס. דורך דעם דאַרפן מיר געבן אַ ביישפיל מענטשן, ווי אַזוי צו דענקען מיט אונזערע מעשים, אַז ווען נישט מיר, וואָס זענען באַרופן געוואָרן מענטשן אָנצוווייזן די וועגן פון זייער טון און שאַפן — האָבן נישט דעם מוט צו טון דאָס, וואָס זיי דענקען, אַז עס איז גוט און רעכט —

ווער דען זאָל עס טון? — מיר באַדאַרפן געבן אַ ביישפּיל אַנדערע.

רובינשטיין

געוויס, געוויס, אָבער מענטשן ווען דאָס אַנדערש אויסטייטשן.

ד"ר זילבער

אומגעדולדיג

לאָמיר דאָס לאָזן. איבעריגנס, האָבן מיר קיין קאָנטראַקטן נישט געמאַכט מיט קיינעם, אַז אַלע אונזערע מעשים זאָלן זיין פאַרשטענדלעך פאַר אַלע. דער עיקר איז, אויב זיי זענען פאַרשטענדלעך פאַר אונז אַליין. — איז עס נישט אַזוי, מיסטער רובינשטיין?

רובינשטיין

פאַרלוירן אַביסל

איך דענק, אַז איר האָט רעכט.

ד"ר זילבער

אַלזאָ, מאַכט זיך נישט דערפון, וואָס מענטשן זאָגן יאָ, אָדער זאָגן נישט. — קומט-אַריין צו אונז אַזוי ווי פריער. איך בין איבערצייגט, אַז מיסעס זילבער וועט זייער גערן אייך ווידער זען אין אונזער הויז. — זי האָט דאָך אַזוי גערן מוזיק, און ליב מיט אייך צו מוזיצירן. און איך מוז אייך זאָגן, אַז צייט איר האָט אַזוי פאַרנאַכלעסיגט אונזער שטוב — איז מיסעס זילבער כמעט צו דער פּיאַנאָ נישט צוגעגאַנגען — און זי איז דאָך מוזיקאַליש. איך וועל איר גלייך לאָזן וויסן, אַז איר זענט דאָ. איך בין איבערצייגט, אַז זי וועט זיין זייער צופרידן אייך ווידער צו זען ביי אונז. ער וויל צוגיין צו דער טיר רופן קלאַראַן

רובינשטיין

האַלט אים צוריק מיט אַ זשעסט פון זיין האַנט, פאַרלעגן און פאַרלוירן

אָבער ד"ר זילבער, טוט דאָס נישט — איך בעט אייך.

ד"ר זילבער

פאַרוואָס? קוקט-אָן רובינשטיינען און זאָגט מיט אַ פאַרלעגן געלעכטער

איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר די רייד – עקזיסטירן דען צווישן מיין פרוי און אייך – ווי זאָגט מען דאָס – באַציאונגען, צוליב וועלכע איר קאָנט זיך נישט טרעפן מיט איר ?

ר ו ב י נ ש ט י י ן

ווי באַליידיגט

ד"ר זילבער, מיסעס זילבער עקזיסטירט נאָר פאַר מיר אַלס אינטערעסאַנטע מוזיקאַלישע פערזענלעכקייט, איך ערלויב מיר דאָס צו זאָגן, אַלס די איינציגע מוזיקאַלישע פערזענלעכקייט אין אונזער שטאָט, מיט וועלכער מען קאָן רעדן איבער מוזיק – און וועלכע פאַרשטייט מוזיק.

ד" ר ז י ל ב ע ר

אַלזאָ! – און ווידער צוליב מענטשן – האָב איך שוין געזאָגט, אַז דאָס איז דער איינציגער ענטפער, וואָס מיר קאָנען געבן מענטשן צו פאַרשטיפן נאַרישע גערייידערס צוריק אין די מיילער. – ווען די שטאָט וועט וויסן, אַז איך אַליין האָב אייך צוריק פאַרבעטן אין אונזער שטוב אַריין – וועט דאָס זיין דער בעסטער באַווייז ווי גרונדלאָז, ווי נאַריש זייער פאַרדאַכט איז. ער גייט-צו צו דער טיר, עפנט זי אויף און רופט אַריין קלאַראַ, קלאַראַ, מיר האָבן אַ גאַסט.

ק ל אַ ר אַ

באַווייזט זיך אין טיר

וואָס איז ווידער ? דערזעט רובינשטיינען – ווערט בלייך, דערשראָקן איר – דאָ ?

ר ו ב י נ ש ט י י ן

ווי פאַרענטפערנדיג זיך

דאָקטאָר זילבער האָט מיך גערופן צו זיך דורך דעם בריוו ער האַלט אין האַנט אַ בריוו, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש

ק ל אַ ר אַ

פאַרוואונדערט

ד"ר זילבער ?

ד״ר זילבער

יאָ, איך האָב פאַררופן מ״ר רובינשטיין צו מיר אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין מוזיקאַלישן אינסטיטוט, וועלכן ער פּלאַנט צו עפענען אין אונזער שטאָט. איך האָב געגלויבט, אַז עס וועט גוט זיין, ווען דו, קלאַראַ, וועסט זיך מיט דער זאַך פאַראינטערעסירן און העלפן מ״ר רובינשטיין צו רעאַליזירן דעם פּלאַן, און אים העלפן אין זיין אַרבעט. איך מיין, אַז עס וועט זיין פאַר דיר אַ ווירדיגע באַשעפטיגונג, וואָס וועט דיר געבן סאַטיספאַקציע און גייסטיגע צופרידנקייט. דו האָסט דאָך שטענדיג גערעדט מיט מיר וועגן דער נויטיגקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע אין אונזער שטאָט. און איך בין גרייט היינט אין אָוונט ביי אונזער זיצונג פאָרצוברענגען מ—ר רובינשטיינס פּלאַן פאַר די לייט. אפשר וועלן מיר קאָנען דאָס פאַרבינדן אינאיינעם, מיט דעם רעליגיעזן צענטער, וואָס מיר ווילן בויען. איך מיין, אַזאַ מוזיקאַלישע אינסטיטוציע, ווי דו מיט מ—ר רובינשטיין פּלאַנען, וועט פיל העלפן אויסצובילדן דעם געשמאַק פאַר מוזיק און קונסט אין אונזער שטאָט — באַדערפעניש פאַר אַ שענערער און איידעלערער פאַרווײלונג פאַר אונזער יוגנט. איך בין איבערצייגט, אַז מ—ר פוקס וועט מיך שטיצן. וואָס זאָגסטו קלאַראַ?

קלאַראַ

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און מיידט־אויס דעם בליק פון ביידע מענער

איך גלויב נישט, סאַלאָמאָן, אַז דו דאַרפסט מ—ר רובינשטיינס פּראָיעקט פאָרברענגען פאַר די לייט היינט אָוונט.

ד״ר זילבער

פאַרוואונדערט

אָבער פאַרוואָס? דאָס איז דאָך דיין אייגענע אידעע געווען.

קלאַראַ ענטפערט נישט

ד״ר זילבער

מיט געלעכטער

אָ, דו מיינסט דאָס, וואָס מענטשן זאָגן... איך האָב עס

ערשט איצט ערקלערט מ—ר רובינשטיין, דער עיקר, קלאַראַ, אויב מיר זענען זיכער אין אונז אַליין, — קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר אונז אַליין. דער עיקר, אויב מיר קאָנען זיך אַליין קוקן אין די אויגן אַריין... און ווייסן, אַז אונזערע הערצער זענען ריין. און ווידער דאַכט זיך מיר, אַז דאָס וואָס מ—ר רובינשטיין האָט אַזוי פּלוצים אויסגעמיטן אונזער הויז, דאָס האָט נאָר געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן די אומבאַגרינדעטע און נאַרישע מענטשלעכע גערײדערס. — און כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו געבן אַ קלאַפּ דער נאַרישקייט איבערן קאָפּ, מיין איך, אַז מ—ר רובינשטיין דאַרף באַזוכן אונזער הויז ווי פריער. — ווען מען וועט געוווירווערן, אַז איך האָב מ—ר רובינשטיין געבעטן אַליין גייט־צו צו מ—ר רובינשטיין, גיט אים די האַנט ווי אַ פריינט צו באַזוכן אונזער שטוב, ווען ער וועט נאָר געפינען פאַר פאַסיג און צייט, — זאָגט איר מיר דאָס צו, מ—ר רובינשטיין?

רובינשטיין

פאַרלעגן, קוקט אויף מיסעס זילבער

דאָס הענגט נישט אָפּ פון מיר, ראַבינער זילבער. איך ווייס נישט, אויב מיסעס זילבער וויל מיך צוריק זען אין איר שטוב.

מיט זיך צו קוקן מיסעס זילבער אין פּנים אַריין, זי מיידט־אויס זיין בליק

ביידע מענער קוקן אויף קלאַראַן

קלאַראַ

ווירקלעך, זילבער, איך ווייס נישט, נאָך דעם, וואָס מענטשן רעדן — אויב עס איז קלוג. זיכער, מיט באַשטימטקייט: ניין, סאַלאָמאָן, איך מיין נישט, אַז מ—ר רובינשטיין באַדאַרף באַנייען זיינע באַזוכן אין אונזער הויז.

רובינשטיין

ברוגזדיג, וויל זיך צוריקציען

איך מיין אויך אַזוי, דאָקטאָר זילבער.

ד״ר זילבער

(ענערגיש)

אָבער אום גאָטס־ווילן: נאָך אַמאָל, צוליב מענטשלעכע פּוסטע ווערטער, צוליב מענטשלעכע נאַרישקייטן זאָל מען איבערפירן אַ וויכטיגע קולטורעלע אינסטיטוציע, וואָס וואָלט געקאָנט פיל שיינעס ברענגען פאַר אונזער שטאָט, און דיך באַרויבן פון אַ גרויס גייסטיג פאַרגעניגן. האָסט מיר אַליין געזאָגט, אַז מוזיק איז אַ טייל פון דיין לעבן, און צייט איר, מ—ר רובינשטיין, מיידט־אויס אונזער שטוב, האָט איר פינגער קיין קלאַוויר נישט באַרירט. — און וואָס אָנבאַטרעפט מענטשלעכע גערייידערס, גלויב איך — ווי געזאָגט — אַז דאָס איז דער איינציגער ווירדיגער ענטפער, וואָס מיר קאָנען געבן דער וועלט. דו ווערסט דאָך פאַרשטיין, אַז אין דעם, וואָס ווערט געזאָגט, ווערט דאָך מיין כבוד נישט ווינציגער באַרירט. (מיט ליבע צו קלאַראַן) דיין כבוד איז דאָך מיין כבוד — און מ—ר רובינשטיינס כבוד ווערט אויך באַרירט. און נאָך אַ טיף איבערלעגען — בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז דער איינציגער ענטפער, וואָס מיר קאָנען געבן אויף מענטשלעכע רייד. איך מיין, איר גלויבט, אַז אין פראַגן פון כבוד און עטיק בין איך גענוג קאָמפּעטענט צו משפטן, וואָס עס איז רעכט און וואָס אומרעכט. (שטאַרק) אַלס דיין מאַן, וועמענס כבוד איז אָנגערירט געוואָרן פון פּוסטע מענטשלעכע שלעכטע רייד, פאַרלאַנג איך פון דיר, אַז דו זאָלסט מ—ר רובינשטיין איינלאַדן אין הויז, כדי צו פאַרמאַכן מענטשן די מיילער.

קלאַראַ

(קוקט אים אָן)

סאַלאָמאָן, דו ווייסט — וואָס דו טוסט?

ד״ר זילבער

איך באַשטיי דערויף!

קלאַראַ

(צו רובינשטיינען ביטער, איראָניש)

מיסטער רובינשטיין, איר האָט געהערט וואָס מיין מאַן האָט געזאָגט?

ר ו ב י נ ש ט י י ן

פאַרלעגען

איך דאַנק אייך.

ד״ר ז י ל ב ע ר

און יעצט, מיינע פריינט, גייט אַריין אין מוזיק-צימער. — עס איז שוין העכער אַ חודש צייט ווי איך האָב נישט געהערט קיין קלאַנג פון אונטער דיינע פינגער, קלאַראַ.

ק ל א ר אַ

מיסטער רובינשטיין, ווילט איר אַזוי פריינטלעך זיין?

ר ו ב י נ ש ט י י ן

ווען איר זענט אַזוי ליבנסווירדיג.

ק ל א ר אַ

צו זילבער

ווילסטו נישט מיטקומען?

ד״ר ז י ל ב ע ר

איך האָב דאָך יעצט מיין עמפּאַנג. איך וועל אייך הערן פון דאַנעט.

רובינשטיין, קלאַראַ גייען-אָפּ אין די אינעווייניגסטע צימערן. די מוטער קומט-אַרויס פון איר צימער מיט שטילע טריט. צרשיינט פלוצים און שטעלט זיך פאַר ד״ר זילבער

מ ו ט ע ר

שטרענג

וואָס איז דאָס פאַר מוזיק? שוין לאַנג נישט געהערט קיין מוזיק דאָ אין שטוב?

ד״ר ז י ל ב ע ר

ווי אויפכאַפּנדיג זיך

אָ, מאַמע, דאָס שפּילט קלאַראַ מיט מיסטער רובינשטיין. זעץ דיך, מאַמע, — שפּילן זיי נישט צוזאַמען וואונדער-באַר שיין?

מוטער

אויפגעבראַכט ביז צום אויסטערלישן

מוזיק — זאָגסטו? מיט מ—ר רובינשטיין — מ—ר רובינשטיין בײַ דיר דאָ — אין הויז? און דו ווייסט דערפֿון?

ד"ר זילבער

יאָ, איך האָב אים אײַנגעלאַדן, איך האָב אים אַליין געבעטן, — איך אַליין האָב געשיקט נאָך אים.

מוטער

ווי עס וואָלט איר געטראָפֿן אַן אומפֿאַרשטענדלעכע זאַך

דו האָסט אים אַליין געבעטן, זאָגסטו?! מײַן זון, דו ווייסט, וואָס דו טוסט?

ד"ר זילבער

וואָס זאָל איך נישט וויסן. איך זע נישט אײן אין דעם קיין שלעכטס — און איך פֿאַרשטיי אײַך נישט, מוטער?

מוטער

ווייסטו וואָס דערדאָזיקער מ—ר רובינשטיין איז פֿאַר דײַן פֿרוי?

ד"ר זילבער

מוטער, איך וועל אײַך בעטן, אַז איר זאָלט זיך צוריקהאַלטן פֿון יעדער באַליידיגונג אויפֿן אַדרעס פֿון מײַן פֿרוי. — מײַן געדולד פּלאַצט. מײַן געדולד האָט אויך אַ סוף. מײַן פֿרוי איז אַן ערלעכע ריינע פֿרוי, — און יעדעס וואָרט, וואָס באַליידיגט מײַן פֿרוי — און מעג עס זײַן פֿון אײַערע ליפּן, וועלכע איך בין מחויב צו ערן, צו אַכטן — שטעכט מיך און טוט מיר ווײ. איך בעט אײַך, אַז איר זאָלט מיך נישט שטעלן אויף דעם פּרוווּ. און וואָס עס באַטרעפֿט דעם מיסטער רובינשטיין — בין איך גאַנץ גוט אינפֿאָרמירט. ער איז אַ מוזיקער און מײַן פֿרוי איז אַ מוזיקערין — ליידער האָט מיך גאָט נישט באַשאָנקען מיט דער מתּנה צו פֿאַרשטיין מוזיק — עס איז די איידעלע קונסט פֿון מוזיק, וואָס ברענגט זיי צוזאַמען. אַלעס איבעריקעס איז נידערטרעכטיגע און געמיינע רכילות.

מוטער

איך בעט נאָר צו גאָט, דאָס דיין אומשולד זאָל בלייבן אומבאַפלעקט אַזוי ווי זי איז. — צי האָסטו די איבערצייגונג, אַז דאָס, וואָס דו זאָגסט — איז טאַקע אַזוי באמת?

ד״ר זילבער

איך האָב עס געהערט פון מיין פרויס מויל, און אויך פון זיינעם, פון מיסטער רובינשטיין — און דאָס איז מיר גענוג. איך האָב נישט קיין סיבה צו צווייפלען איז מיין פרויס ערלעכקייט און אָרנטלעכקייט.

מוטער

אָבער איך האָב יאָ!

ד״ר זילבער

עס איז נישט אמת, מוטער, איר זאָגט... ער כאַפּט זיך צוריק זעט, וואָס אייער פאַרדאַכט קאָן ברענגען, זייט מוחל.

מוטער

זייער צוזאַמענזיין, אָפּגעשלאָסן אין מוזיק-צימער, דאָס פאַרשאַרטע לאַכן פון דאָרט, זייער בליק — זאָגט מיר עפּעס אַנדערש.

ד״ר זילבער

פאַר ריינע איז אַלעס ריין — איז געזאָגט ביי אונז.

מוטער

גאָט האָט געשלאָגן מיט בלינדקייט דיינע אויגן — אַנדערש קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן דיינע מעשים און דיין האַנדלען, און כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפצועפענען דיינע אויגן, אַז דו זאָלסט זען דעם גאַנצן אמת, רוף אַריין דיין פרוי און שטעל זי פאַר מיר. איך וועל זי פרעגן, מיר זאָל זי ענטפערן — זאָל זי מיר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, און זאָגן, אַז עס איז נישט אמת — דאָס, וואָס מענטשן זאָגן.

ד״ר זילבער

גאָט האָט אונז נישט געהייסן פּראָבירן. איך האָב שוין איינמאָל געפּרוווט — ווען דו האָסט געוואָרפן אויף איר

אַן אומזיסטיגן פאַרדאַכט — און גאָט האָט מיך באַשטראָפט דערמיט, וואָס ער האָט דערוויטערט דאָס האַרץ פון מיין פרוי צו מיר. איך וועל עס נישט טון נאָך אַמאָל.

מוטער

שטרענג

דאַן בלייבט מיר גאָרנישט אַנדערש צו טון, נאָר צו פאַרלאָזן דאָס הויז אַלס אַן אוממאָראַלישעס.

ד״ר זילבער

שרייט־אויס

מוטער! פאַסט זיך, געבראָכן האָט איר דען גאָר קיין האַרץ נישט, פאַרוואָס ווילט איר פאַרטרייבן מיין איינציגע פרייד, מיין גליק פון מיין שטוב? איך האָב דאָך גאָרנישט אין לעבן — נאָר זי פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט דאָס פּנים

מוטער

ברוטאַל

אַזוי ווייט האַלט עס מיט דיר, אַז פאַר דיינע אייגענע זינדיגע געפילן האָסטו געדולדעט שלעכטס אונטער דיין באַלקן! — איך האָב געמיינט, אַז זי האָט זיך פאַר דיר מודה געווען, מודה געווען אין אַלעם, אַז אייער וויטער־דיג צוזאַמענלעבן באַרוט אויף אַ טיפער פאַרשטענדניש, וואָס איז אַריינגעטרעטן צווישן אייך. — יעצט זע איך, אַז עס איז עפּעס אַנדערש... אָדער דו ביסט בלינד, אָדער דו ביסט — וואָס איך ווייס אַליין נישט וואָס. שטרענג די מינוט שיק די פרוי פון הויז!

ד״ר זילבער

פאַסט זיך מיט אַלע כּוחות

איך האָב נישט קיין מאָטיוון, האָב איך אייך געזאָגט, אַזוי צו האַנדלען ווי איר פאַרלאַנגט פון מיר! אַזוי צו האַנדלען אויף מענטשלעכע אומזינלעכע גערייד — וואָלט געהייסן אומזיסט און אומנישט אַ מענטשנס בלוט צו פאַרגיסן. עס וואָלט געווען די גרעסטע זינד פאַר גאָט און פאַר לייט. און מיט דער גאַנצער קראַפט וועל איך זיך אַוועקשטעלן

צו שיצן מיין פרוי — אַפילו געגן אייך. נישט דערפאַר בלויז, ווייל זי איז מיין פרוי, נאָר דערפאַר וואָס זי איז אַ מענטש, גאָטס אַ קינד ווי מיר. — דער חוב פון מיין באַרוף פאַרלאַנגט עס פון מיר.

מוטער

אָבער איך האָב יאָ מאָטיוון און געוועגנדע, וועלכע באַרעכטיגן מיך אַזוי צו האַנדלען.

ד״ר זילבער

אומגעדולדיג

באַווייזט זיי, ווען איר האָט זיי!

מוטער

שטעל מיר דיין פרוי אין מיין פנים — איך וועל זי פרעגן, מיר זאָל זי זאָגן. זאָל זי מיר קוקן גלייך אין די אויגן און זאָגן, אַז זי האָט גאָרנישט צו באַהאַלטן פאַר מענטשן — וואָס גאָט ווייסט!

ד״ר זילבער

מוטער, איך בעט אייך, איר זאָלט דאָס נישט טון, איר זאָלט נישט בחנם אַ מענטשנס בלוט פאַרגיסן. נאָר ווען איר ווילט עס דווקא, זאָלט איר עס האָבן — און אַ סוף זאָל דאָס נעמען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל. — נאָר איך בעט צו גאָט, אַז ער זאָל דאָס אייך מוחל זיין. ער גייט אריין אין דעם צווייטן צימער, ברענגט־אריין קלאַראַן געאָרעמט, געניי־טערהייט. רובינשטיין היינטער זיי

ד״ר זילבער

קלאַראַ, דו מוזט מיר מוחל זיין און אויך איר, מיסטער רובינשטיין. עס איז נישט מיין שולד, גאָט ווייסט עס — נאָר מיר מוזן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפקלערן די זאַך פאַר דער גאַנצער וועלט. מיין מוטער באַשולדיגט אייך, אַז אַ חוץ אייערע ריינע מוזיקאַליש־קינסטלערישע אינטערעסן עקזיסטירן נאָך צווישן אייך אַנדערע, אומפאַר־שטענדלעכע זאָגט שווער דאָס וואָרט ארויס נו — זינדיגע. איך בעט אייך, ערקלערט עס פאַר איר אָפן, שליידערט זיי

דעם אמת אין פנים אַריין און זאָלן זיי פאַרשוויגן אין זייער פאַרשעמטקייט.

ר ו ב י נ ש ט י י ן

שמייכלט, פאַרקרימט דאָס געזיכט מיט אַ גרימאַסע, וויל עפּעס זאָגן, קלאַראַ קוקט אים אָן שטרענג, רובינשטיין פאַרשוויגט

ק ל אַ ר אַ

צו דער מוטער

וואָס איז דאָס, וואָס איר ווילט וויסן, מאַדאַם — ? *מוטער נעמט־אַוועק דאָס געזיכט פון איר* אויב איך בין אייער זון אַ געטרייע פרוי? — ניין, מאַדאַם! אייך איז אפשר ליכט געווען צו זיין אַ געטרייע פרוי צו אייער מאַן. מיין מזל האָט מיר אַנדערש באַשערט. *זי פאַרשטעלט זיך דאָס פנים מיט די הענט און וויינט*

ד״ר ז י ל ב ע ר

קלאַראַ, קלאַראַ, וואָס איז דיר?

מ ו ט ע ר

סאַלאָמאָן, דו הערסט — וואָס די פרוי זאָגט?

ד״ר ז י ל ב ע ר

אָבער, מאַמע.

ק ל אַ ר אַ

ברעכט־אַרויס

אויך איך בין שוין קראַנק און מיד דערפון. אויך איך וויל, אַז עס זאָל איינמאָל אַ סוף נעמען. איך קאָן נישט מער. ניין, זילבער, דיין מאַמע האָט רעכט, איך בין דיר נישט קיין געטרייע פרוי. יאָ, צווישן מיר און דעם מאַן דאָ עקזיסטירן אויך אַנדערע באַציאונגען ווי ריין־מוזיקאַלישע. — יאָ, יאָ, יאָ, איך האָב עס דיר געזאָגט, דו האָסט מיר נישט געוואָלט גלויבן — דו האָסט געוואָלט, אַז איך זאָל עס פאַרלייקענען, ווייל עס איז דיר באַקוועמער געווען מיטן ליגנט — האָב איך עס פאַרלייקנט. —

ד״ר ז י ל ב ע ר

שרייט־אויס

איז דאָס געווען. — — גאָט! זיי מיר מוחל! *ער פאַרשטעלט*

זיך דאָס פּנים מיט די הענט, א לאַנגע ווײַלע א פּיינלעכע פּויזע

קלאַראַ

יעצט ווייסט איר אַלעס, און טוט וואָס איר ווילט. — מיר איז אַלץ איינס.

ד״ר זילבער

ווי פאַר זיך

ווי שלעכט האָט דיר געמוזט זײַן בײַ מיר, אַז עס האָט געמוזט קומען אַזש צו דעם.

מוטער

שטרענג

סאַלאָמאָן!

קלאַראַ

אָבער ווייסט איר, מאַדאַם, וועמענס שולד עס איז? ווייסט איר וואָס איך האָב געליטן און וואָס איך לייד — ווייסט איר — ווייסט איר — ווי אַ לעבעדיק געוויקס, וואָס מען שטעלט אונטער אַ דאַך אָן זון, אָן רעגן — פאַרוועלקט יונגערהייט. קאָן זיך נישט פאַסן, ברעכט-אויס אין ספּאַזמענדיק געוויין אין אירע הענט

ד״ר זילבער

גערירט

אָ, קלאַראַ, איך ווייס, עס איז מײַן שולד. מײַן פליכט איז געווען, אַז איך זאָל זאָרגן איבער איר, מאַכן רײַך און שיין איר לעבן — און איך האָב זי פאַרנאַכלעסיגט — ביז זי האָט געמוזט זוכן פרייד און ליבע ערגעץ אַנדערש-וואו. קלאַראַ, איך ווייס, עס איז מײַן שולד.

מוטער

אויסער זיך

סאַלאָמאָן, דו ווייסט וואָס דו טוסט?

ד״ר זילבער

איך ווייס מײַן פליכט, מוטער. איך ווייס, איך ווייס וואָס איך בין שולדיק מײַן ערע. — איך ווייס, איך ווייס די עוולה, וואָס איז מיר געטון געוואָרן, אָבער דאָס האַלט מיך דאָך

נישט אָפּ פון אַ מענטש צו זיין. אָבער די עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן געגן מיר, באַרעכטיגט נישט דעם שאָדן, וואָס איך האָב געטון אַנדערע. — זיי מיר מוחל, קלאַראַ, וואָס איך האָב געטון געגן דיר.

מוטער

שטרענג, מיט כעס

איז דאָס דער וועג ווי צו האַנדלען?

ד״ר זילבער

פארלוירן, מיט דער מורא פאר דער מוטער

ווי דען, לערן מיך.

מוטער

שטרענג צו קלאַראַן

נאָך דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, איז מער נישטאָ קיין אָרט פאַר דער פרוי אין דעם הויז, — זאָג עס איר, און דאָס גלייך אויפן אָרט — איידער די לייט קומען צו דער אסיפה. פאַרגעס נישט די שטעלונג, וואָס דו ביסט שולדיג דיין באַרוף.

ד״ר זילבער

שטייט פארלוירן

איך פאַרגעס נישט, מאַמע. איך פאַרגעס נישט. אַוודאי מוז עפּעס געשען, אַוודאי אַזוי. אָבער גיין פון הויז — זי — קלאַראַ — וואו אַהין וועט זי גיין? זי האָט דאָך נישט וואוהין צו גיין.

מוטער

סאַלאָמאָן!

קלאַראַ

יאָ, זילבער, דיין מאַמע האָט רעכט. עס איז נישטאָ פאַר מיר קיין פּלאַץ אין דיין הויז, אפשר אויך קיינמאָל נישט געווען. צו רובינשטיין, וועלכער שטייט די גאַנצע צייט פארלוירן ווילט איר נישט וואַרטן אַ מינוט אויף מיר, מיסטער רובינשטיין? איך קום באַלד צוריק. ווייל אָפּ אין טיר

ד״ר זילבער

צו דער אַרויסגייענדער קלאַראַן

וואָס גייסטו טון? קלאַראַ אָפּ אין די אינעווייניקסטע צימערן

מוטער

שטרענג, האַלט אים צוריק

סאַלאָמאָן!

ד״ר זילבער

מיט מורא פאַר דער מוטער

אָבער וואוהין וועט זי גיין? וואָס וועט איר פאָטער זאָגן — דאָס הייסט דאָך פּשוט אַ מענטש אויף דער גאַס אַרויס־געטריבן — ווי אַזוי קאָן איך דאָס?

מוטער

נישט אונזער עסק! דו ביסט נישט שולדיג דערין. גייט צו צו אים און לייגט־אַרויף די האַנט אויף זיין אַקסל זאָלן די זינד טראָגן די, וועלכע האָבן עס געבראַכט אויף זייערע קעפּ! צו רובינשטיינען די, וועלכע האָבן די זינד אין דער שטוב אַריינגעבראַכט — באַדאַרפן זי אַרויסנעמען פון דאַנען.

ד״ר זילבער

נאָך אַלץ פאַרלוירן, צו רובינשטיינען

אויך ער איז נישט שולדיג, מאַמע, דאָס האָב איך געבראַכט צו דעם, מיט מיין לעבן, מיט מיין נאַריש לעבן אַ גאַנץ פאַרשפּרייט פון זינד אויף זייערע פּיס. צו רובינשטיינען זייט מיר מוחל!

מוטער

די, וועלכע זייען — די שניידן. מיר האָבן דערמיט גאָרנישט וואָס צו טון. האָסטו ביי קיינעם קיין מחילה נישט צו בעטן, פאַרקערט — אַנדערע ביי דיר.

ד״ר זילבער

איך בין אַזוי שולדיג ווי זיי — און אפשר מער. ער פאַר־שטעלט זיך די אויגן מיט די הענט גאָט, לערן מיך וואָס איך האָב וואָס צו טון... ווי אַזוי איך האָב צו האַנדלען...

מוטער

איינהאַלטנדיג אים ביי די אַקסלען

זיי שטאַרק, מיין זון.

ד״ר זילבער

שטאַרק, — צו וואָס — גוטס צו טון אָדער שלעכטס צו טון? ער גייט-צו צו רובינשטיינען איך בעט אייך איבער פאַר די רייד, מיסטער רובינשטיין, איך בעט אייך איבער. אפשר ווייס איך נישט ווי אַזוי צו האַנדלען — אפשר באַדאַרף מען אַנדערש האַנדלען. איך פאַרשטיי נישט. נאָך אַלעמען, וואָס איז געשען, איז זי דאָך מיין ווייב. אויב נישט קיין ווייב — איז זי מיר דאָך אַ נאָענטער מענטש, אַ מענטש, וואָס גייט מיך זייער אָן, גלאַט אַ מענטש. קוקט אויף דער מוטער מיט מורא איר פאַרשטייט, ווי יעדער אַנדער מענטש, וואָס גייט פון מיין שטוב אַרויס, מוז איך דאָך וויסן וואוהין איר פירט זי? האָט איר אַ היים? האָט איר, זייט מיר מוחל, די מעגלעכקייטן דערצו? איר ווייסט דאָך — זי איז דאָך אַ פרוי, און זי באַדאַרף דאָך, אַז מען זאָל אַכטונג געבן אויף איר. און יעצט, ווען מען וועט געוואויר ווערן אין שטאָט, וואָס איז געשען — וועלן דאָך אַלע זיין געגן איר, און אויך געגן אייך. — איר וועט אפשר נישט האָבן די מעגלעכקייטן, איך מיין די מאַטעריעלע: אפשר זאָל איך אייך מיט עפּעס בייהילפיג זיין? נאָך אַלעמען זענען מיר דאָך נישט קיין פרעמדע, איך בין דאָך אויך פאַראינטערעסירט. — איך מיין, האָב איך דאָך אויך מיינע פליכטן. —

רובינשטיין

אויפגעבראַכט

ד״ר זילבער!

ד״ר זילבער

איך האָב אייך נישט, חלילה, געמיינט צו באַליידיגן. חלילה, איך מיין עס אַזוי ווי איך זאָג — אפשר ווייס איך נישט ווי אַזוי מען פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן. — זייט מיר מוחל.

רובינשטיין

ווען איך וואָלטווירקלעך נישט געוואוסט, אַז איר זענט אַזוי נאַאיוו און איר מיינט עס אַזוי ווי איר זאָגט עס — וואָלט ז..ך איך געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

ד"ר זילבער

אָבער אום גאָטס ווילן — איך האָב דאָך גאָרנישט געמיינט קיין שלעכטס!

מוטער

מיט פאַראַכטונג

אַזוי האַנדלט אַ מאַן?

ד"ר זילבער

ווי דען אַנדערש האַנדלט מען? זאָל איך זיך אפשר גיין שלאָגן מיט אים — דערפאַר וואָס מיר האָבן ליב דעמזעלבן מענטש? וואָס זענען מיר — חיות? אַדרבא ער גייט-צו צו רובינשטיינען — איך האָב אייך נישט געמיינט צו באַליידיגן. איך רעד צו אייך חי צו אַ נאָנטן מענטש. נאָך אַלעמען — איר נעמט-צו מיין פרוי, האָב איך דאָך אַ רעכט צו וויסן, וואוהין איר פירט זי? צי איר האָט די מעגלעכקייטן דערצו זי אויסצוהאַלטן? אפשר קאָן איך אייך מיט וואָס העלפן. אַדרבא, אַדרבא.

רובינשטיין

איך ווייס עס — צוליב דעם פאַרגיב איך אייך. —

קלאַראַ קומט-אַריין מיט אַ קליין רייזע-טעשל, ווענדעט זיך גיך-איבער רובינשטיינען

ד"ר זילבער

דערשראָקן

קלאַראַ, דו גייסט טאַקע? צו דער מוטער, ווי צו זיך אפשר וואָלטן זיי גאָר דאָ געבליבן. — אַז ווער זאָל גיין — פאַר וואָס מוז זי גיין. — זי איז דאָך אַ פרוי. — זי באַדאַרף דאָך האָבן אַ היים. — לאָז זי בלייבן, — און איך וועל גיין.

מוטער

מיט שרעק

סאַלאָמאָן — וואָס רעדסטו?

קלאַראַ

ניין, זילבער, די סינאַגאָגע, דאַכט זיך, איז נישט קיין זייער פּאַסנדע היים פאַר מיר. — יעדנפאַלס, אַ דאַנק דיר פאַר דיין גוט האַרץ, זילבער. — אַ דאַנק און אַדיע!

זילבער

גייסט טאַקע, קלאַראַ. — גייסט —? זיי מוחל, זיי מוחל, זיי מוחל —

זיי גייען אָפּ

אַ לאַנגע צייט פּויזע, זילבער שטייט פאַרלוירן־טרויעריג, לאָזט־אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרזינקען אין זיין צער

מוטער

גייט־צו צו אים, לייגט־אַרויף די האַנט אויף זיין אַקסל

זיי שטאַרק, מיין זון!

זילבער

אויסגעבראָכט

איך בין נישט קיין גאָט, איך בין נאָר אַ קליינער אָרעמער מענטש. — אַז גאָט טוט וויי — טוט וויי.

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

ערשטעס בילד

אין זעלבן צימער.

ד״ר זילבער זיצט אויבן-אָןביים טיש און קוקט-אַריין אין אַ גרויס ספר. דורך דעם יאָר, וואָס איז אַוועק פון דער לעצטער האַנדלונג, איז ער פיל עלטער געוואָרן, גראָער.

מוטער

קומט-אַריין

איך בעט דיך איבער וואָס איך שטער דיר, סאַלאָמאָן. — עס זיצט ביי מיר דערינען מיסעס אַלטמאַן.— זי וואָלט דיך זייער גערן געוואָלט זען. קאָנסטו זי איצט צונעמען?

ד״ר זילבער

פרעגט ווי זיך אַליין

דיזעלבע מיסעס אַלטמאַן, וועלכע איז דאָ געווען פאַר אַ יאָר, נאָך מיין פרעדיגט?

מוטער

שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ

ד״ר זילבער

איראָניש

און מיינסטו, מאַמע, אַז איצט בין איך מער ראוי אויסצוהערן מיסעס אַלטמאַן און געבן איר מיין גייסטיגע הילף?

מוטער

צו וואָס די פראַגע? איך האָב קיינמאָל נישט געצווייפלט אין דיין מאָראַלישער קאַפּאַציטעט. איך האָב נאָר געגלויבט,

אַז אַ דאָקטאָר, וואָס איז אַליין קראַנק, קאָן קוים געבן אַ ריכטיגע רפואה — אַזוי האָט מיך מיין פאָטער געלערנט.

ד״ר זילבער

און איצטער, מאַמע — איז דער דאָקטאָר שוין אויסגעהיילט?

מוטער

דירעקט

אַזוי דענק איך.

ד״ר זילבער

מוטער, איך האָב זיך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי קראַנק, אַזוי נידערטרעכדיג און געמיין קראַנק, ווי איצט. — איך, וואָס איך האָב אַ פרוי, אַ שוואַכער, אומגליקלעכער פרוי — געוויזן די טיר, פאַרחתמעט איר גורל מיט מיין טאַט — אויף איר לעבן. פאַרשלאָסן מיט מיין ביישפיל די טירן פון איר פאָטערס הויז — און איבערגעלאָזט זי אויף גאָטס באַראָט. עס איז שוין באַלד אַ יאָר צייט ווי די פרוי איז אַוועק — און איך ווייס נישט וואָס איז געוואָרן מיט איר. נישט נאָכגעגאַנגען אירע טריט און אָפגעהיט זי, אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין די גריבער, וואָס איך אַליין האָב געגראָבן פאַר איר. נישט געהערט און נישט פאַראינטערעסירט זיך מיט איר. — זאָל איך, אָט דער פחדן, זיין דער, צו ווענען מענטשן זאָלן זיך ווענדן נאָך מאָראַלישער שטיצע?

מוטער

אָ, סאַלאָמאָן, דאָס איז אַלץ דיין קינדערשער, שוואַכער כאַראַקטער, זאָלסט מיר מוחל זיין פאַר די רייד. נישט דיין שולד, מיין זון. שאַנד איז די פרוכט פון זינד אויף די קעפּ, וואָס האָבן זי געבראַכט אויף זיך. די ריינע היט גאָט אויס. אונזערע הענט זענען ריין דערפון.

ד״ר זילבער

מוטער, די צדיקים, וואָס זיצן אין די וואַרעמע שטובן און קוקן-אַרויס דורך די פענסטער אין דער אָפענער גאַס אַריין — און זען ווי די רשעים פרירן — די צדיקים האָט גאָט פיינט.

מוטער

ווילסט אפשר מיטאַרויסגיין אויף דער גאַס, וואו די רשעים געפינען זיך?

ד"ר זילבער

אַז איך וואָלט געגוג מוט געהאַט, אַז איך וואָלט נישט אַזאַ פּחדן געווען. — איך גלויב, אַז דאָס אָרט פון אמתע צדיקים איז נישט די שטוב, נאָר די גאַס, וואו די רשעים געפינען זיך.

מוטער

און דאָס זאָגסטו, דו, וואָס ביסט געשטאַנען ווי אַ געפּאַנ־צערטער ריטער און דו האָסט מיט דיין באַגאַבט וואָרט גע־רימט און געלויבט די מענטשלעכע טוגענד. דו, וואָס דו האָסט ערע, ריינקייט און אָפגעהיטנקייט באַצייכנט אַלס געטלעכע פונדאַמענטן, אויף וועלכע עס איז געגרינ־דעט אונזער פאַמיליע און געזעלשאַפט־לעבן.

ד"ר זילבער

מיט פאַראַכטונג צו זיך

ווי נאַריש, ווי פאַלש עס זענען מיינע ווערטער געווען, ווי פּוסט און רוי — אָנגעבלאָזן מיט גאוה. וואָס האָב איך געוואוסט, וואָס האָב איך פאַרשטאַנען פון לעבן? נאָכ־געפּלאַפּלט דאָס, וואָס אַלע זאָגן — דאָס, וואָס ווערט אָנגענעם קלינגען אין די פעטע אויערן פון מיינע צוהערער. ביז די פּוסטע גאוה האָט ווי אַ זייפנבלאָז געפּלאַצט איבער מיין קאָפּ. איצט זע איך ווי נאַקעט איך בין געשטאַנען אויף דעם בעלעמער פון מיין שול — נאָר באַ־קליידעט מיט פּוסטער מענטשלעכער גאוה.

מוטער

דאָס זאָגסטו? אויב אַזוי, זע איך איין, אַז דו האָסט רעכט. איך האָב מורא, אַז דער שעפער, וואָס צעברעכט דעם שטעקן, וועלכער זאָל ווייזן די שאָף דעם וועג, קאָן קיין שעפער מער נישט זיין. ניין.

ד״ר זילבער

וועקט זיך

ניין, מאַמע. איך פיל, אַז אַן אַנדער שטעקן וואַקסט אין מיין האַנט, יענער איז פאַרפוילט געווען און באַפּוצט מיט נאַרישע, גאוהדיקע, פּוסטע בלעטער און בלומען: דער איז רוי אָבער שטאַרק. — איך גלויב, ערשט איצט הויב איך אָן צו פילן, אַז איך האָב די קראַפט מענטשן צו העלפן אין זייער נויט. — דורך מיין האַרץ איז געגאַנגען די פּיין און איך הויב אָן מענטשן צו פאַרשטיין. — רוף־אַריין מיסעס אַלטמאַן. איך מיין, אַז איך קאָן איר יאָ עפּעס וואָס זאָגן.

מוטער

קוקט אים אָן, ווי זי וואָלט אים נישט דערקענט, מיט פרייד

אַזוי, מיין זון, זיי גובר די ערדישע לייד, וואָס בונטעוועט זיך נאָך אין דיר, זיי מנצח אין דיר די זינדיגע שוואַכקייט צו יענער אומווירדיגער פרוי — אין נאָמען פון אַ גרעסערן כח, צו וועלכן דו ביסט באַרופן געוואָרן. געדענק דיין באַרוף. *זי גייט־אָפּ מיט שטאָלץ און פרייד און מען הערט ווי זי זאָגט הויך אין צווייטן צימער* מיסעס אַלטמאַן, דער רעוורענד וואַרט אויף אייך.

ד״ר זילבער

זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט הינטערן טיש, ביים אָפענעם ספר. מיסעס אַלטמאַן קומט־אַריין. שטייט ביי דער טיר. ד״ר זילבער הויבט זיך אויף, ווען מיסעס אַלטמאַן קומט־אַריין

אַך, ליבע מיסעס אַלטמאַן! *ער פירט זי צו ליבנסווירדיג צו זיין טיש, זעצט זי אוועק* איר זענט דאָך צוריקגעקומען צו מיר.

מיסעס אַלטמאַן

דאָקטאָר זילבער, זייט מיר מוחל וואָס איך שטער אייך ווידער און ווידער. — איר זענט דאָך אָבער דער איינציגער, וואָס קאָן מיר העלפן אין מיין נויט. — איר זענט דאָך דער איינציגער, וואָס קאָן מיר אָנווייזן דעם ריכטיגן וועג.

ד״ר זילבער

גוטע מיסעס אַלטמאַן — מיינט איר ווירקלעך, אַז איך בין

דער באַרופענער, דער פּאַסנדער? איך בין אַליין קראַנק און באַדאַרף, אַז עס זאָל מיר ווער געבן מאָראַלישע הילף.

מיסעס אַלטמאַן

איר, וואָס האָט באַוויזן מיט טאַט, ווי דער מענטש האָט זיך צו פירן אין געוויסע פאַלן. אַלע ווייסן, די גאַנצע שטאָט ווייסט דעם פּרייז, וואָס איר האָט באַצאָלט פּערזענלעך פאַר דעם, וואָס איר האַלט פאַר רעכט און גוט.

ד״ר זילבער

אויסמיידנדיג

רעכט און גוט. וואָס הייסט גוט? מיסעס אַלטמאַן, ווייסן מיר דען, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן זיך איינגעשמועסט אָדער אַנדערע האָבן אונז איינגעשמועסט, אַז אַזוי באַדאַרף צו זיין, אַז אַזוי איז גוט, איז עס טאַקע דאָס ריכטיגע. אפשר פאַרקערט?

מיסעס אַלטמאַן

פאַרוואונדערט

איר צווייפלט, רעוורענד? ווען איר צווייפלט — וואָס זאָלן מיר שוין טון, פּראָסטע מענטשן, וואָס ווייסן נישט איין און נישט אויס?

ד״ר זילבער

מייגט איר, גוטע מיסעס אַלטמאַן, אַז מיר האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף צו וויסן? אָפטמאָל רעדט גאָט דורך דעם פּשוטן האַרץ פון מענטש. און אונזערס איינעם, אַז עס דריקט אים צו די נויט — און ער שטייט פאַרבלאָנדזשעט איינער אַליין און ווייסט נישט וואָס צו טון — וויל ער צוקומען צו אַזאַ צעבראָכן פּשוט האַרץ פון איינער פון די פילע און בעטן זיך ביי איר: גוטע מיסעס אַלטמאַן, לערנט איר מיך, וואָס איך זאָל טון! וועלכעס איז ריכטיג, און וועלכעס נישט, — איר ווייסט עס בעסער פון מיר. —

מיסעס אַלטמאַן

פאַרוואונדערט

רעוורענד זילבער, וואָס רעדט איר, איך־פאַרלוירענער קליינער מענטש — ווילט זיך לערנען ביי מיר?

ד״ר זילבער

יאָ, מיסעס אַלטמאַן, מיר טוען וואָס אַנדערע הייסן אונז. — איר טוט ווי אייער אייגן געוויסן דיקטירט אייך.

מיסעס אַלטמאַן

מיין געוויסן, מיין געוויסן, מיין געוויסן — קאָן איך זיך דען פאַרלאָזן אויף מיין געוויסן?

ד״ר זילבער

יאָ, מיסעס אַלטמאַן. איך ווייס וועגן וואָס איר זענט געקומען צו מיר. טוט נישט אַזוי ווי איך וועל אייך הייסן, ווי אַנדערע הייסן אייך. איך ווייס וואָס אייער האַרץ וויל — טוט אַזוי ווי אייער האַרץ הייסט אייך.

מיסעס אַלטמאַן

פאַרשעמט

מיין האַרץ הייסט מיך נישט גוט, רעוורענד זילבער.

ד״ר זילבער

עס איז נישטאָ קיין גוטס און קיין שלעכטס, וואָס דאָס האַרץ הייסט. עס הייסט נאָר טון דאָס ריכטיגע. וואָס מען באַדאַרף — וואָס וויל זיך.

מיסעס אַלטמאַן

פאַרוואונדערט

און דאָס זאָגט איר, איר, וועלכער האָט שטענדיג פאַרלאַנגט דעם קרבן פאַר לעבן, איר, וואָס האָט שטענדיג געפּרעדיגט, אַז דער צער איז דער פּרייז, וואָס מיר באַצאָלן פאַר דעם רעכט צו לעבן ווי מענטשן, איר, וואָס האָט, איבעריגענס, נישט געפּרעדיגט דאָס, נאָר באַוויזן מיט אייער אייגענער האַנדלונג. אַלע ווייסן עס, רעוורענד זילבער, אַלע — הייסט איר מיר נאָכגיין נאָך דער נייגונג פון מיין האַרץ. מיין האַרץ איז נאָר דאָס האַרץ פון אַ שוואַכער פרוי קוקט אויפן רעוורענד, נישט דאָס האַרץ פון אַ מאַן ווי איר, רעוורענד! מיט פאַרלוירנקייט און שעמעוודיגקייט אַ צעבראָכן האַרץ פון אַ פרוי, שוואַך און ווייך.

ד"ר זילבער

(נעמט זי אָן ביי דער האַנט)

דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָס מיר ווייסן, וואָס מיר האָבן — אָן דעם מוזן מיר זיך האַלטן. אונזער אייגן צעבראָכן האַרץ — און וואָס שוואַכער און וואָס ווייכער, איז בעסער. צו וואָס זיין ענלעך צו געטער, מיר זענען מענטשן. קליינע, אָרעמע מענטשן — און לאָזט אונז זיין אַזוי.

מיסעס אַלטמאַן

איר האָט אונז געהייסן שטאַרק זיין. איר זענט אַליין שטאַרק געווען, רעוורענד זילבער.

ד"ר זילבער

(שמייכלט ביטער)

אַליין שטאַרק געווען, הע, מיסעס אַלטמאַן. — פוסטע רייד. עס האָט נאָר באַדאַרפט אָנרירן מיין אייגן לייב און פליייש, צו פילן און צו פאַרשטיין ווי הויל און פוסט מיינע ווערטער זענען געווען. — פאַרלוירן ווער קאָן זאָגן, ווער קאָן ווייסן? מיר זענען אָרעמע פאַרלוירענע מענטשן!

מיסעס אַלטמאַן

איר, דאָקטאָר זילבער, טאָרט דאָס נישט זאָגן. איר טאָרט נישט צווייפלען. איר זענט דאָס ליכט פון אונזער שטאָט, אונזער וועג־ווייזער, צו וועלכן מיר אַלע קוקן־אַרויף. אַז איר וועט צווייפלען — וואָס זאָלן מיר קליינע טון? איר מוזט ווייסן גאַנץ גענוי.

ד"ר זילבער

(מיט רעזיגנאַציע)

איר האָט רעכט, גוטע מיסעס אַלטמאַן. איך טאָר נישט צווייפלען, איך מוז ווייסן גאַנץ גענוי, אַז נישט האָב איך נישט קיין רעכט צו זיצן אויף דער שטול. איך דענק זי טאַקע צו פאַרלאָזן פאַר איינעם אַזעלכן, וואָס מיינט נאָך, אַז ער ווייסט בעסער פון אַנדערע. — איך ווייס נישט.

מיסעס אַלטמאַן

וואָס רעדט איר? איר דענקט אונז צו פאַרלאָזן, דאָקטאָר זילבער? זי רופט־אַריין אין צווייטן צימער מיסעס זילבער, איר הערט, וואָס אייער זון זאָגט?

די מוטער קומט־אַריין פון צווייטן צימער, שטעלט זיך אָפּ אַ מינוט. מוטער און זון קוקן זיך דורך

מוטער

מיסעס אַלטמאַן, מיין זון, דער רעוורענד מיינט, אַז ער האָט נישט געהאַנדלט ערלעך און יושרדיג געגן זיין ווייב, וואָס ער האָט פון זיין הויז געשיקט — דורך דעם, דער צווייפל און די רעזיגנאַציע.

ד"ר זילבער

מוטער, איך האָב מיין פרוי נישט געשיקט פון מיין הויז, נאָר זי איז אַליין געגאַנגען.

מיסעס אַלטמאַן

אָ, געגן איר, מיינט איר, טייערער דאָקטאָר זילבער, איר האָט זיך נישט וואָס צו נעמען צום האַרצן. די גאַנצע וועלט ווייסט, ווי איידל און נאָבעל איר האָט געהאַנדלט געגן איר. — זי איז נישט ווערט, אַז איר זאָלט זיך אָפּגעבן מיט איר — די פרוי, וואָס האָט פאַרלאָזט איר מאַן.

ד"ר זילבער

איבערהאַקנדיג, רויט ווערנדיג

גוטע מיסעס אַלטמאַן, באַדאַרף איך אייך בעטן צו ענדערן אייער טעמע?

מוטער

אויבאַז וי, זאָגט אים, מיסעס אַלטמאַן דאָס, וואָס איר האָט מיר דערינען פאַרציילט וועגן דער פרוי. צום זון איך ווייס, ווי געררייצט דו ביסט, איך האָב דיך געוואָלט שוינען, נאָר איך זע איין, אַז כדי דו זאָלסט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געהיילט ווערן — באַדאַרפסטו וויסן דעם גאַנצן אמת. דער־ציילט אים, גוטע מיסעס אַלטמאַן, דאָס וואָס איר האָט

מיר דערינען געזאָגט וועגן דער פרוי, וואָס די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין דערפון.

ד״ר זילבער

דערשראָקן, בייגעריג

וועגן קלאַראַן? וואָס איז געשען, מיסעס אַלטמאַן?

מיסעס אַלטמאַן

אָ, גאָרנישט. איר באַדאַרפט זיך ווירקלעך נישט אינטערעסירן מיט איר — עס איז נידריגער פון אייער כּבוד, — אַ באַליידיגונג.

ד״ר זילבער

אָבער דאָך, פאַרציילט מיר — וואָס איז געשען מיט דער פרוי?

מוטער

וואָס איז געשען? די זינד פאַרלאַנגט דאָס זייניגע.

ד״ר זילבער

דערשראָקן

אָבער וואָס דאָך?

מיסעס אַלטמאַן

וואָס באַדאַרפט איר וויסן דערפון, דאָקטאָר זילבער — זי איז ווייט פון אייך.

ד״ר זילבער

כאַפּט־אָן די פרוי

איך באַשווער אייך, פאַרציילט מיר; זאָגט מיר, וואָס איז מיט דער פרוי.

מיסעס אַלטמאַן

גאָט האָט איר באַצאָלט דאָס, וואָס זי האָט פאַרדינט!

ד״ר זילבער

אויפגערעגט

וואָס איז געשען! דאָך נישט —

מיסעס אַלטמאַן

אָבער, דאָקטאָר זילבער, איר דאַרפט זיך באַרואיגן, עס איז איר געשען רעכט. אויך דער מאַן, פאַר וועלכן זי האָט אייך פאַרטוישט האָט זי פאַרלאָזט — אַוועקגעפאָרן.

ד״ר זילבער

אַוועקגעפאָרן — אַליין, — און וואו געפינט זי זיך?

מיסעס אַלטמאַן

זי איז דאָ אין שטאָט.

מוטער

אופגערעגט

די חוצפה — נאָך צוריקקומען אין דער שטאָט, צו פאַר־שוואַרצן אונזער פנים.

מיסעס אַלטמאַן

דאָס איז ווירקלעך אומפאַרשעמט.

ד״ר זילבער

כאַפּט־אָן מיסעס אַלטמאַן ביי דער האַנט

גוטע מיסעס אַלטמאַן, קאָנט איר מיר נישט זאָגן, וואו זי געפינט זיך?

מוטער

אויפגערעגט

צו וואָס באַדאַרפסטו דאָס וויסן, עס איז נישט דיין עסק — זאָל זי טון וואָס זי וויל.

מיסעס אַלטמאַן

ווירקלעך, דאָקטאָר זילבער, עס איז נישט פאַר אייער כבוד נאָכצופרעגן זיך וועגן איר נאָך דעם, וואָס די פרוי האָט געטון — אין זייער נישט קיין פּאַסנדן אָרט — יעדנ־פאַלס פאַר איר, אין אַ צווייפלהאַפטן, צווייטקלאַסיגן האָטעל, וואו רייזנדע שטייען־איין, אין „מעטראָ־פּאָל”.

ד״ר זילבער

אַך, גאָט! *ער פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט דער האַנט און שטייט אַ ווייל אַזוי*

מוטער

גייט־צו צו אים און לייגט־אַרויף די האַנט אויף זיין אַקסל

עס איז נישט דיין שולד, די וועלט ווייסט עס, און גאָט ווייסט עס — דו האָסט אַלעס געטון די פרוי צו ברענגען

אויפן ריכטיגן וועג. — עס איז די זינד, וואָס ציט די פרוי
ווי אַ שטריק ביים האַלז טיפער אין איר זומפּ. אונזערע
הענט זענען ריין דערפון. קלאַפּט זיך אָפּ די הענט

ד״ר זילבער

ווי פאַר זיך

אונזערע הענט זענען ריין דערפון — אַך, מוטער!

מיסעס אַלטמאַן

אייער מוטער האָט רעכט, דאָקטאָר זילבער. די גאַנצע
וועלט ווייסט וואָס איר האָט געטון פאַר דער פרוי. איר
האָט גאָרנישט דערמיט וואָס צו טון. אייער הויז איז ריין
פון דער בלאָטע, וואָס די פרוי וואַרפט אויף אייך.

ד״ר זילבער

ווי אויפכאַפּנדיג זיך

מיסעס אַלטמאַן, איר האָט מיך צוערשט געפרעגט וועגן
אַן עצה, וועגן אַ מאָראַלישן ראַט, וואָס איז מיין פליכט
געווען צו וויסן און אייך עס מיטצוטיילן לויט דאָס בעסטע
פון מיין וויסן. איך האָב געצווייפלט אַ מינוט, נישט גע-
וואוסט וואָס אייך צו זאָגן. ער הויבט-אויף די אויגן צום הימל
איך דאַנק דיר, גאָט, דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר די
אויגן געעפנט און געלערנט מיך, וואָס איך האָב צו טון.
מיסעס אַלטמאַן, איך ווייס צוליב וואָס איר זענט געקומען
צו מיר, איך ווייס אייער ענין קלאָר און גוט. — איך ראַט
אייך מיט מיין גאַנץ האַרץ — טוט אַזוי ווי איך טו. ער גייט-
צו צו דער טיר און רופט אַריין מערי, מערי, מערי!

מערי

אַ שוואַרצע דינסט קומט-אַריין

וואָס באַפעלט דער באָס?

ד״ר זילבער

מיט אַ פריידיג פּנים

מערי, מיר האָבן אַ גרויסן גאַסט. די מיסעס איז געקומען
צוריק. זייט אַזוי פריינטלעך, מערי, און מאַכט גרייט דאָס

הויז פאַר איר. גרייט אַלצדינג פאָר פאַר דער מאַדאַמס עמפּאַנג. איך גיי זי אָפּוואַרטן צו דער באַן.

מ ע ר י

מיט פרייד

גוט, באָס, גוט, באָס — איך גיי עס טון. אָפּ

די מוטער און מיסעס אַלטמאַן קוקן אים אָן ערשטוינט. די מוטער זעענדיג ווי ער גייט נעמען זיין הוט און שטעקן — פאַרהאַלט אים דעם וועג

מ ו ט ע ר

שטרענג

וואָס גייסטו טון?

ד״ר ז י ל ב ע ר

אויך שטרענג און פעסט, — אַ טאָן וואָס מען האָט ביז איצט ביי אים נישט געהערט

מוטער, איך גיי ברענגען מיין פרוי אַהיים. און איך בעט אייך, גרייט זיך צו זי צו עמפּאַנגען מיט דעם גאַנצן כבוד, וואָס קומט איר אַלס דער פרוי פון אייער זון!

מ ו ט ע ר

אויפגערעגט

זי, די אויסגעלאַסענע פרוי — זי —

ד״ר ז י ל ב ע ר

האַקט איר איבער די רייד

מוטער, איך האָב געדולדעט ביז איצט אייערע רייד און טאָן. די פליכט פון מוטער־כבוד האָט ווי אַן אייזערנע קייט געבונדן מיין אויסברוך געגן אייך. — איצט קומט אַן אַנדערע, אַ פיל גרעסערע פליכט, אַ פיל הייליגערע — די פליכט צו מיין גאָט און צו מיין באַרוף, וואָס שטעלט זיך אין ווידערשטאַנד צו אייך. איך האָב ביז איצט געצווייפלט און נישט געוואוסט, וועלכער איז דער ריכטיגער וועג. — דאָס האָט מיך געמאַכט שוואַך, ווי אַ קינד, געגן אייך. — איך דאַנק דיר גאָט, וואָס דו האָסט מיר אָנגעוויזן דאָס, וואָס איך האָב צו טון. צו דער מוטער מיט שטרענגקייט אָבער רואיג גאָט האָט צוגעשיקט אַ פּאַראַירטן מידן מענטש צו

דער שוועל פון מיין טיר – און איר ווילט אים פאַריאָגן. מיט גאָטס הילף וועל איך שטיין ביי דער טיר פון מיין הויז און וועל פאַרטיידיגן מיט מיין גאַנצער קראַפט גאָטס גוטס, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו מיר – געגן אַלע – אַפילו געגן אייך!

מוטער

איך פאַרשטיי דיך נישט, מיין זון. עפּעס וואָס איז געשען מיט דיר, וואָס איך קאָן נישט באַגרייפן. – יעדנפאַלס, ווען דו רופסט דאָס אָן נייע – קאָן דאָס אַלטע נישט הויזן מיט דיר. וואו די אויסגעלאַסנקייט וואוינט – קאָן די טוגענד נישט וואוינען. דו וועסט מוזן, מיין זון, אויסקליבן איינס פון די צוויי: אָדער די מוטער, אָדער דאָס ווייב. – גייסטו זי ברענגען אַהיים – בין איך נישטאָ מער. – מיר ביידע קאָנען נישט וואוינען אין צווייען. –

ד״ר זילבער

דו האָסט די אַכטונג פון דער גאַנצער וועלט, – זי איז נאַקעט און בלויז. אַלע טירן זענען אָפן פאַר דיר, – פאַר איר שטייט די וועלט פאַרשלאָסן. וואו דו וועסט קומען, וועט דיר אַנטגעגן גיין: רחמנות, כבוד און ליבע; איר – אכזריות, שאַנד און שפּאָט. אַרום דיר וועט קלינגען מענטשלעכע פרייד, אַרום איר – דראָונג און געפאַר. ניין, מוטער, גאָט האָט ליב די אָרעמע לייט – מיין טיר איז שטענדיג אָפן פאַר זיי – דו ביסט רייך.

מוטער

זי גייט אַרויס

הייסטו מיר גיין, מיין זון, עס גייט מיט מיר מיט די וועלט, די סינאַגאָגע דערינען און די שטול, אויף וועלכער דו זיצסט! זי ווייזט די שטול פון אָנהייב טיש

ד״ר זילבער

אַלע וועלטן און אַלע שולן, אַלע קירכן און אַלע סינאַגאָגן, אָבער נישט די שטול. די שטול ער קלאַפּט אויפן טיש די שטול איז מיין. צו מיסעס אַלטמאַן מיסעס אַלטמאַן, איך האָב אייך

פריער געזאָגט, אַז איך קלער צו פאַרלאָזן די שטול, — נישט מער איצט, מיסעס אַלטמאַן. נאָך דעם ווי גאָט האָט מיר אָנגעוויזן דעם ריכטיגן וועג, אויף וועלכן איך האָב צו גיין. — דאָ וועל איך שטיין און פון דאַנעט וועל איך פרעדיגן גאָטס וואָרט — געגן אייך, געגן אַלע וועלטן און אַלע סינאַגאָגן. איך וועל שטיין געטריי אויף מיין אָרט, טון די פליכט פון מיין באַרוף — ביז איר וועט קומען און איר וועט מיך פאַרטרייבן פון דאַנען. ער שטעלט זיך ביי דער שטול

די מוטער

ווי אַ מבול וועלן זיי קומען — און פאַרשווימען די שטול אונטער דיר, און די מוטער וועט אָנפירן מיט זיי. — קומט, מיסעס אַלטמאַן.

די מוטער
מיסעס אַלטמאַן } גייען־אָפּ.

פאָרהאַנג

צווייטעס בילד

עס איז פאַרנאַכט, דאָס צימער איז טונקעלן. עס קומט-אַריין ד״ר זילבער מיט קלאַראַן, וועלכע ער פירט ביי דער האַנט.

ד״ר זילבער

קום אַריין. פאַרוואָס שרעקסטו זיך אַזוי? עס איז דאָך
דיין הויז, אין וועלכן דו קומסט צוריק. — צו דער צוריק-
געשטאַנענער קלאַראַן וואָס שטייסטו און קוקסט זיך אַרום ווי
אַ פרעמדע — דערקענסט נישט דיין אייגענע היים?

קלאַראַ

ווי פאַר זיך

מיין היים... מיין היים...

ד״ר זילבער

אַלע טענות שוין אויסגעהערט. — אַלע רייד שוין אויס-
גערעדט. — יענס דאָרט איז געווען אַ חלום אַ שלעכטער,
וואָס איז פאַרביייגעלאָפן. מיט גרויס ליבע און רחמנות איינ-
בויגנדיג זיך צו איר און אַרומהילנדיג זיך מיט איר דו ביסט דאָך
מיין געליבט ווייב. ביסט דאָך... מזל מיינס!...

קלאַראַ

אָ, סאַלאָמאָן, ווי גוט דו ביסט — אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר
אַ גרויסן. קוקט זיך ווידער פרעמד אום ווי לאַנג איז שוין, ווי
איך האָב דאָס נישט געזען. אַלעס שטייט ווי אַמאָל, און
אַמאָל איז עס געווען אַזוי באַענט — און איך האָב עס נישט גע-
וואָלט... היינט איז עס אַזוי ווייט... אַזוי ווייט... נאָר
אַ דאַנק דיר, סאַלאָמאָן, אַ דאַנק דיר אַ גרויסן פאַר דעם,
וואָס דו האָסט מיר דאָס נאָך אַמאָל געלאָזט זען... — גוט

געווען צו זען. גוט געווען. — נו, שוין צייט צו גיין —
אַדיע, סאַלאָמאָן. וויל ארויסגיין

ד"ר זילבער

פאַרשטעלט איר דעם וועג

וואוהין ווילסטו גיין? —

קלאַראַ

דאָרט, וואו איך באַלאַנג. גוטער מענטש, האָסט טאַקע געמיינט, אַז איך גיי צוריק צו דיר — דו ווייסט דאָך אַליין, אַז איך קאָן נישט מער, אַז איך טאָר נישט מער, — ניין, סאַלאָמאָן, נישטאָ מער פאַר מיר קיין צוריק. איך באַלאַנג שוין דאָרט, וואו איך באַלאַנג, אָבער ערגעץ אַנדערש-וואו... געוואָלט נאָר זען, ווי עס איז געווען אַמאָל, דערמאָנען זיך געוואָלט,— עס דאַכט זיך, אַז עס איז ערשט אַזוי קורץ — און מיר זעט עס אויס אַזוי ווייט.... אַזוי לאַנג שוין צוריק, אַז איך האָב עס שוין באַלד נישט געדענקט, ווי עס האָט אויסגעזען אַמאָל.

ד"ר זילבער

אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, פאַרוואָס ווילסטו גיין? פאַרוואָס?

קלאַראַ

פאַרשטייסטו דען נישט, אַז איך מוז?

ד"ר זילבער

דו מוזסט? פאַרוואָס מוזסטו?

קלאַראַ

ווייל מען רופט.

ד"ר זילבער

דערשראָקן

ווער רופט? וואָס רעדסטו?

קלאַראַ

פון ערגעץ-וואו — פון וואַנען מען קומט שוין נישט צוריק...

ד"ר זילבער

דאָס זענען נאַרישע רייד, קינדישע רייד, איך וועל דיך

נישט לאָזן צוריק. — דאָס איז דיין היים און דאָ באַ־
לאַנגסטו!

קלאַראַ

ווי אומשולדיג דו ביסט, דו ווייסט דאָך נישט ווער איך בין,
ווייסט דאָך נישט, וואָס איך האָב דורך דער צייט געטון.

ד"ר זילבער

רופט־אויס שטאַרק

איך ווייס אַלעס.

קלאַראַ

האַלב דערשראָקן, ערנסט

וואָס ווייסטו? ווי קינדיש דו ביסט — דו ווייסט נישט,
סאַלאָמאָן, — דו ווייסט גאָרנישט.

ד"ר זילבער

איך ווייס, האָב איך דיר געזאָגט, — איך ווייס אַלעס. —

קלאַראַ

דערשראָקן

דו ווייסט אַלעס — און דאָך ווילסטו מיך האָבן דאָ צוריק?

ד"ר זילבער

דו ביסט אומשולדיג, דו ביסט ריין. —

קלאַראַ

ווי פאַר זיך

סאַלאָמאָן, דו ווייסט נישט וואָס איז געשען מיט מיר דורך
דער צייט, וואָס איך בין נישט געווען: מיין לייב איז
אויסגעווינדיגט געוואָרן דורך די קעלטן פון דער נאַכט. —
איך האָב געקוקט דער נאַכט אין פנים אַריין.

ד"ר זילבער

פאַרשטעלט איר דאָס מויל

איך וויל נישט וויסן, איך וויל נישט הערן — איך וויל
גאָרנישט וויסן...

קלאַראַ

לאַכט ביטער

נו, זעסטו שוין — אַלע טירן זענען פאַרשלאָסן פאַר מיר.

פאַר מיר בלייבט נאָר איבער די גאַס, די נאַכט. אָדער עפּעס אַנדערש...

ד"ר זילבער

דו רעדסט פּונקט אַזוי ווי איינע פון זיי — דו, וואָס דו האָסט געקוקט דער נאַכט אין פּנים אַריין — און דו האָסט נישט קיין מוט אָנצוהויבן אויף ס'ניי, פון גאָר עפּעס נייעס.

קלאַראַ

דאָס זאָגסטו, סאַלאָמאָן? אַזוי פירט זיך דאָך די וועלט. אַזוי האָט מען מיך געלערנט — אַזוי האָסטו מיך געלערנט.

ד"ר זילבער

איך בין געווען אין טעות. אויך איך האָב געקוקט דער נאַכט אין פּנים אַריין, קלאַראַ, און איך האָב געזען די וועלט אין איר גאַנצער נאַקעטקייט. אַ גרויס ווילד משוגעים-הויז איז עס. איך בין געווען איינער פון זיי — נאָכגעפּלאַפּלט און נאָכגעשריגן דאָס, וואָס איז זיי אָנגענעם געווען צו הערן. קלאַראַ, דו ביסט נישט ערגער פון זיי — ביסט בעסער פון זיי. זיי, זיי זענען שלעכטע מענטשן, לעבן מיט פּוסטע גאַוהדיגע רייד, וואָס אַלטע שלעכטע לייט האָבן געשריבן פאַר זיי — מיט אויסגעלאָשענע תּורות, טויטע מאָראַלס און פּוסטע נאַרישע עטיקס, וואָס האָבן געמאַכט אויס זיי שלעכטע און ווילדע. ווי בלאָנדזשענדע שדים וואַקלען זיי זיך מיט שאַרפע נעגל איבער דער וועלט. קוקן נאָר אויס, אַז איינער פון זיי זאָל זיך אויס-גליטשן און אָנשטאָט אַ האַנט, אַ הילף, אַ רוף — איז טייוולישע געלעכטער, וואָס לעבט אין זייער האַרץ, — ווי דער טייוול וואָלט זיך געשפּילט מיט זיי. — קיין רחמנות, קיין ליבע, קיין איבערגעבן צום פריינט, צו ברידער, צום אייגענעם. ניין, קלאַראַ, האָסט זיך נישט מיט וואָס צו שעמען פאַר זיי — ביסט בעסער פאַר זיי, ערלעכער פאַר זיי — ביסט בעלייטערט געוואָרן!

קלאַראַ

צערשטוינט

סאַלאָמאָן, וואָס רעדסטו?!

ד״ר זילבער

יאָ, גאָט האָט מיט אַ ניי ליכט מיין האַרץ באַלויכטן, ביי וועמענס שיין איך זע די פינסטערקייט פון דער וועלט, דורך דיין האַנט האָט ער דאָס אָנגעצונדן, דורך דיין גיין און פאַלן האָב איך געזען, ווי נידריג און געמיין מיר זענען. גיב מיר די האַנט, קלאַראַ, אויך איך בין געפאַלן און דערהויבן געוואָרן ווי דו. קום, לאָזן מיר ביידע אָנהויבן אַ לעבן אויף ס׳ניי, גאַנץ אַנדערש ווי זיי.

קלאַראַ

מיט מיר אָנצוהויבן אַ לעבן אויף ס׳ניי? ווי צו זיך יאָ, אפשר האָסטו רעכט, — אָבער אַליין... גאָר גאַנץ אַליין... און אַ ניי לעבן אויך.

ד״ר זילבער

איך ווייס נישט, וואָס דו האָסט געטון דאָרט וואו דו ביסט געוועזן ביז איצט. איך וויל נישט וויסן. איך וויל נישט משפטן. איך ווייס נישט, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט — איך וויל נאָר ליבן.

קלאַראַ

פאַר אַלע זינד?

ד״ר זילבער

וואָס איז זינד? וועלכער שלעכטער רשע האָט עס אויסגעפונען, וועלכער שונא פון מענטשן האָט די קללה פאַרשפרייט צווישן אונז, ווי אַ נעץ פאַרוואָרפן, — לעבנס צו פאַנגען. נישט פון גאָט איז עס, נאָר פון שלעכטע מענטשן אויסגעטראַכט געוואָרן. נישט פאַר אונז צו משפטן. ווי פרייענדע קינדער גייען מיר אַדורך אונזער קורצן וועג, וואָס די געטער האָבן אונז צוגעוואָרפן — נישט צו שטראָפן און צו האַסן, נאָר צו ליבן און מוחל זיין

קלאַראַ

אָבער נישט פאַר מיר, — אַלע יאָ, סאַלאָמאָן — נישט איך. ווי אַן אַרויסגעשטויסענע שטיי איך אין דעם געזאַנג פון דער וועלט... ווי אַ קראַנקע, וואָס... פאַרשלאָסן פאַר אַלע.

ד"ר זילבער

באַפּט זי אָן ביי דער האַנט

וואָס רעדסטו? — דו ביסט די געלייטערטע, ווייל דו ביסט די געפּרוּווטע. — דו ביסט די געליבטסטע, ווייל דו ביסט די געפּייניגסטע. — דו ביסט די געהייליגסטע, ווייל... ווייל...

פאַלט־אַרויף און קושט זי ליידנשאַפטלעך

קלאַראַ

זילבער, קוש נישט, ריר נישט אָן, מיין לייב איז...

ד"ר זילבער

איך פאַרטיליג עס, איך ווישׁ־אָפּ די שאַנד פון דער וועלט מיט מיינע ליפּן...

קלאַראַ

מיין לייב... אָ, זילבער, עס קאָן נישט ווערן מער אָפּגעווישט.

ד"ר זילבער

איך בין עס מבטל. —

קלאַראַ

ווי אַזוי? דורך וואָס, דורך ווען? דו ווייסט דאָך נישט וואָס איך האָב געטון?!

ד"ר זילבער

זיכער און פעסט

איך ווייס, האָב איך דיר געזאָגט. — איך ווייס, קלאַראַ...

קלאַראַ

אַלעס?

ד"ר זילבער

זיכער

אַלעס!

קלאַראַ

דערשראָקן

אוּן דאָך?

ד״ר זילבער

רעדט מיט בלינדן גלויבן

אוּן דאָך בין איך עס מבטל — איך פאַרטיליג אוּן פאַרווישׂ עס מיט דער קראַפט פון מיין ווילן צום גוטן, מיט דעם ווייטאָג פון מיין ליבע צו דיר יויש איך עס אָפּ ווי מיט אַ טוך. גאָרנישט איז געווען. —

קלאַראַ

מיט ביטער געלעכטער

אוּן וואָס זאָל איך טוּן? —

ד״ר זילבער

זיי עס מבטל אַזוי ווי איך.

קלאַראַ

דיר איז לייכט. גאָרנישט שטייט דיר אין וועג צו דיין ווילן, — ביי מיר שטייען מעשים. זי פאַרשטעלט זיך די אייגן מיט די הענט.

ד״ר זילבער

זיי מבטל, אַזוי ווי איך.

קלאַראַ

ווי דו, — ווער בין איך אוּן ווער ביסטו?

ד״ר זילבער

דו ביסט שענער. דו ביסט ריינער. דו ביסט בעסער פון מיר. ווער בין איך? אַ געזעטיגטער נח. וואָס שווימט-אַרום אין זיין קאַסטן איבערן מבול אוּן זעט ווי גאַטס באַשעפענישן טרינקען זיך. אוּן העלפט ער — איז דאָ מיט אַ וואָרט, דאָרט מיט אַ קרעכץ. ווייל וואָס האָט נישט געווייטיגט. דו ביסט געווען אין דרויסן, דו האָסט זיך געווינדיגט מיט די ווינדן פון דער נאַכט. — דער שטורם האָט זיך געהילט אַרום דיין קלייד. דו האָסט געזען די מענטשן אין זייער פיין און נויט, דו ביסט געפייניגט געוואָרן מיט זיי — דיין נשמה האָט זיך געריייניגט אין די וואַסערן פון מבול מיט זיי — דו געפייניגט אוּן געלייטערט ווייב מיינס.

אָט ווי איך באַדאַרף שטיין פאַר דיר, אַזוי באַדאַרף איך שטיין. בויגט זיך.

קלאַראַ

סאַלאָמאָן, סאַלאָמאָן, וואָס טוסטו? פאַר וועמען בויגסטו זיך? איך בין אַן אונזויבער ווייב. — נישט דו פאַר מיר, נאָר איך פאַר דיר. זי וואַרפט זיך אויף די קני פאַר אים איך, וואָס איך האָב נישט געזען דאָס ליכט פון מיין אייגן הויז; איך, וואָס איך האָב נישט געפילט די קרוין, וואָס איך טראָג אויף מיין קאָפּ. איך, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז דיין שוואַכקייט איז דיין שטאַרקייט, דיין גוטסקייט איז דיין מאַכט, און בין עס געגאַנגען זוכן ערגעץ אַנדערש־וואו, שנאָרען עס ווי אַ געשאַנק, קויפן עס פאַר געלט — דאָס, וואָס האָט געשיינט ווי אַ זון אין מיין אייגענער שטוב. איך, אומווירדיק ווייב. וויינט לאַנג און ביטער אין אירע הענט אַריין, קוקנדיג אויף דער ערד

ד״ר זילבער

הויבט־אויף די הענט צום הימל

איך דאַנק דיר גאָט, וואָס דו האָסט מיר צוריקגעשיקט מיין ווייב, אַזוי הייליג און ריין. ער הויבט זי אויף פון דער ערד און נעמט זי אַרום מיט גרויס ליידנשאַפט מיין הייליג, געלייטערט ווייב. מיין לויטערער מזל מיינס. זיי פאַלן זיך צוזאַמען אין די אָרעמס אין אַ לאַנגער ליידנשאַפטלעכער פאַרייניגונג.

עס עפנט זיך די פראָנט־טיר, די מוטער מיט די אָנגעזעענסטע פון דער קהילה קומען־אַריין

ד״ר זילבער

מוטער, מוטער, אַ גרויס וואונדער איז געשען — גאָט האָט מיר צוריקגעשיקט מיין ווייב אַזוי הייליג און אַזוי ריין. דו האָסט באַדאַרפט הערן, וואָס קלאַראַ האָט געזאָגט אַצינד. נעם זי אַרום, מאַמע, נעם זי אַרום, גאָט האָט זי צוגעשיקט הייליג און ריין.

דו האָסט באַדאַרפט הערן...

קלאַראַ

דערזעענדיק די מוטער מיט דער עדה, ווילן זיך אַרויסמאַכן פון זיינע הענט און וויל אַוועק, — זילבער האַלט זי איין

ד״ר זילבער

האָב נישט קיין מורא, קלאַראַ, גאָט האָט פאַרייניגט, ווער וועט צעשיידן?

מוטער

קאַלט

לעסטער נישט גאָט, קוק דיך ליבער אום און זע, ווער עס איז דאָ. —

אַ מינוט פויזע, אַלע שטייען צעמישט, אומאָנגענעם

מיסטער פוקס

געשטערט — זעען מיר, זייט מיר מוחל, רעווערענד.

ד״ר זילבער

מיט אַ שמייכל

ניין, מיסטער פוקס, — עס איז נאָר מיין פרוי, מיסעס זילבער.

מ—ר פוקס

פאַרוואונדערט

מיסעס זילבער, — מיר קענען נישט קיין מיסעס זילבער.

מוטער

וועלכע קומט פאָרויס

פאַרוואָס איז אַזוי טונקל דאָ? זי צינדט־אָן די עלעקטריע.

עס ווערט אַנטפּלעקט דער רעווערענד מיט דער פרוי, די פאָרשטייער פון דער געמיינדע רוקן זיך אָפּ, די מוטער דערזעט די פרוי, פאַרמאַכט די אויגן

ד״ר זילבער

איך זע, אַז די הערן האָבן עפּעס צו רעדן מיט מיר, וואָס מען רעדט נישט אין אָנוועזנהייט פון אַ פרוי. — איר וועט ערלויבן, מיינע הערן, איך וועל מיין פרוי אַרויספירן פון דאַנעט. נעמט־אָן זיין פרוי אונטער דעם אָרעם זייט מוחל, קלאַראַ, אויף אַ מינוט, איך בין באַלד מיט דיר. פירט זי עלעגאַנט אָפּ

קלאַראַ

צו די הערן

איך ווייס מיין אָרט... וואו איך באַלאַנג...

זילבער

קלאַראַ! דו באַלאַנגסט דאָ — ער פירט זי אָפּ אין צווייטן צימער, קומט צוריק וואָס האָבן מיר די הערן צו זאָגן?

מ״ר פוקס

רעוורענד זילבער, אייער מוטער האָט אונז געלאָזט וויסן וועגן דער פרוי, וואָס איר האָט אַריינגעבראַכט צו זיך אין שטוב אַריין. — מיר זענען געקומען געוואויר ווערן, וואָס פאַראַ פּלענער איר האָט וועגן איר. — איר וועט דאָך פאַרשטיין, אַז ווי דער ענין זאָל נישט זיין דעליקאַט און פערזענלעך, דאָך אַלס פאָרשטייער פון דער סינאַגאָגע זענען מיר פאַראינטערעסירט צו וויסן, מיט וואָסערע פרויען אונזער רעוורענד גיט זיך אָפּ.

ד״ר זילבער

האַקט אים איבער

מיסטער פוקס, איידער מיר גייען ווייטער, מוז איך אייך בעטן צו רעדן וועגן מיין פרוי מיט דעם גרעסטן רעס־פעקט, וואָס איר קומט אַלס דאָס ווייב פון אייער רעוורענד — ווען איר ווילט מיך נישט באַליידיגן און איר ווילט מיר נישט ווי טון, און איך האָף, אַז איר האָט עס נישט בדעה צו טון.

מיסטער האַרצפעלד

מיסטער פוקס, מיר דוכט, אַז מיר באַדאַרפן אָנשלאָגן אַן אַנדערן וועג, — דאָס וועט אונז צו גאָרנישט פירן. צום רעוורענד דאָקטאָר זילבער, איך פאַרשטיי אייך זייער גוט און זייער וואויל — איר זענט נישט מער ווי אַ מענטש און גלויבט מיר, אַז איך פערזענלעך ווייס עס אפשר צו שעצן, איך האָט יעדנפאַלס מיין סימפּאַטיע, מיין גאַנצע סימפּאַטיע. אָבער, דאָקטאָר זילבער, עס טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן אויף דער וועלט. איך בין אַ מענטש פון ערפאַרונג, איך ווייס

עס איז אַ האַרץ־זאַך. נאָר דאָקטאָר זילבער, זייט אַ מענטש, שטאַרקט אייך — פאַרשטייט אייער פּאָזיציע, אייער שטעלונג אין לעבן — אייער באַרוף און די פליכט, וואָס איר זענט שולדיק אייער סינאַגאָגע און עדה, וואָס איר האָט איבער־גענומען צו פירן פון אייער פאָטער.

ד״ר זילבער

רואיג

איך פאַרשטיי נישט וואָס איר ווילט פון מיר, מיסטער האַרצפעלד, וואָס איר פאַרלאַנגט...

מיסטער פוקס

דאָקטאָר זילבער, די פרוי איז נישט פאַר אייך, מיט דער פרוי קאָנט איר נישט לעבן און זיין ווייטער דער רעווערענד פון אונזער סינאַגאָגע. איר פאַרשטייט דאָך אַליין! און צוליב איר אויפגעבן אַזאַ פּאָזיציע, אַזאַ שטעלונג ראָט איך אייך נישט, אַלס פּראַקטישער מענטש ראָט איך אייך נישט, אַלס פריינט פון אייער גאָטזעליגן פאָטער, מיט וועלכן איך האָב פערציג יאָר אין איין סינאַגאָגע געדאַוונט, ראָט איך אייך נישט, עס איז נישט ווערט.

ד״ר זילבער

אָבער מיסטער פוקס, מיסטער האַרצפעלד, איר פאַרשטייט וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר? איצט, נאָך דעם ווי גאָט האָט מיר מיין פרוי צוריק אין מיין שטוב געשיקט, נאָך דעם ווי גאָט האָט זי אין מיין האַנט איבערגעגעבן — ווי איך האָב געפונען אַ וועג צו איר האַרץ — ווילט איר, אַז איך זאָל זי ווי אַן אָרימען פויגל, וואָס איז געקומען זיך באַהאַלטן אונטער מיין באַלקן פאַרן שטורם — זאָל איך זי צוריק אין גאַס אַרויסשיקן?! און דערנאָך זאָל איך זיך אַוועקשטעלן ביי אייך אויפן בעלעמער - און פּרעדיגן גאָטס וואָרט? גוטע מענטשן, ווייסט איר וואָס איר פאַר־לאַנגט פון מיר?

מיסטער האַרצפעלד

רעווערענד זילבער, איר האָט געטון געגן דער פרוי אַלצדינג,

וואָס איז געווען אין אייער מאַכט זי צוריקצובריינגען אויפן ריכטיגן וועג. מיר ווייסן, מיר ווייסן – אייער געוויסן איז ריין – איר האָט גאָרנישט געשולדיגט געגן איר. – אַלץ איז איר שולד, און קיינער וועט אייך נישט באַשולדיגן פאַר דעם, וואָס איר שיקט זי צוריק פון וואַנען זי איז געקומען. פאַרקערט, אַלע וועלן אייך רעכט געבן.

ד״ר זילבער

איז דאָס אַ פראַגע פון רעכט אָדער נישט רעכט? וואָס איז רעכט, ווער קאָן עס זאָגן? דאָס איז דאָך אַ פראַגע פון אַ מענטש! פון אַ מענטש, וואָס איך האָב געפונען, פון אַן אייגענעם, פון אַ נאָענטן, אַ חברישן מענטש, וואָס איך האָב געהאַט פאַרלוירן און צוריק געפונען – און איר הייסט מיר אים ווידער פאַרלירן. ניין! אין דער גאַס אַרויסטרייבן – פאַרוואָס? דערפאַר וואָס ער האָט געטון אַזעלכעס, וועלכעס מענטשן רופן-אָן זינד. ווייסט איר, וואָס איז זינד? זענט איר דענסטמאָל געווען אין מענטשנס האַרץ און געוויטיגט זיין יוויטאָג? האָט איר זיך אַדורכגעקוילערט מיט אים דורך אַלע בערג און לעכער פון מענטשנס אומרואיגן וואַרפן זיך, ביז איר האָט אים געפונען אין דעם גרוב, וואָס איר רופט זינד? האָט איר מיט אים זיך דורכגעקאָכט מיט די גלוטן און פייערן פון זיינע פאַרלאַנגען – כשופן און וואַרפענישן? זענט איר געווען אין די כוחות, וואָס אַרבעטן אין אונז אויסער אונזער קאָנטראָל און ווילן? ניין, נאָר איר זעט אַ מענטש ליגן אין אַ גרוב, און איר, ווי די נאַרישע יינגלעך, שטייט אַרום און האַלט זיך ביי די זייטן לאַכנדיג – און וואַרפט נאָך צו אַ שטיין! און דאָס ווילט איר פון מיר, אַז איך זאָל עס אויך טון? איך, אייער רעווערענד, וואָס בין מחויב אייך צו לערנען, ווי צו ליבן, צו אַכטן און צו שעצן דאָס גוטס פון גאָט – דעם מענטש. איך, אייער רעווערענד, זאָג אייך אָבער: עס איז נישטאָ קיין זינד, וואָס מיר מענטשן זאָלן קאָנען משפטן! נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

די הערך שטייען צעמישט און קוקן זיך אָן איינס דאָס אַנדערע, נישט גלויבנדיג זייערע אויגן

מיסטער פוקס

עס איז נישטאָ קיין זינד, זאָגט איר? — און דאָס, וואָס די,
וואָס איר רופט-אָן אייער פרוי, האָט געבראָכן די ערע!
געטויט זי — איז גאָרנישט? — איז קיין זינד נישט?

מיסטער האַרצפעלד

און דאָס, וואָס זי האָט געטרעטן אייער ערע מיט די פיס,
אַרומגעוואַלגערט אין אַלע רינשטאָקן צו שאַנד און שפּאָט —
איז גאָרנישט?

ד״ר זילבער

וואָס איז ערע, וואָס איז ערע אַזעלכעס — וואָס איז עס
אַ לעבעדיגע זאַך, וואָס מ׳קאָן טויטן? לעבעדיג פלייש איז עס,
וואָס מ׳קאָן טרעטן מיט די פיס?

די הערך, אויפגעבראַכט, קוקן זיך אָן

מוטער

הויך

יאָ, ערע איז לעבעדיג, ערע האָט בלוט, וועלכעס מען קאָן
פאַרגיסן — לעבעדיג פלייש, וואָס מ׳קאָן טרעטן.

ד״ר זילבער

אַן אָפּגאָט איז עס. — אַ נאַרישע עבודה-זרה, וועלכע מענטשן
האָבן זיך געמאַכט און אויף וועמענס מזבח מ׳ברענגט
נאַציעס גאַנצע פּאַר קרבנות. אַ נידערטרעכטיקער אינסטינקט
איז עס, וואָס באַרעכטיגט אַלע אויסברוכן פון געמיינער
מענטשלעכער תאוה ביז צו בלוט פאַרגיסן, ביז צו אַ מענטש
הרגענען. — און איך זאָג אייך, אַז הייליגער פאַר דער
ערע, הייליגער פאַר אַלעם איז דער מענטש! — אויסראָטן
פון זיך באַדאַרף מען, באַקעמפן באַדאַרף מען אין זיך אַזאַ
אינסטינקט ווי ערע, וואָס באַרעכטיגט מיך אַ מענטש
שלעכטס צו טון, — ווי מיר באַקעמפן אַלע אַנדערע שלעכטע
אינסטינקטן אין אונז!

די הערך בלייבן פאַרגאַפט, שטייען און קוקן זיך אָן

מיסטער פוקס

רעווערענד זילבער, ווייסט איר וואָס איר רעדט? — אויב אַזוי, איז שוין קיין גאָט נישטאָ אויף דער וועלט. אַ קשיא וואָס מיר קאָנען זיך דערוואַרטן צו הערן פון אונזער רעווערענד. —

ד״ר זילבער

ניין, ניין, טאַקע דערפאַר וואָס איך גלויב, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט, וואָס איך גלויב אין גערעכטן, לאָגישן פירן פון דער וועלט — גלויב איך, איז קיין זינד נישטאָ. אַז איך וואָלט נישט געגלויבט אין גאָט, וואָלט איך געגלויבט אין זינד. —

מיסטער זולצבערג

איך בין אַ פּראָסטער ביזנעס-מאַן. און מיר דאַכט זיך, אַז מיטן רעווערענד דאַרף מען רעדן אויף אַ ריינעם ביזנעס-וועג. *ער ווענדט זיך צום רעווערענד* האַ? רעווערענד זילבער, וואָס טויג מיר דאָס גערעדעריי, דאָס וועט איר זיך אַדורכרעדן מיט אייערע רבנים דאָרט, האַ? אונזערע קעפּ שטייען צו דעם? מיר זענען פּראָסטע ביזנעס-לייט: מיר ווילן נאָר וויסן איינס. וואָס, איר ווילט טאַקע וואוינען מיט דער פרוי, וואָס איר האָט זיך אַריינגענומען אין שטוב? האַ?

ד״ר זילבער

עס איז מיין געזעצלעכע פרוי, מיסטער זולצבערג.

מיסטער זולצבערג

אויב אַזוי, קאָנט איר נישט זיין אונזער רעווערענד, און איר וועט אַזוי גוט זיין אָפּרייניגן דעם פּלאַץ. האַ? איך מיין אַז אַלע ווילן עס, נאָר זיי זאָגן עס נישט אַרויס. *צו די איבעריגע הערן* די ווערטער וועט שוין דער רעווערענד פאַרשטיין. עס איז ביזנעס, האַ?

די איבעריגע הערן שאָקלען-צו מיטן קאָפּ

ד״ר זילבער

מיינע פריינט, איך האָב שטענדיג געמיינט, אַז אַ סינאַגאָגע איז אַ ירושה-זאַך, וואָס אַ פאָטער לאָזט עס איבער צו אַ זון. איצט זע איך, אַז יעדער רעווערענד מוז זיך בויען

אַ סינאַגאָגע, נאָר דענסטמאָל האָט זיין עמוד אַ באַשטאַנד. מיינע העררן, איך פאַרשטיי אייער וואונק און איך נעם אים אָן.

מיסטער פוקס

אונז בלייבט גאָרנישט איבעריג, נאָר אויסצודריקן דער אַלטער מאַדאַם אונזער באַדויערן. גייען-צו צו דער מוטער, וועלכע האַלט זיך מיט אַ טיכעל פאַר די אויגן טייערע מיסעס זילבער, מיר האָבן געמיינט, אַז דער זון, וואָס דער אַלטער, גוטער, גאָטזעליגער דאָקטאָר זילבער האָט אונז איבערגעלאָזט, וועט זיין אַ גוטער פאַרטרעטער. איר זעט עס אַליין. די מוטער שאָקלט מיטן קאָפּ אונז טוט זייער לייד. גייען-אַרויס

ד״ר זילבער

גייט-צו צו דער טיר, באַגלייטנדיג זיי

יעדנפאַלס דאַנק איך אייך. ער שטרעקט צו זיי אויס די האַנט

מיסטער פוקס

די האַנט פון אַ פירער מוז זיין פעסט און ריין. גייט-אַרויס, נישט צו געבן די האַנט דעם רעווערענד, אויך די איבעריגע טוען אַזוי. מוטער און זון קוקן זיך ביידע אָן, די מוטער שווייגט

ד״ר זילבער

איך באַדויער זייער, וואָס איך האָב אייך אָנגעטון לייד, איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט.

מוטער

איך וואַרט אויף גאָטס אַ נס. הלוואי וואָלט איך דיך נישט געבוירן.

ד״ר זילבער

אויפגעבראַכט

דו, וואָס דו האָסט מיר לעבן געגעבן — ווינטשסט מיר טויט?

מוטער

אין מיין לייב צוזאַמען מיט דיין לעבן האָב איך געטראָגן די ברכות פון מענטשלעכער טוגענד, וואָס איך האָב פון

דורות און דורות איינגעזאַפּט אין מיין בלוט. ווען די טוגענד איז נישטאָ, וואָס באַדאַרף איך דאָס לייב?

ד״ר זילבער

איך בין געבוירן געוואָרן, — קוים בין איך געבוירן — שטיי איך איינער אַליין אין דער וועלט. קיין התחייבות נישט פאַר קיינעם, נישט פאַר זיך אַליין: איך הייב־אָן פונסניי.

ער גייט־אָפּ צו זיך אין די צימערן, רופנדיג קלאַראַ, קלאַראַ! — די מוטער הערט זיך איין. אַ שווייגן, באַלד אַ געשריי — אַ ווילד שרייען

ד״ר זילבער

לויפט־אַרויס מיט שרעק

קלאַראַ איז טויט!

מוטער

איך האָב עס געוואוסט. הויבט־אויף די הענט צום הימל איך דאַנק דיר גאָט! דאָס האָט גאָט געטון!

ד״ר זילבער

ניין, דאָס האָט איר געטון. איר זענט דאָ געזעסן און דערינען האָט איר אַ מענטש געטויט, אייער פאַרשאָלטענע מאָראַל. מיין אָרים אומגליקלעך ווייב! נאָך אַ קרבן אויף אייער געוויסן צו די פילע פון אַלע אַנדערע פון אייער שוואַרצער ממשלה. אויסברוך אָבער עס ענדיגט זיך באַלד אייער ממשלה. עס ענדיגט זיך. די שוואַכע קאָנט איר נאָך פאַרפירן. — די שטאַרקע וועלן אייער פאַלשע געביידע איבער אייערע קעפּ וואַרפן און גיין ווייטער. —

פאָרהאַנג

שלום אש

יוסף

שעפער-מעשה אין פינף בילדער

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

פוטיפר

פוטיפרע, זיין ווייב

יוסף, א שעפער-קנעכט פון לאנד כנען

פיהאָ, פוטיפרעס דינסט

ערשטער
צווייטער } פריינט פון פוטיפר
דריטער

אַ שרייבער

די שקלאַפין מוטער

די שקלאַפין ווייב

די שקלאַפין פרינצעסין

(שקלאַפינען, שעפערס, וועכטערס, אויפזועערס)

אין הויז פון פוטיפר, אין לאנד מצרים.

ערשטעס בילד

א גרויסע האַלע אין פּוטיפרס הויז. אַ „שרייבער״ פירט-אַריין יוספן, לאָזט אים איבער צווישן די זיילן און גייט-צוריק. שקלאַפן און שקלאַפינען לויפן פאַרביי די האַלע, טייל פון זיי שטעלן זיך אָפּ, קוקן אויף יוספן פון צווישן די זיילן

יוסף

דערשראָקן, פרעמד, קוקט זיך מיט מורא אום אין פרעמדן הויז. דאַן וואַרפט ער זיך אויף דער ערד. הויבט-אויף די הענט צום הימל מיט געבעט

גרויסער אומגעזעענער גאָט, געפינסט דו דיך אויך דאָ, אין דעם פרעמדן רייכן הויז פון דעם מעכטיגן שר פון מצרים? ביסטו אַראָפּגעקומען פון די פעלדער פון חברון און ביסט מיט מיר דאָ? און ווען איך רעד צו דיר, הערסטו מיך? יאָ, גרויסער אומגעזעענער גאָט, דו ביסט דאָ מיט מיר, און זע איך דיך נישט, דאָך שטייסטו הינטער מיר. איינגערעדט האָב איך זיך, אַז אַ קעניג וועל איך זיין, זון און שטערן וועלן זיך קומען בוקן פאַר מיר, און פאַר אַ שקלאַף בין איך פאַרקויפט געוואָרן. איך בין אַ נאַריש איינגערעדט יינגל, וואָס ווייס נישט אויס-און-איין. ווי אַ שעפּס, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן פון זיין סטאַדע, איז איבערגעלאָזט אין פעלד ביינאַכט אַליין, — אַזוי שטיי איך דאָ אין דעם פרעמדן הויז. דו, וואָס דו היטסט-אָפּ יעדע פאַרוואָגלטע ציג, וואָס די מוטער וואַרפט אַליין אָפּ אין פעלד, — דער שע-פער זעט זי נישט, אָבער דו זעסט זי. דו, וואָס דו שטאַרקסט די פיס פון יעדער בהמה צו קלאַמערן זיך צום שטיין, ווען דער שטורם-ווינט רייסט זי פון פעלזען אין

טיפן אָפּגרונד — הער־אויס אויך מיין געוויין. איך בין אַזאַ ציג, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין פעלד אַליין. דער פאָטער איז נישטאָ, און די מוטער איז טויט... ער

בלייבט־איבער אין געבעט

פוטיפר

קומט־אָן מיט זיינע פריינט פון אַ צווייטער זייט האַלע. צו זיינע צוויי באַגלייטערס

אַ וואונדערלעכע זאַך האָט היינט מיט מיר געטראָפן. ווען מיינע קנעכט האָבן מיך אין מיין טראָג־שטול דעם שקלאַפן־מאַרק פאַרבייגעפירט, זע איך ווי אַ קאַראַוואַן פון ישמעאלים קומט פון דער וויסטע אָנצוגיין. אויף איינעם פון זייערע קעמלען האָבן זיי געהאַט אַ שיינעם יונגן בחור געבונדן. זיין אויסזען איז נישט געווען פון אַ שקלאַף. ווי ער איז געלעגן געבונדן איבער דעם קעמל, האָט ער זיין קאָפּ אויפגעהויבן און מיין בליק האָט זיך געטראָפן מיט זיינעם. עס איז עפּעס געווען אין זיין בליק, וואָס האָט מיין האַרץ ווייך געמאַכט. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב די ישמעאלים אָפּגעשטעלט און געפרעגט אויף זיין פרייז, ווען עס איז אַפילו פול מיין הויז מיט שקלאַפן. דאָך האָב איך באַצאָלט פאַר אים דעם פאַרלאַנגטן פרייז, און נאָך מער — און איך האָב אים מיר געקויפט.

ערשטער פריינט

דו מאַכסט אונז נייגעריג אויף דיין קנעכט, צי דאָך אים אַרויס און ווייז אים אונז.

פוטיפר

איך האָב אים אין דער האַלע געלאָזט ברענגען צו ווייזן אים אייך און צו זאָגן מיר בעשייד, וואָס צו טון מיט אים.

ער פירט זיי צו יוספן צו

צוויטער פריינט

איך האָב ליב יוועלן צו זען אומבאַדעקט, פון פרוכטן — צו געניסן אָפּגעשיילט. באַפעל דיין קנעכט, זאָל ער וואַרפן פון זיך זיין געוואַנד און אַנטפּלעקן זיין לייב.

פוטיפר

גיט א צייכן. צוויי קנעכט ציען-ארונטער פון יוסף דעם שווארצן קעמל-מאנטל, מיט וועלכן ער איז איינגעהילט, און ער בלייבט-איבער האלב נאקעט. שלקא-פינען און שקלאפן באווייזן זיך צווישן די זיילן און קוקן אויף יוסףן באהאלטענערהייט. די פריינט באטראכטן יוסףן מיט באגייסטערטער פרייד. יוסף שטייט מיט די הענט געהויבן צום הימל.

ערשטער פריינט

די זון האט צופיל פון זיין ווייסקייט געטרונקען. זעט זיך אויס, אז זי האט גרויס הנאה געהאט צו באלעקן זיין קערפער מיט אירע גליענדע צונגען.

צווייטער פריינט

זי האט נאר זיין רוקן מיט גאלד באקליידט, כדי ליכטיגער זאל שיינען די ווייסקייט פון זיינע שענקעלן און דער איידעלער געוועב פון זיין בויך.

דריטער פריינט

וואס קלערסט דו צו טון מיט אים?

פוטיפר

איך האב, בשעת איך האב אים געקויפט, נישט געקלערט וועגן זיין נוצלעכקייט. פונקט אזוי ווי מען זעט א וואונדערבארן כשוף-שטיין, א שטיק איידל געוועב, אדער אן אויסטערליש געצירטע חיה — וואס מען בלייבט דערביי שטיין און מען קאן שוין נישט דערפון אוועקגיין, קלערט מען דען וועגן דער נוצלעכקייט פון שמאראגד, ווען זיין גרין, טיף ליכט באוועגט מיט כשוף דיין אויג און הארץ? — אזוי אויך האט מיך דער בחור געצויגן צו זיך מיט זיין רייץ, און ווען מיין טייער פערד מען וואלט פארלאנגט פאר זיין פרייז — אפגעגעבן וואלט איך עס פאר אים מיט פרייד.

ערשטער פריינט

דין געשניצט זענען זיינע גלידער און איידל געוועבט איז די הויט, וואס באקליידט די גלידער. ער איז ווי פאר-שטיינערט פון א יונגן ציפריס-בוים. שיין וועט זיין גע-שטאלט זיין, ווען ער וועט אויף זיינע לייכטע הענט, אונטערגעשטיצט פון זיינע מענלעכע זיילן-היפטן, צוטראגן

דאָס רויזן-וואַסער צו די שיינע פיס פון פּוטיפרע, דיין שוועסטער-ווייב. ווי אַ געזאַנג וועט זיך זיין שלאַנקער בראָנזן-קערפּער באַוועגן אין ריטמישן גאַנג און אָנגענעם וועט דיר זיין צו קוקן אויף זיין ווייסע ברוסט און אויף זיין יונגן בויך, ווען געזעטיגט פון דיין לוסט, דו וועסט אין זיסער מידקייט שלומערן אין דעם שויס פון דיין שוועסטער-ווייב, — לאָז אים באַשניידן און מאַך אים אַ געשאַנק דיין ווייב. ווי הערלעך איר געשטאַלט וועט זיין אין דיינע אויגן, ווען אויפשטייגן זי וועט אויף די רויז-באַוואָקסענע שטאַפּלען פון איר קעלער-באָד, און דער שיינער סריס, באַרויבט פון זיין מענלעכקייט, דאָך אויפגעוואַכט פון פּוטיפרעס רייץ, וועט נאָכגיין אירע טריט מיט גלאַנצנדיקע אויגן, פאַרחלשטער צונג און שלאָפנדיקע גלידער.

צווייטער פּריינט

ווייס איך שוין בעסער צו עצהן. זינדיק וועסטו פאַר די געטער זיין צו באַרויבן דעם הערלעכן קערפּער פון זיין מענלעכקייט. אַ זינד פאַר די געטער וועט עס זיין, דעם זוימען צו פאַרדאַרבן, וואָס ערציען קאָן אַזאַ איידעלע פרוכט. לאָז אים ליבער מיט דיינע דינסט-מוידן באַשלאָפן, און ברענגען זאָל ער דיר אַ דור פון שקלאַפן, וואָס וועט דיין רום טראָגן איבער דער וועלט. פּרעה וועט דיך מקנא זיין מיט דעם איידעלען שקלאַפן-געבערי. קעניגן און הערשער וועלן שיקן שליחים צו דיר מיט טייערע געשאַנקען, אַז דו זאָלסט דיין איידעלע שקלאַפן-ראַסע אין זייער לאַנד פאַרפלאַנצן.

דריטער פּריינט

אומגעדולדיג האַקט אים איבער די רייד

מען באַדאַרף אַליין אַן אומגעבילדעטער מענטש זיין, אַליין שקלאַפן-בלוט אין די אָדערן צו האָבן — אַזאַ איידל לייב פאַר דעם רויב פון רויע שקלאַפן-מוידן אַרויסצווואַרפן. צו-איידל איז דער געוועב פון זיינע שענקעלן און צו דין זיינע

גלידער, אַז זיי זאָלן געזונטע שקלאַפן-יונגען געבוירן. ווען איך באַזיץ אַזאַ טייערן יוּוועל, וואָלט איך גיטער און הייזער, שקלאַפן און בהמות מיינע ווייבער געשאָנקן, אים אָבער פאַר זיך אַליין באַהאַלטן. ווען אין דעם ליכט-באַשפּינטן פאַרנאַכט מיין זעגל-שיף, פאַרפירט פון די וועלן פון ניל, טראָגט מיך אין פאַרנעפּלטן אָוונט אַריין... ווען דאָס געזאַנג פון פאַרלוירענעם טאָג וויגט זיך נאָך איבער די וועלן פון ניל, געשלייערט אין געוועב פון נאַכט און טאָג — געשטאַנען וואָלט פאַר מיר מיין יונגער פריינט. געקוקט וואָלט איך אים אין די אויגן אַריין, — פאַראייניגט וואָלט אונז דער בליק, ווי עס פאַרייניגט דער געוועב פון נאַכט און טאָג דעם הימל און דעם ניל.

פּוֹטִיפַר

וואויל געפעליג זענען מיר אייערע רייד, אָבער הערן וואָלט איך געוואָלט פון דעם יינגל אַליין, מיט וואָס ער קאָן מיר נוצלעך זיין. צו יוסףן דערציייל אונז, וואו איז דיין היים? וועלכער איז דיין שטאַם? און פון וועלכן לאַנד קומסטו צוגיין?

יוֹסף

וואַרפט זיך פאַר פּוטיפרן אויף דער ערד

גרויסער שר, האָב רחמנות, האָב רחמנות אויף דיין קנעכט, און הער-אויס מיינע רייד.

פּוֹטִיפַר

דערצייל.

יוֹסף

אַ שעפער איז דיין קנעכטס פאָטער, אַ שעפער איז דיין קנעכט, און אַ שאָף אַליין ביי גאָט. צוועלף זענען מיר ברידער, אָבער איינציג איז יעדער ביי אונזער פאָטער. מער געאיינציגט און מער געליבט פון אַלע זיינע ברידער איז דיין קנעכט ביי זיין פאָטער יעקב. דאָס איז זיין זינד. צוויי מאָל האַרטע זיבן יאָר האָט דער טאַטע געדינט פאַר דער מאַמע ביים פאָטער לבן. דאָך, ווען עס איז ענדלעך

געקומען די צייט, האָט גאָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. פריינט מיט יהוה איז דער טאַטע, האָט יעקב געבעטן צו גאָט. געבוירן האָט זי אים צוויי זין, און איז געשטאָרבן. עס טרויערט מיין פאָטער נאָך איר די גאַנצע צייט. אין זיין עלטער שויס זיצט מיין יינגערער ברודער און וואַרימט די געפרוירענע הענט פון אַלטן פאָטער מיט זיין יונגן לייב. אָנגעטון אין אַ זיידן העמדל, אויסגעצירט אין אַ זילבער־קייט, דערמאָן איך אים מיט מיין גאַנג און שטיי אין זיין געשטאָרבן ווייב. אין זון אָדער ווינט, עס פאַשען די ברידער דרויסן אין פעלד פון שכם – די שאָף פון אונזער שטאַם. בייטאָג די זון, ביינאַכט די קעלט: קאַלט זייער לייב. באַס זייער זאַק – און פון די האָר רעגנס טראָפּט. ווי אַ קעניג אין פורפור געצירט, אין טרוקענע שעפסן־פעל געהילט, שטייט דיין קנעכט אויף דער שוועל פון זיין פאָטערס הויז און קוקט אין הימל אויס. לבנה און שטערן ציען פאַר אים פאַרביי, דער הימל אַליין און די ערד אויך, יעדער בויגט זיין קאָפּ פאַר אים, בוקט זיך אין דריי. „אַ קעניג וועסט דו איבער דיינע ברידער זיין". ווען אויף אייזל גערייטן, מיט טרוקענע קעזלעך באַהאָנגען, שיקט מיך דער פאָטער אין פעלד אַרויס, מיינע ברידער, מיט שלום צו באַגריסן, דער אייזל־זאָטעל – מיין קעניגס טראָן. פעלדער און בוימער ציען־פאַרביי, אַלעס בוקט זיך פאַר מיר און נויגט זיך אין דריי: „אַ קעניג וועסט דו איבער דיינע ברידער זיין". אַזוי פוסט און פאַס, מיט חלומות זאַט, האָט מיך גאָט פאַר אַ קנעכט געמאַכט.

פּוטיפר

ווי אַזוי איז עס געשען?

יוסף

דורך מיינע אייגענע זינד. בעסער איז געווען גאָט צו מיר, ווי איך האָב פאַרדינט. די שטראָף דורך ברידער־הענט געשיקט, ווי אַ געשאַנק, ווי אַ גענאָד. טויטן האָבן זיי מיך געוואָלט. און נאָר פאַר אַ שקלאַף פאַרקויפט. געשחטן

אַ ציגעלע אַ קליינס, געטונקט דערין מיין קלייד, צום פאָטער צו טראָגן אַהיים. עס זיצט מיין פאָטער אויפן פעלד. דאָס פאַרבלוטיגטע קלייד אין זיינע ציטערדיגע הענט — עס וואַשט דאָס בלוט פון מיין קלייד די טרערן פון זיינע אַלטע אויגן: „אַ חיה רעה האָט אים פאַרצוקט". עס ווייסט דער אַלטער פאָטער נישט, אַז גאָט האָט מיך אין דיינע גוטע הענט איבערגעענטפערט, אַז דו זאָלסט מיין משפטער זיין.

פוטיפר

רירנד זענען דיינע רייד, — און מאַכן דאָס האַרץ ווייך. וואָס האָסטו געלערנט ביי דיין אַלטן פאָטער אין דער היים? מיט וואָס קאָנסט דו אין מיין הויז נוצלעך זיין?

יוסף

פאַלט אים צו די פיס

דיין קנעכט ווייסט מיט שאָף און רינד אומצוגיין. עס האָט דער אַלטער פאָטער מיך געלערנט ווי צו ווידן שאָף מיט דעם ליד פון דער פייף. שיק מיך אין פעלד אַריין. מיט שאָף וועל איך נישט איינזאַם זיין. דערמאָנען וועלן זיי מיך אָן די פעלדער פון שכם, וואו מיינע ברידער, אַזוי איך דאָ, פיטערן שאָף. איין הימל וועט איבער אונז זיין, אין דיזעלבע שטערן וועלן מיר קוקן, און פאַראייניגט וועל איך זיין מיט זיי.

פוטיפר

צו די פריינט

דער יונג האָט אַליין זיין גורל באַשיידט, שעפער געהערן צו שאָף. פיל מער וועט ער זיך פאַסן דרויסן אין פעלד, ווי ביי אונז דאָ. צו יוספן אַ שעפער, וואָס ווידט שאָף מיט דער פייף, גערן וועל איך מיין סטאַדע איבערענטפערן אין זיינע הענט.

יוסף

וואַרפט זיך אויף דער ערד

גרויסער אומגעזעענער גאָט, זיי געלויבט! — אָ, אַלטער

פאָטער יעקב, איך זע דיין אַלט געזיכט, ווי דעם שטראַל פון דיינע אויגן אין ליכט פון שטערן. איך הער דעם ציטער פון געבעט אויף דיינע ליפּן. גאָט האָט געהערט דיין תּפלה און איז געקומען צו העלפן מיר אין מיין נויט. זיי געלויבט! זיי געלויבט!

פאָרהאַנג

צווייטעס בילד.

ביינאַכט ביי די ברעגן פון ניל. עס ליגן אויסגעשפּרייט שעפער פון פאַרשידענע פעלקער ביי די סטאַדעס, טייל דרימלען טייל זענען וואַך, רעדן צווישן זיך. אַ פּייערל ברענט. פון דערווייטנס, פון די וואַסערן פון ניל, הערט זיך אַ ווייט-אויסגייענדיג געזאַנג.

יוסף

קוקט אין די שטערן אריין

אָ, שטילע נאַכט פון קיינעם נישט באַוואַכט, נאָר געהיט
פון גאָט דעם באַשעפער אַליין. שטילע נאַכט, דו נעמסט
אין דיר דאָס גאַנצע לאַנד מיט דיין חסד איין. נעם מיך
אויך אַריין. שטערן פאַרבלאָנדזשעטע, לבנה ליכטיגע, פון
וועלכע לענדער קומט איר צוגיין אַצינד? קאָנט איר מיר
זאָגן, וואָס דער טאַטע מאַכט? און די ברידער מיינע ווי
עס גייט? רוען זיי אויך אַצינד, ווי איך, ביי זייערע סטאַדעס
און קוקן אין די שטערן אַריין? אָ, שטערן-ברידער, זייט
געגריסט אַלטע, אַלטע פריינט פון די שכמישע נעכט, ווען
ווי פרעמדע קעניגן זענט איר אָנגעקומען צוגיין אין דער
נאַכט, יעדער איינער פון אייך האָט דורכגעצויגן פאַר מיר
אין זיין גאָלדענעם וואָגן איינגעשפּאַנט און מיר פאַר
מַס אַ חלום געבראַכט. אָ, שטילע נאַכט, זיי געלויבט, ווי
אַ פאָטער-האַרץ דעקסטו צו יעדע נויט, יעדע וואונד ווערט
אויסגעהיילט, און יעדע עולה אויסגעגלייכט. פּויזע. קוקט זיך
גוט און לאַנג אין די שטערן איין אָ, וואָס קומט איר ווידער,
אַלטע חלומות? אַ קנעכט בין איך אין אַ פרעמד לאַנד.
אַ קנעכט געקויפט פאַר געלט, נישט קיין פרייער שעפער-יונג.

קאָן אַ קנעכט אַ קעניג זיין? *קוקט און קעמפט מיט זיך* ווידער זענט איר דאָ, חלומות פון אַלטע טעג, פון קינדער־יאָרן פון טאַטן יעקבס הויז? ווי ווייסע שאָף קומט איר צוגיין — איך בין אַ שעפער אויף גרינע פעלדער, באַפייכטעט מיט טוי. *מיט קינדערשער פרייד* איר פליט צו מיר פון הימל אַראָפּ, ווי ווייסע טויבן קרייזט איר איבער מיין קאָפּ, ווייסע טויבן פליען אַ קרוין־קראַנץ אַרום מיר, — ווייסע טויבן האַלטן אין זייערע מיילער, אין זייערע רויטע קרעלן טראָפּן אייל — און טריפן אייל און טריפן ליכט און זאַלבן מיין קאָפּ. אַ קעניג בין איך ווידער צוריק. *באַפעלנדיג* ברענגט די לבנה פאַר אַ טראָן צו מיר. שטערן, אין אייערע גאָלדענע וועגן איינגעשפּאַנט ציט פאַר מיר פאַרביי. איינער און איינער קניט און בוקט זיך פאַר מיר, יעדער מיט זיין מאַס אין זיין האַנט אָנגעגרייט.

אַ שעפער פון לאַנד אַרם

וועקט זיך פון שלאָף

שטער נישט דעם שלאָף, שעפער פון לאַנד שכם. זיס איז דער שלאָף פאַרן קנעכט. עס מאַכט אים פאַרגעסן פיין און שאַנד.

יוסף

דער טאָג — פאַר אַרבעט, די נאַכט — פאַר חלומות, שטיי־אויף, שעפער, פון שלאָף און קוק אין הימל אַריין. און חלום דיר דיין חלום אויס.

שעפער פון לאַנד אַרם

ווער ביסטו דאָס, וואָס דו קענסט חלומען פון קעניגן, אין שקלאַפן־שטריק געבונדן?

יוסף

אַ שעפער־יונג פון לאַנד כנען. עס האָט דער אַלטער פאָטער געלערנט מיך צו קוקן אין הימל אַריין און צו חלומען אין די שטערן. געבונדן אין קנעכטישע קייטן, ווען איך קוק נאָר אין די שטערן אַריין, אַזוי פאַלט איבער מיר זייער זינגענדיג ליכט, עס ווערט לויז די שטריק פון די

הענט, די קייט פון די פיס, פון געמיט פאַלט-אַראָפּ
דער שקלאַפן-יאָך. און איך ווער פריי.

שעפער פון לאַנד אַרם

איך וויל נישט חלומען, איך האָב מורא פאַר חלומות.

יוסף

פאַרוואָס?

שעפער פון לאַנד אַרם

ווי בייזע גייסטער, ווי אומגעזעענע פיינט — קומען זיי צו
מיר ביינאַכט און שרעקן מיך איבער.

יוסף

עס האָט געלערנט דער פאָטער מיך פותר חלום צו זיין.
זאָג מיר דיין חלום און כ׳וועל דיר זאָגן באַשייד.

שעפער פון לאַנד אַרם

מיד פון אַ גאַנצן טאָג טראָגן דעם יאָך, פאַל איך ביינאַכט
צו דער ערד-צו ווי צו אַ געליבט ווייב. די נאַכט ברענגט
מיר אָבער קיין רו נישט. האַרט איז די ערד פון עגיפּטן-
לאַנד און מיט בייזע רוחות אָנגעפילט. קוים מאַך איך
נאָר די אויגן צו, באַפאַלן מיך שרעק און אַנגסט. די
שטריק בייטאָג, די אימה ביינאַכט — האַלטן מיך אין קייטן
געבונדן. מיין ווייס שעפעלע קומט צו מיר אין חלום
צוגיין, אָבער נישט צו ברענגען מיר טרייסט און האָפנונג.
עס איז פאַראירט אין וואַלד אַליין, די הערנער אין בוש —
הער איך זיין געשריי. עס רופט און איך הער, און דאָך
קען איך נישט דערגיין — אַזוי בינדט מיך און לייזט מיך
אַ גאַנצע נאַכט מיין אייגן גליק. עס באַווייזט זיך ווי אַ ליכט
און פאַרשווינדט געשווינד.

יוסף

ווייסע שאָף איז אַ סימן פון היים, פון אייגן פעלד, פון
אייגן געצעלט, — האָט דער טאַטע יעקב געלערנט.

שעפער פון לאַנד אַרם

אַזוי האָב איך אויך געדענקט. געפונען האָב איך עס
אַמאָל אין פעלד, מיין קליינעם ווייסן שאָף, געוואָרפן פון

דער מוטער אין אַ גרוב, פאַרגעסן פון שעפער, אָן שפייז און אָן געטראַנק — וועך ווייס ווי לאַנג. און איך האָב עס אויפגעהויבן אויף מיינע הענט, געטוליעט האָט עס זיך צו מיין ברוסט, און געזוכט ביי מיר שפייז. אָ, וואָלט מיך גאָט פאַר אַ ווייב געמאַכט, געשטילט וואָלט איך עס פון מיינע קוועלן. גענאָגט האָב איך דערפאַר דאָס שפייז און פון מויל צו מויל געקאָרמעט. אויף מיין ברוסט, אויף מיין לייב האָט עס געפונען די וואַרעמקייט פון דער מוטער. עס האָט דערקענט דאָס מויל, וואָס האָט עס געשפייזט. הונגעריג געווען — האָט עס מיך גערופן, דורשטיג געווען — צו מיר געקומען. געטראַכט האָב איך און געזאָגט צו זיך אַליין: אַז דו וועסט ווערן אויסגעלייזט פון פרעמדע הענט, צו פאָטער-מוטער קומען אַהיים — אַז גאָט וועט געבן, אין דיין אייגן לאַנד, אויף דיין אייגן פעלד — מיטנעמען וועל איך עס מיט מיר, ווי אַ געטרייען פריינט. מיין שטאַם-שעפס זאָל עס ווערן. פון דעם זאָל זיך מיין סטאַדע אָנהייבן.

יוסף

אָ, שעפער!

שעפער פון לאַנד ארם

אַזוי האָב איך עס געמיינט, ביז איין מאָל אין שטורם פון נאַכט, ווען איינגעזאַמלט האָב איך מיין סטאַדע אין טאָל, איינגעקאָרטשעט און איינגעקוועטשט פאַר דעם אַנגסט פון דונער און בליץ, לייב אין לייב, שאָף און שעפער צו איין קנויל צוזאַמענגעוויקלט, פון רעגן דורכגענעצט, צו איין לייב צוזאַמענגעקנעטן, האָב איך צוליב דער סטאַדע, אָן איינצלנעם שאָף פאַרגעסן. ביי זונען-אויפגאַנג געטריקנט ווען מיר האָבן לייב און פעל, ביי די ערשטע זונען-שטראַלן האָב איך ערשט דערקענט: איך האָב מיין קליינעם שעפסל פאַרלוירן. גערופן האָב איך עס און קיין אַנטוואָרט איז נישט געקומען. אַוועקגעטראָגן איז געוואָרן מיין האָפנונג, דער קערן פון מיין הויז, דורך דעם ווילדן שטורם אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

יוסף

האָסט עס מער נישט געזען?

שעפער פון לאַנד אַרם

נור ביינאַכט. אין יעדן שלאָף הער איך זיין שטימע רופן: פון בוש פון וואַלד. פאַריאָגט איז עס אַליין אָן שפּייז און אָן געטראַנק, שטייט עס אויף איין אָרט און רופט מיך מיט זיין קינדיש וויינענדיגן קול. איך הער זיין שטימע. איך שטרעק-אויס דערצו די הענט, איך זע עס פון דער-ווייטנס. עס דאַכט זיך, עס ליגט אויף דער האַנט. און דאָך קאָנסטו דערצו נישט דערגיין.

יוסף

האָט דיר ווער געזאָגט באַשייד?

שעפער

אַזוי האָבן עס די חלומות-זעער, און אַזוי האָב איך עס מיר אַליין אויסגעטייטשט: אויסגעלאָשן איז דיין האָפנונג, די קנעכטשאַפט איז פאַר דיר ווי אַן אייביגע נאַכט אויס-געשפּרייט. פאַרלוירן איז געוואָרן דאָס קערנדל פון דיין הויז, איידער עס האָט נאָך אין דער ערד זיין זוימען געלאָזט. געשטאָרבן דיין מוטער-שאָף, איידער זי האָט זיך נאָך מיט די שאָף ביים ברונעם צעוואַרעמט. שטענדיג וועסט דו שוין אין פרעהס לאַנד זיין, ביי פּוטיפר דעם האַר, אַזוי אייביג געשפּאַנט צום שקלאַפן-שטאַק וועסט דו שלעפּן דעם יאָך, ביז די ענד פון דיינע טעג אין דיין גרוב אַריין.

יוסף

נישט גוט געשיידט און נישט גוט געטרייסט. אַ כּשוף-מאַכער איז דער גאָט פון מצרים. אַ שעפער — אין דעם לאַנד כּנען. קאָן אַ שעפער אַ שעפער שלעכטס טון? שלעכטס פאַר גוטס ווערט נישט באַצאָלט. שאָף איז די האָפנונג פון שעפער, נישט אָוועק פון דיר איז דיין האָפנונג, נאָר פאָרויס פאַר דיר איז דיין האָפנונג געגאַנגען. איינגעפלאַנצט האָט זי זיך אין אַ פרייען לאַנד און ציט דיך נאָך זיך פון דיין

קנעכטשאַפט אַרויס. ווי אַ געזאַנג זינגט דיר דיין האָפנונג פון פרייען לאַנד און רופט דיך פון דער קנעכטשאַפט אַרויס. דו גייסט שוין אויפן וועג צו דיין האָפנונג, דו גייסט, גייסט, דו זעסט זי שוין פון דערווייטנס, ווי מען זעט אַ ווייט פלאַכיג לאַנד פון אַ באַרג אַראָפּ, דו הערסט שוין איר שטימע רופן, נאָך פאַרווירט זיך דער וועג אויף אַ וויילע, די צייט איז נאָך נישט רייף — אויף אַ טאָג אָדער אויף צוויי, און פוטיפר וועט דיך לאָזן פריי.

ש ע פ ע ר פ ו ן ל אַ נ ד אַ ר ם

וואונדערבאַרער זעער, פון וועלכן לאַנד קומסט דו צוגיין? וועלכער קלוגער גאָט רעד דורך דיין יונג מויל? ער רופט צו די שלאָפנדיגע שעפער שעפער, שעפער, שטייט-אויף, אַ ליכטיגער זעער איז דאָ מיט אונז! די שעפער וועקן זיך פון שלאָף, אַ טייל קומען-אָן צו אים.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— אַ זעער! ווער איז דאָ אַ זעער?

— פרעה האָט פאַרווערט זעערס צווישן די שעפער.

— ווער איז אַ זעער?

ש ע פ ע ר פ ו ן ל אַ נ ד אַ ר ם

ווייזנדיג אויף יוספן

מיט דער קלוגשאַפט פון זיין האַרץ האָט ער אַראָפּגענומען די קייטן פון שקלאַף, אַ שלעכטן חלום האָב איך געהאַט, האָט ער אים אויסגעטייטשט צום גוטן מיר. אַזוי האָט ער מיין גרוב מיט האָפנונג באַפלאַנצט.

ש ע פ ע ר ס

עס איז דער שיינער קנעכט, וואָס אונזער האַר האָט געקויפט.

צ ו ו י י ט ע ר

ס'איז קיין וואונדער, ער איז פון די העברעער.

— ווער זענען דאָס די העברעער?

— מען ווייסט נישט ווער זיי זענען, דער עלטסטער פון זייער שטאַם איז געקומען פון יענער זייט טייך צוגיין.

— מען זאָגט, אַז זיי דינען צו אַן אומגעזעענעם גאָט.

— טייל פאַרוואונדערט צו אַן אומגעזעענעם גאָט? ווי אַזוי קאָן מען בעטן צו אַ גאָט, וואָס מען זעט נישט?

אַן אַלטער שעפער

דעם עלטסטן פון זייער שטאַם האָט מען גערופן אברהם, ער איז געווען דער פריינט פון גאָט, ער איז געווען אַ „זעער".

אַ צווייטער אַלטער

אַלע פון זייער שטאַם זענען זעערס, און קענען חלומות פּותר זיין.

— שוין דריי יאָר צייט ווי איך בין אין געפאַנגענשאַפט, האָב איך נישט געחלומט.

— עס איז שווער צו חלומען אויף פרעמדער ערד.

— מיר האָבן פאַרגעסן צו חלומען.

יוסף

האָט איר גאָרנישט קיין פאַרלאַנגען, נאָך וואָס עס בענקט אייער האַרץ?

ערשטער שעפער

איך האָב געהאַט אַ ווייב, יונג אין געשטאַלט. אירע ליפּן האָבן געפלאָסן מילך און האָניג. און ווען איר לייב האָט דיך צוואַרעמט ווי אַ ברענענדיגער טאָג, האָסטו אין אירע האָר געפונען די קילקייט פון דער נאַכט. ביי אירע גרויסע פלוימען־אויגן האָט מען גערוט מילד, ווי ביי צוויי פרישע קוואַלן. די נעכט זענען וואַרעם אין מיין לאַנד, ליידיג איז איר געצעלט — האָט זי שוין אודאי דער פאָטער פאַרקויפט צו אַן אַנדערן פאַר גוט געלט.

צווייטער

אין די אָרעמס פון צווייטן געפינט זי באַלד דעם טרייסט. איך האָב אָבער אַ פערד געהאַט. אָ, מיין יונגער אָדלער! געטראָגן האָט ער מיך ווי אַ ווינט, דורך מדבר און פעלד, — אויף דער צעהיצטער זון, דורך דעם טונקעלען אָוונט, איז ער געווען מיינע פליגלען בייטאָג, מיינע אויגן ביינאַכט. אָ, געוויס שטייט ער אין שטאַל ביי זיין נייעם הערר און

טופעט אומגעדולדיג מיט די פיס, — הירזשעט און ברומט — ציטערט יעדעס טראָפּן בלוט אין זיינע אָדערן, קוקט מיט זיין שטומען בליק אַרום און פרעגט: וואו איז מיין פריינט אַצינד?"

יוסף

דער חלום פירט אייך צו זיי אַהין.

שעפער

וואו זענען די חלומות?

יוסף

אויף די שפּיץ שטערן אָנגעהאָנגען, אין דער שטילער נאַכט, ווען איר קוקט אין הימל אַריין — זעט איר דאָרט אויבן אייערע וואונטשן און אייערע פאַרלאַנגען, וואָס קוקן־אַראָפּ צו אייך.

די שעפער לייגן זיך אויס אויף דער לאָנקע און קוקן אין הימל אַריין

יוסף

קוקט אין די שטערן, און זוכט אייער פאַרלאַנג.

ערשטער שעפער

איך זע מיין געצעלט, עס שטייט אין פעלד, עס שלייכט זיך ווער אַרויס אין דער נאַכט. איך הער ווייכע טריט אויף פייכטן גראָז, איך זע אַ געזיכט, מיין ווייבס געזיכט. גע־גנבעט האָט זי זיך פון איר מאַנס בעט, קוקט אין הימל אַריין, דורך די שטערן שיקט זי מיר אַ גרוס.

צווייטער שעפער

איך זע מיין פערד, מיין יונגן פריינט — געלאָפן איז ער פון זיין בעל־הבית׳ס שטאַל. ער הירזשעט און רופט, ער שיקט־אויס זיין שאַרפן בליק, זיינע נאָזלעכער צעשפּרייט, שמעקט ער אין דער לופט. באַלד דערקענט ער דעם וועג דורך מדבר און פעלד. די ערד — אַ טייך, זיינע פיס — וועלן. טראָגט ער מיך אויף זיין רוקן, דורך נאַכט און ווינט. מיינע פליגלען בייטאָג, מיינע אויגן ביינאַכט — פירט ער מיך פון געפאַנגענשאַפט אַרויס.

יוסף

דאָס איז דער חלום.

שעפּער

פאַלן־צו צו אים און קושן זיין קלייד

אָ, זיי געלויבט, יונגער זעער, וואָס דו האָסט אונז דעם חלום צוריקגעגעבן. מען הערט טריט עס גייט ווער? ווער קומט צו אונז? שעפּער, געשווינד, די אויפזעער זענען נעבן אונז!

די שעפּער רייסן זיך אויף פון דעם חלום. די אויפזעערס מיט די בייטש אין די הענט קומען צולויפן און שמייסן די שעפּער

ערשטער אויפזעער

די סטאַדעס געלאָזן אַליין, די וועלף לויערן אויף זיי — וואָס טוט איר דאָ אַלע?

די שעפּער

ווייזן אויף יוספן.

דער העברעאישער קנעכט איז אַ „זעער". ער האָט אונז די חלומות אויסגעטייטשט.

ערשטער אויפזעער

שמייסט די שעפּער מיט קאַנטשיקעס

חלומות אויסגעטייטשט. געגן פרעהס געזעץ האָט איר געוואַגט צו חלומען — פרעה האָט פאַרווערט דעם חלום פאַר קנעכט. חלומות שטערן אין דער אַרבעט, און ברענגען אויף שלעכטע געדאַנקען. פון וואַנען האָט איר די חלומות גענומען?

די שעפּער

ווייזן אויף יוספן

דער העברעאישער קנעכט האָט אונז חלומען געלערנט.

די אויפזעער

בעמען יוספן.

דו האָסט עובר געווען אויף פרעהס געזעץ, האָסט די קנעכט חלומען געלערנט.

יוסף

דער חלום איז די באַלוינונג פאַר דער וואָר, ווער באַדאַרף

דעם חלום מער ווי דער אָרימאַן? עס פאַרוױסט די נאַכט —
די ביטערקייט פון טאָג.

די אויפזעער

דו רעדסט געגן דעם געזעץ פון פרעה. הייבן־אויף די קאַנטשיקעס
איבער זיין קאָפּ. יוסף קוקט זיי אָן מיט זיין פרייען בליק. זיי לאָזן
נישט אַראָפּ די קאַנטשיקעס איבער זיין קאָפּ

ערשטער שעפער

זע, זע, זיי האָבן אים נישט געשלאָגן.

צווייטער

ער האָט זיי אין זייערע אויגן אַריינגעקוקט. זיין בליק איז
פון אַ פרייען מענטש. און זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר
זיין בליק.

אַנדערע

ער קומט פון לאַנד כנען. אַלע שעפער פון לאַנד כנען
זענען זעערס.

אַנדערע

ער איז אַ זעער.

דאָס געזאַנג פון ניל קומט וואָס אַמאָל נענטער — מען דערהערט עס שוין פון
גאָר נאָענט. די אויפזעער, דערשראָקן קוקן זיך אום

אויפזעער

עמעצער דערנענטערט זיך צו אונז. צו אַ שעפער גיי, זע ווער
עס דערנענטערט זיך צו אונז. די שעפער אָב

שעפער

פון דערווייטנס

גרויסע האַרן קומען אָן צו אונז.

צווייטער אויפזעער

דער האַר פּוטיפער קומט־אָן צו אונז.

די אויפזעער

צו די שעפער

צוריק צו די סטאַדעס. דער האַר קומט. שמייסן זיי מיט די
בייטשן, אַלע לויפן צוריק צו די סטאַדעס. אַ שיפל מיט געזאַנג פאַרט־

צו צום ברעג פון ניל. עס שטייגן־אויס פוטיפר, זיין ווייב פוטיפרע, באדינער. די היטער ווארפן זיך פאר זיי אויף די פנימער

פוטיפר

מיר האָבן געהערט שטימען אין דער נאַכט רופן. זיי האָבן אויפגעוועקט די וויגנדע וועלן פון טייך מיט שרעק. גע-זאַנג האָבן מיר ערוואַרט צו הערן. און אַנטגעגנגע-שוואומען האָבן אונז געוויינען. וואָס איז געשען?

די אויפזעער

וועלכע ליגן מיט די פנימער אויף דער ערד

דעם העברעאישן קנעכט, וואָס דו האָסט אונז געשיקט, גרויסער האַר...

פוטיפר

מיט שרעק

וואָס איז געשען מיטן העברעאישן קנעכט? זאָגט געשווינד...

ערשטער אויפזעער

געגן דיין געזעץ און דיין געבאָט האָט ער די שקלאַפן חלומען געלערנט.

פוטיפר

חלומען?

צווייטער אויפזעער

אַ „זעער” זאָגן זיי, איז ער. אַ חלום-באַשיידער. האָבן זיי צו אים די חלומות געבראַכט.

פוטיפר

מיט פרייד פאר זיך

איז דאָ אַ חלום-באַשיידער צווישן מיינע קנעכט?

די אויפזעער

עס איז געגן געזעץ און געגן געבאָט.

פוטיפר

ברענגט אים צו מיר. פוטיפר מיטן ווייב זעצן זיך אויף דעקן און לען-שטולן, וועלכע די באַדינטע ברענגען פון שיפל אַרויס אויפן ברעג. זעצן זיך. די אויפזעער ברענגען יוסףן פאַר פוטיפרן ווער ביסטו, קנעכט?

יוסף

איך בין דער שעפער־יונג, וואָס דו האָסט מיט דיין חסד מיך פון די ישמעאלימס הענט געקויפט, און דיינע שאָף איבערגעגעבן אין מיינע הענט.

פוטיפר

די היטער האָבן געבראַכט אויף דיר שלעכטע רייד, אַז דו האָסט געגן דעם געזעץ פון פרעה, דיין האַר, חלומות צווישן מיינע קנעכט פאַרשפּרייט. חלומות זענען נישט גוט פאַר קנעכט, וועקן אונגעוואונטשטע האָפנונגען אויף. לעבן און חלום פאַר דעם שקלאַף — איז זיין פליכט צום האַר. נישט גוט טוסטו, מיין קנעכט.

יוסף

גרויסער האַר, לייטזעליגע האַרינטע, ווער קאָן איבער חלומות אַ האַר זיין? וועמעס געזעץ היטן זיי? און וועלכעס געבאָט קאָן זיי אַ גרענעץ שטעלן? ווי שפּילנדיגע קינדער קומען זיי אָן צוגיין — ווי אַ שפּילנדער טייך שיקן זיי די וועלן פאָרויס, פאַר זיך. און דרינגען מיט קינדישער פרייד אין אָרימאַנס געצעלט אַריין. קאָנסט די שטראַלן פון דער זון געביטן נישט צו שיינען אין די רינשטאָקן און די זומפּן? אָדער קאָנסטו דעם אויספלוס פון ניל הייסן נאָר דעם רייכנס פעלד צו פעטיגן? דעם אָרימאַנס אויסצומיידן? לבנה און שטערן באַפעלן נאָר אין קעניגס פּאַלאַצן אַריינצושיינען? ווער קאָן זיי באַפעלן? ווער קאָן זיי הייסן? אומגעריכטער־הייט קומען זיי צוגיין צום אָרימאַן ביינאַכט און ברענגען אים רייכטימער אין זיין שטוב אַריין. בינדן־אויף די שטריק, וואָס די מעכטיגע האָבן געבונדן, נעמען־אַראָפּ די קרוינען פון די קעפּ פון די הערשער, און טוען זיי אָן אויף די קעפּ פון שקלאַפן. זיי מאַכן לייכט דאָס האַרץ פון געדריקטן, און באַשווערן מיט אַנגסטן די הערצער פון די אונטערדריקער, ווישן־אָפּ די טרערן פון די געפּייניגטע און פּייניגן מיט שמיץ פון חרטה די פּייניגער. ווער קאָן

זיי באַפעלן? ווער קאָן זיי הייסן? גרויסער האַר, גנעדיגע האַרנטע?

פּוטיפרע

צום מאַן

ברודער-מאַן, עס האָט דיין שוועסטער-ווייב אַ חלום געהאַט, אַ חלום חלומט זיך איר יעדע נאַכט. באַטריבט איז מיין האַרץ, שווער איז מיין געמיט, אָן באַוואוסט און אָן באַשייד. איך האָב געפרעגט די כשוף-מאַכערס פון מצרים, די כּוהנים פון די טעמפּלען, אַ טעם צו געבן צו מיין טרויער, קיינער קאָן מיר נישט זאָגן קיין באַשייד. באַפעל דיין קנעכט, זאָל ער פאַר מיר אין די הימלען אַריינקוקן. זאָל ער צווישן די מילך-וועגן זוכן דעם באַשייד פון מיין אומרואיג בלוט, און ברענגען זאָל ער מיר טרייסט, פון דער נאַכט און פון די שטערן, פאַר מיין באַטריבט געמיט.

פּוטיפר

העבּרעאישער קנעכט, האָסט געהערט דיין האַרינטעס רייד, קאָנסט דו זאָגן באַשייד דעם טרוים פון איר געמיט.

יוסף

נישט איך, נאָר גאָט. אין זיינע הימל-טאָוולען וועל איך אַריינקוקן, מיין געזיכט וועל איך ווענדן צו אים מיט געבעט, אפשר וועט ער זען דיין לייד, און רחמנות האָבן אויף דיר, און זאָגן דורך מיר דיר באַשייד. ער וואַרפט זיך אויף דער ערד און גראָבט-איין זיין פנים אין די שטערן, זיינע ליפּן מורמלען אַ געבעט, זיין געזיכט ווערט באַלויכטן מיט פרייד. ער שווייגט

פּוטיפרע

וואָס זעסטו, ליכטיגער שעפער? אין דעם ליכט פון שטערן שיינט דיין געזיכט מיט פרייד, דערצייל.

יוסף

בוקט זיך טיף צו דער ערד

זיי געלויבט.

פּוטיפר

פאַר וועמען בוקסטו דיין געזיכט טיף אין דר'ערד?

י ו ס ף

ווייזט אויפֿן הימל

פֿאַר דעם גרויסן גאָט, וואָס פּיטערט זיינע שטערן איבערן
הימל־פֿעלד מיט רחמים, ווי מיר די שאָף אויף דר'ערד.

פּ ו ט י פ ר ע

און האָסט פֿאַר מיר קיין וואָרט פֿון טרייסט?

י ו ס ף

מיט אַנגסטן, באַהאַלט זיין פּנים אין דר'ערד

פּ ו ט י פ ר

פֿאַרוואָס ציטערסט דו אַזוי?

י ו ס ף

מיין האַרץ איז באַפֿאַלן אַן אומבאַקאַנטע שרעק. אַן אימה,
וואָס איך קען נישט, באַאַנגסט מיך. איך זע מיין גאָט
באַהאַלט זיך פֿאַר מיר — פֿאָטער יעקב, בעט פֿאַר מיר —
איך בין ווייט, און איינער אַליין, אָ, גרויסער מעכטיגער גאָט,
שטיי מיר ביי, פֿאַרוואָס שרעקט זיך מיין האַרץ אַזוי?

פּ ו ט י פ ר ע

צום מאַן

מיין ברודער־מאַן...

פּ ו ט י פ ר

וואָס איז דיין פֿאַרלאַנג?

פּ ו ט י פ ר ע

דעם שיינעם שעפּער־קנעכט פֿון לאַנד כּנען מאַך איך מיר
פֿאַר אַ געשאַנק.

פּ ו ט י פ ר

דערשראָקן

וואָס ווילסטו טון מיט דעם שיינעם שעפּער־קנעכט?

פּ ו ט י פ ר ע

מיין האַרץ איז באַטריבט, און מיין געמיט איז טרויעריק,
איך וויל קוקן אין זיינע קלאָרע אויגן אַריין — און רוען
ביי זיי, איידל איז זיין געזיכט. און אין די שרעקנדע
נעכט, ווען אומבאַקאַנטע אַנגסטן וועלן מיך ווי שונאים

באַפאַלן, זוכן וועל איך רעטונג און שוץ אין דעם געזאַנג, וואָס זינגט פון זיין געשטאַלט. עס פערלען זיך זיינע האָר שוואַרץ אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט — שענק מיר דיין שיינעם שעפער-קנעכט — שטיין זאָל ער פאַר מיר, און ערפרייען זאָל ער מיין געמיט מיט זיין ליכטיג געזיכט.

פ ו ט י פ ר

אומווילִיג

עס איז נישט געוואוינט דער שעפער-קנעכט צום רעש פון שטאָט. שטאַרבן וועט דער גלאַנץ פון זיינע אויגן אין דעם שטויב פון פאַלאַצן, אויסלעשן וועט דאָס ליכט פון זיינע האָר — לאָז אים בעסער אין פעלד בלייבן ביי זיינע שאָף. עס קען דער שעפער לעזן די שפּראַך פון שטערן, נישט דאָס לשון פון פירשטן און כוהנים. זיינע טריט פון רויע פעלד-גראָזן, זענען נישט גלאַטיג גענוג פאַר די ווייסע שוועלן פון דיין הויז.

פ ו ט י פ ר ע

מיין ברודער-מאַן, מאַך מיר דעם שעפער-קנעכט פאַר אַ געשאַנק, און ווען איך וועל צו דיר אין שלאָף-געמאַך קומען, באַגלייטן זאָל ער מיך מיט דעם ליכט אין זיין האַנט.

פ ו ט י פ ר

בייז

עס זאָל געשען דיין פאַרלאַנג. אומרפאַרן איז דער יונג — ריין ווי אַ קינד. פאַלן ווען ער וועט, וויסן וועל איך אין וועמעס האַנט צו זוכן די שולד. צו די אויפזעער נעמט דעם העברעאישן שעפער-יונג, און ברענגט צו אייער האַרינטע פאַר אַ קנעכט.

פ ו ט י פ ר ע

וואַרפט זיך פאַר אים צו די פיס

האָב דאַנק, ברודער-מאַן!

פאָרהאַנג

דריטעס בילד.

אין פּוטיפרעס געצעלט, אין פּוטיפרס הויז. פּוטיפרע און פּיהאָ, איר דינסט

פּוטיפרע

זאָג מיר, פּיהאָ, וואו איז מיין שיינער קנעכט?

פּיהאָ

נישט געגאַנגען איז ער שלאָפן אין דעם שקלאַפן-געמאַך. איבערגעבליבן איז ער אין הויף, איינער אַליין. אונטער די שטערן אויסגעבעט זיין געלעגער זיך, זיין ווייס שעפּסן-קלייד אויסגעשפּרייט. דאָס פּנים גענייגט צום הימל-צו — איז ער געלעגן אַ גאַנצע נאַכט.

פּוטיפרע

ער איז געוואוינט אונטער שטערן צו שלאָפן. הימל זאָל זיין דעק זיין, ערד זיין געלעגער, שטיין זיין קישן. ענג איז אים דאָס רייכע פּוטיפרס הויז, האָסטו אים באַוואַכט, פּיהאָ?

פּיהאָ

אַזוי ווי דו האָסט באַפוילן, גלאַנצנדע זונען-טאָכטער, האָב איך געוואַכט איבער אים אַ גאַנצע נאַכט, פאַרהילט אין שאָטן פון אַ ציפּריס.

פּוטיפרע

בייז

האָסטו זיין אָטעם אין דיר איינגעאָטעמט? ביזטו געקומען נאָענט צו זיין געלעגער? גערויבט מיר מיט דיינע אויגן דעם גלאַנץ פון זיין געזיכט?

פּיהאָ

פאַרענטפערנדיג זיך

איך האָב מיין מויל צוגעשלאָסן — ווען דערנענטערט האָב איך זיך צו אים, נישט איינצואָטעמען אין מיר דער איידעלען הויך, וואָס יאָגט פון זיין אָטעם. פאַרשלאָסן האָב איך די הייטלעך איבער מיינע אויגן, ווען גענענט איך האָב זיך צו אים, נישט צו קוקן אין זיין בלייך געזיכט. אַזוי האָב איך אים מיט פאַרמאַכטן אָטעם און פאַרשלאָסענע אויגן באַוואַכט. באַגליקט נאָר בלויז צו שטיין אין זיין שאָטן אַ גאַנצע נאַכט.

פּוטיפּרע

האָב לוין און דאַנק דערפאַר. ווארפט איר צו א גאָלדענע רינג דערציי̆ל מיר, פּיהאָ, ווייטער, וואָס האָט ער געטון אַ גאַנצע נאַכט? פאַרפעל מיר נישט קיין איינעם פון זיין הויך, קיין איינעם פון זיין בליק.

פּיהאָ

אַזוי האָב איך אים אָפּגעהיט, אַז ס'זאָל ווער פון דיינע דינסטן נישט אָפּווישן מיט זייער בליק דעם ריינעם טוי, וואָס הילט דיינע ווייַנטרויבן איין. געשלאָפן איז ער ווי אַ קינד, און ווי אַ מאַן. די אויגן פאַרמאַכט, די ליפּן פאַר־מאַכט, נאָר דער טוי פון דער נאַכט האָט געשוועבט איבער זיי. פון צייט צו צייט האָט דער ווינט געבראַכט צוטראָגן מיר אַ זיפץ, וואָס איז געקומען פון זיין טיפער ברוסט: „פּאָטער געטרייער, ברידער מיינע — זייט נישט באַנג נאָך מיר!" און האָט זיינע הענט צום הימל אויסגעשטרעקט און זיינע ליפּן האָבן אַ תּפילה געמורמלט: „גרויסער גאָט, שטיי מיר ביי!"

פּוטיפּרע

דאָס האָט ער צו זיינע ברידער די געטער געבעטן.

פּיהאָ

און ווען דער מאָרגן־שטערן האָט נאָר צום גרויען אָנ־געהויבן: ווען אויסגעהוילט האָט זיך דער ציפּריס־בוים —

פון דער פינסטערניש פון דער נאַכט, צוזאַמען מיט די פויגלען, מיט די בלומען אויפגעכאַפּט, האָט זיך דיין שיינער קנעכט ווי אַ יונגער הירש, דערשראָקן פון די רייטערס טריט, ווי אַ יונגער לייב, וואָס ברעכט זיך דורך די צווייגן אין וואַלד — אַזוי האָט ער זיך מיט שרעק און פרייד אומגעקוקט, ווי אַ יונג קאַלב, ווי אַ יונגער לאַם, וואָס דער שעפער האָט צום ערשטן מאָל אויפן פעלד אַרויסגעפירט — געשפּרונגען איז ער אויף זיינע יונגע פיס איבער גראָז און בלום. איינגעבויגן מיט אונטערטעניקייט האָט זיך יעדער שטאַנג אונטער זיינע פיס. געבליט האָט גראָז און גרעזל אונטער זיינע טריט — אַזוי געהיפּט און געשפּרונגען — איבער געבלימטע לאָנקעס איז ער צום טייך ניל אַראָפּ. אויף דעם גרינעם ברעג, אונטער אַ פּאַלמע־שירם האָט ער געוואָרפן זיין קלייד. אַ זון האָט אויפגעפלאַקערט אין דער זון, און נישט געוואוסט האָב איך שוין מער, אויב ער איז אויפן הימל אָדער אויף דער ערד!...

פּוטיפרע

מיט כעס, שלאָגט זי

געוואָגט האָסטו, מיט דיינע שקלאַפן־אויגן, צו קוקן אין די נאַקעטקייט פון מיין זון אַריין?

פּיהאָ

נאָר אויף אַ ווײַלע, אויף אַן אויגנבליק. גוט צוגעדריקט האָב איך די הערלעך איבער מיינע אַפּל־אויגן, און פאַרבונדן זיי מיט די האָר־הייטלעך, אַז קיין איין שטראַל פון זיין ליכטיג לייב זאָל נישט אַריינדרינגען דורך זיי. געהערט האָב איך נאָר, נישט געזען, ווי די ווייסע דורכזיכטיגע וועלן פון טייך עמפּפאַנגען האָבן אין זיך זיין לייב מיט פרייד. ווי אַ ליכטיגער גאָלדפיש האָט ער דורך די וועלן דורכגעלויכטן. און ווי די זון, וואָס הילט זיך אין בלויע ליכטיגע וואָלקנס איין, — אַזוי האָט ער ווי דער גאָט רא באַגאָלדעט די וועלן מיט זיין ליכט...

פ ו ט י פ ר ע

אין וואו האָסטו אים געלאָזט?

פ י ה אָ

ער האָט זיך אין זיין ווייס געוואַנד געהילט און אונטער די פאַרהאַנגען פון דיין שלאָף-געמאַך געשטעלט גרייט צו דינען דיר.

פ ו ט י פ ר ע

לאָז מיך אַליין, מיין דינסט. איך וויל בעטן צו מיין גאָט.

פיהאָ גייט-אַרויס

פ ו ט י פ ר ע

וואַרפט זיך פאַר אַ געשטאַלט פון גאָט ראַ, וואָס שטייט אין איר שלאָף-געמאַך

אָ, ראַ, גאָט פון צוויי לענדער, וואָס אַלעס, לעבעדיגע און טויטע, פריידט זיך מיט דיר. ווען דו גייסט אויף — לעבט אַלעס אויף; ווען דו גייסט אונטער — ווערט אַלעס פינסטער און טויט. ווען דו קומסט צו רייטן אויף דיין הימלישער קו — די פי אויף די לאָנקעס פרייען זיך מיט דיר, די פרוכטן אויף די בוימער, די פיש אין וואַסער, דער פויגל פליט פון זיין נעסט אַרויס. זיינע פליגלען רימען דיך. די פיש אין וואַסער שפּרינגען מיט פרייד — דו ביסט אין וואַסער מיט זיי. דו, וואָס געדייעסט די פרוכט אין מוטערס לייב; דו נערסט דאָס קינד אין דער מוטערס לייב! גרויסער גאָט ראַ, זיי מוחל די געטין איזיס, איר זינד, און גיב צוריק רו צו מיין טרויעריג געמיט! אין דער לאַנגער אומענדלעכקייט, אויף יענער זייט — ווען איך וועל קומען אַהין אויף מיין שיפל צושווימען, געפינען זאָל איך דאָרט נעבן מיר מיין אייביגן פריינט, דעם וואָס דו האָסט מיר באַשערט... *אומגעדולדיג צו זיך* פאַרוואָס איז אַזוי טרויעריג מיין געמיט? פאַרוואָס אַזוי שרעקנדיג מיין גייסט? וועלכער שונא האָט געפונען רעשטן פון מיין עסן, קליידער פון מיין לייב און אין כשוף-פייער פאַרברענט? פאַרוואָס זענען אַזוי שווער היינט די רינגען אויף מיינע הענט? *זי פאַטש מיט אירע הענט.* פיהאָ! פיהאָ! *עס באַווייזט זיך די*

דינסט פֿאַרבּרענסטו די רעשטן פֿון מיין געבּרויך? היטסט דו די שאַלן, די צירונג, דעם שמוק און פּודער מיינעם פֿון יעדן פֿרעמדן אויג? עס האָט ווער מיר כּשוף אָנגעטון!

פּ י ה אָ

פֿאַרבּרענט ווערט יעדער איבּערבּלייבּעכטס פֿון דיר. אָפּגעווישט יעדער טריט נאָך דיר, אַז קיין פֿיינט זאָל נישט קריגן קיין שפּור פֿון זיי.

פּ ו ט י פ ר ע

און פֿאַרוואָס איז אַזוי טרויעריג מיין געמיט? בּאַהענג מיך מיט די קמיעות-שטיינער, אפשר וועלן זיי מיך בּאַשיצן פֿון אַ שלעכט אויג.

פּיהאָ טוט דאָס

פּ ו ט י פ ר ע

ווארפֿט פֿון זיך די שטיינער

עס האָבּן פֿאַרלוירן די קמיעות זייער קראַפֿט, קאָנען מיך נישט בּאַשיצן מער. עס האָט ווער טראָפּנס בּלוט פֿון מיינע אָדערן געשעפּט און זיי אַ קרבּן אויף אַ מזבּח פֿון אַ כּשוף-גאָט געבּראַכט. עס האָט ווער אַ ממשלה איבּער מיין האַרץ געקראָגן. פֿיר מיך צו די כּוהנים, זוך-אויס די שענסטע טויבּן-פּאָר, בּאַשמיר זייערע פֿיסלעך מיט מיינע בּעסטע איילן. איך וועל זיי פֿאַר אַ קרבּן פֿאַר די געטער בּרענגען. פּיהאָ וויל אָפּ, פּוטיפֿרע רופֿט זי צוריק ניין, בּלייבּ, עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די קראַפֿט פֿון די כּוהנים, און זיי קאָנען מיר נישט העלפֿן מער. גאָט רע בּרענט מיין בּלוט מיט דעם גיפֿט פֿון זיין בּרענענדיגן לייבּ. רוף מיר דעם שיינעם העבּרעאישן קנעכט אַריין. זאָל ער קוקן פֿאַר מיר אין די הימלען אַריין. זאָל ער בּעטן צו זיין גאָט. איך וויל זען זיין געזיכט.

פּיהאָ גייט-אַרויס. עס קומט-אַריין יוסף. בּלייבּט שטיין בּיי דער טיר און וואַרפֿט זיך מיטן פּנים פֿאַר פּוטיפֿרען.

פּ ו ט י פ ר ע

מיין שיינער העבּרעאישער קנעכט!

יוסף

געביט דיין קנעכט, האַרינטע!

פּוטיפרע

עס איז מיר אַזוי טרויעריג, מיין בלוט וויינט אין מיין לייב. קאָנסטו מיין טרויער הייל֞ן, מיין שיינער קנעכט?

יוסף

אין דעם איינזאַמען פעלד, אין דער שטילער נאַכט, ווען די שטערן רעגענען מיט בענקשאַפט פון הימל אַראָפּ, דאָס האַרץ באַטריבט, דאָס אויג פייכט, נעם איך שפּילן מיט מיין פייף. עס דערקענען די שאָף די פייף פון שעפער גיכער איידער זיין בייטש, און צום קלאַנג פון זיין ליד זאַמלט דאָס לאַם די לעמעלעך איין.

פּוטיפרע

שפּיל פאַר מיר אויף דיין פייף. אויך מיין האַרץ איז באַטריבט און מיין אויג איז פייכט. ווי דאָס לאַם אין פעלד, וועל איך אונטער דיין געזאַנג איינשטילן מיין בענקנדעס בלוט.

יוסף

אָרים איז מיין ליד, אַן אָרים שעפער-ליד. נאָר ווען דיר איז באַליבט... ער שפּילט אויף זיין פייף

פּוטיפרע

מיט בענקשאַפט איז דורכגעזאַפּט דיין ליד. דאָך מיט האָפנונג פיל. עס בענקט און האָפט דיין ליד צוזאַמען. נאָך וואָס?

יוסף

עס האָט דיין קנעכט חלומות ביינאַכט. חלומות, וואָס פּאַסן נישט פאַר אַ קנעכט. עס חלומט די נאַכט די בענקשאַפט אויס פון טאָג. און די קאַרגקייט פון דער וואָר באַרייכערט דער חלום.

פּוטיפרע

וואָס איז דיין חלום?

יוסף

נישט געצימט און נישט געפּאַסט — אַ חלום פון אַ פּוסטן יונג.

פּוטיפרע

דערצייל מיר דיין חלום!

יוסף

פון אַ קעניגס הויז קום איך אַרויס — אין קנעכטס קייטן געבונדן — חלום איך אַ קעניגס חלומות.

פּוטיפרע

וואו איז דיין הויז? וועלכעס איז דאָס לאַנד, פון וואַנען דו קומסט?

יוסף

אויף יענער זייט מדבר, אויף אַ געבירג־לאַנד, אויף אַ גרין פעלד, אונטער אַ באַשטערנטער נאַכט, שטייט איינזאַם אַ ווייס געצעלט. באַשאָטנט פון שאָף און רינד, זיצט אַן אַלטער מאַן, אַ יונג קינד אין זיין שויס. די ברידער, ווי די קעניגן איז ווייס געוואַשענע שעפּסן־פעל, באַהאָרט און באַבאָרדט. מיט די שעפּער־שטעקנס אין די הענט שטייען זיי, צוועלף איז זייער פולע צאָל. נישט פול איז די פרייד, אַ טרער אויף די אַלטע אויגן הענגט, אַ תפלה אויף די ליפּן — אויף דעם איינעם, וואָס פעלט.

פּוטיפרע

קוקט אים אָן

שיינער העברעאישער קנעכט!

יוסף

בויגט זיך פאַר איר

זיס איז מיר די קנעכטשאַפט פאַר דיר, האַרינטע!

פּוטיפרע

מיין וואונדערבאַרער קנעכט! קאָנסט דו מיר זאָגן, נאָך וואָס עס בענקט דאָס מיין בלוט אין מיינע אָדערן?

יוסף

האַרינטע! ווער קען זאָגן באַשייד? אין דיין איידל לייב

רינט בלוט פון אַלטע דורות. עס איז דער חלום פון אַלטן בלוט, וואָס זוכט זיין רעטעניש אין דיר.

פּוטיפרע

קוקט אים אָן

ווער ביסטו, מיין שיינער קנעכט? עס האָט דיין מוטער געטראָגן דיך אין שאָטן פון אַ ציפּריס־בוים און אַ ציפּריס־געשטאַלט געגעבן דיר. זי האָט זיך אין אַ יונגן הירש פאַרקוקט, און זיין פאָרם אין דיין געשטאַלט געגאָסן. דו ביסט שיין! שטיי אַזוי פאַר מיר, מיין שיינער שעפער־יונג! איך וויל זעטיגן מיין בליק מיט דיין געשטאַלט. עס וועט הערן מיין בענקנדעס בלוט דאָס ליד, וואָס זינגט פון דיינע גלידער אַרויס, און געפינען וועט עס רו.

יוסף

וואַרפט זיך פאַר איר, בויגט זיינע הענט צו זיין פּנים

וואָס רעדט מיין האַרינטע אַזעלכע רייד צו דעם נידריגסטן פון דיינע קנעכט?

פּוטיפרע

שטיי פאַר מיר. איך וויל חלומען דעם חלום, וואָס קוקט פון דיינע אויגן אַרויס. איך וויל בענקען דאָס בענקשאַפט, וואָס וואוינט אין דיינע ברעמען. שטיי פאַר מיר, שיינער קנעכט!

יוסף

האַרינטע פון מיין האַרץ! ער שטעלט זיך פאַר איר

פּוטיפרע

קוקט אויף אים

ווער ביסטו? וועלכער גאָט פאַרבאָרגט זיך אונטער דיין הויט? וועלכעס פייער געגאָסן אין בלוט, געפאָרמט אין ביינער, וואוינט אונטער דיין הויט?

יוסף

קוקט אויף איר מיט מיטלייד

דיין האַרץ איז באַטריבט, דיין געמיט איז באַשווערט. עס איז מיר באַנג פאַר דיר, מיין האַרינטע.

פוטיפרע

דו קאָנסט היילן מיין קראַנק האַרץ.

יוסף

געביט, האַרינטע. זיס וועט זיין די לאַסט, וואָס איך וועל טראָגן פאַר דיר. לייכט דער שטאָק פון יאָך.

פוטיפרע

מיט דיין בליק קוק אויף מיר, מיין שיינער קנעכט! עס לעכצט אין מיר מיין בענקשאַפט נאָך עפּעס-וואָס, וואָס האָט קיין באַשייד. גיס דיין זאַפטיגן בליק אין מיין דורשטיג בלוט אַריין. עס וועט דורך אים מיין בענקשאַפט קריגן באַשייד. ווי אַ קעניג, וואָס באַהערשט זיינע אונטערטאַנען מיט זיין שטומען באַפעל, אַזוי באַהערש מיין ווילד בלוט מיט דיין בליק.

יוסף

קוקט אויף איר

פוטיפרע

וועלכע טיפע הימלען, געלויכטן איבער אַנדערע לענדער, האָבן זייער גלאַנץ אין דיין אויג איבערגעלאָזט; וועלכע אומבאַקאַנטע שטערן, געהאָנגען איבער סודותדיגע נעכט, האָבן זייער שימער אויף דעם באָדן פון דיין אויג-ים פאַרטרונקען? וועלכער גאָט האָט פאַרלאָזן זיין זיץ אין דער זונען-שיף און איז געקומען צו מיר צוגיין? דו ביסט גאָט רא, וואָס האָט זיך מיט יוגנט באַנייט און איז צו מיר פאַר אַ שפּעפּער-יונג געקומען. דו ביסט דער שיינער אָזיריס, וועלכער האָט זיין הערשאַפט איבער די טויטע אויפגעגעבן און צו איזיס צוריקגעקומען. איך בין איזיס, דיין שוועסטער און דיין ווייב. קום, מיין ברודער, אין דיין הויז אַריין. די נאַכט וואוינט אין דיינע האָר, און דער טאָג אין דיין געזיכט. דיינע ביינער זענען געגאָסן פון זילבער, און דיין פלייש פון גאָלד. קום צו מיר ווי אַ ווייכער נעפל און נעם מיך אין דיר אַריין. קום ווי אַ שטורם, מיט בליץ און דונער, און וואַרף מיך

ווי אַ שעפּס, פון שפּיציגע פעלזן אין שטיינערנעם טאָל
אַריין. זי וויל אים ציען צו זיך

יוסף

וואַרפט זיך פאַר איר צו די פיס

גרויסע האַרינטע, האָב רחמנות! ערנידריג נישט דיין כבוד
צו בוקן זיך פאַר אַ קנעכט, נישט דיר פּאַסט זיך צו
בוקן פאַר מיר, נאָר איך פאַר דיר. איך בין נאָר אַן
אומווירדיגער קנעכט. ער פאַרבאָרגט זיין פּנים אין זיינע הענט
און וויינט

פּוטיפרע

וואָס איז דאָס, וואָס פּערלט זיך פון דיין אויג?

יוסף

עס איז מיין טרער, געקומען אין מיין געבעט צו גאָט.

פּוטיפרע

פאַר וועמען איז דיין געבעט?

יוסף

פאַר דיר און פאַר מיר.

פּוטיפרע

דיין אויגן-זאַפט, דער קרבן פאַר דיין גאָט, וויל איך טרינקען.

יוסף

טו עס נישט, האַרינטע, עס איז דער געטראַנק פאַר גאָט.

פּוטיפרע

איך וויל דעם געטראַנק טרינקען.

יוסף

שווייגט

פּוטיפרע

איך באַפעל דיר, מיין שיינער קנעכט, גיב מיר דיינע
טרערן צו טרינקען.

יוסף

עס וועט זיין אַ זינד פאַר גאָט.

פּוטיפרע

הער מיין באַפעל און טו מיין געבאָט!

יוסף

שווייגט

פוטיפרע

איך באַפֿעל דיר, מיין קנעכט, נעם דעם בעכער אין האַנט
און זאַמל אין אים דיינע טרערן איין.

יוסף

בוקט זיך פֿאַר איר

איך בין דיין קנעכט און הער דיין באַפֿעל. ער נעמט דעם בעכער
און זאַמלט אין אים זיינע טרערן איין, וואָס רינען פֿון זיינע אויגן

פוטיפרע

איך הער דעם געזאַנג פֿון דיינע טרערן, ווי רייפֿע טרויבן
פֿאַלן זיי אין דעם בעכער.

יוסף

דערלאַנגט איר דעם טרערן-בעכער, קניט פֿאַר איר

מיינע תּפֿלות אין דעם כּוס געזאַמלט, דערלאַנג איך דיר
צום געטראַנק.

פוטיפרע

נעמט דעם בעכער און גיסט-אויס די טרערן אויף דר'ערד

דיינע טרערן זענען קאַלט אין בעכער געוואָרן. דיינע
תּפֿלות אויסגעלאָשן. וואַרים וויל איך דיינע טרערן טרינקען.
נישט געקומען פֿאַר קרבּנות צו אַ פֿרעמדן גאָט. פֿאַר מיר
געשפּראָצט, פֿאַר מיר געפֿלאָסן, וויל איך דיינע טרערן
טרינקען. גיב מיר דיינע טרערן צום טרינקען.

יוסף

מיינע טרערן קומען פֿון אַ צעבראָכן האַרץ. ביטער זענען
מיינע טרערן, האַרינטע!

פוטיפרע

איך וויל דיינע טרערן טרינקען.

יוסף

שווייגט

פוטיפרע

דו ביסט מיין קנעכט און איך דיין האַרינטע. איך באַפֿעל

דיר! דיינע טרערן, פריש פון דיינע אויגן אויסגעשפּראָצט, דערלאַנג מיר צום געטראַנק.

יוסף

איך בין דיין קנעכט און הער דיין באַפעל. *ער קניט פאַר און גיט איר זיינע אויגן צו טרינקען*

פּוטיפרע

נעמט-אַרום זיין קאָפּ און טרינקט די טרערן פון זיינע אויגן

ווילדער פון ווין איז דיין אויגן-געטראַנק. מיינע ליפּן האָבן געטרונקען פון ווילדן כשוף-וויין. איך בין שכּור פון פאַרסמטע וויינטרויבן. מיין בלוט האָב איך אונטערגעצונדן מיט אַ פייערדיגן געטראַנק.

יוסף

אויסגעשעפּט, וואַרפט זיך אויף דר'ערד

גאָט פון מיינע פאָטערס, הער מיין געוויין, מיין בלוט רינט-אויס פון מיינע אָדערן. פאַרוואָס פּרוּווסט דו מיך אַזוי? איך בין אַן אומווירדיגער בלאַט, וואָס דער ווינט האָט פאַרטראָגן פון בוים, אַ געבראָכענע צווייג — פאַרוואָגלט און פאַרשטויסן — האַלט מיך טיף איינגעפלאַנצט צו מיין בוים. גיב מיין האַרץ געוויכט, אַז אויסהאַלטן זאָל עס דעם ווינט. איך בין שוואַך און איינער אַליין. גרויסער אומגעזעענער גאָט! *ער הויבט זיך אויף און גייט-צו צו פּוטיפרע און וואַרפט זיך פאַר איר צו די פיס* גנעדיגע האַרינטע, געביטערין פון מיין האַרץ, האָב רחמנות! *ער שטרעקט-אויס צו איר די הענט מיט געבעט*

פּוטיפרע

וואָס איז דיין פאַרלאַנג, מיין שיינער קנעכט?

יוסף

באַפריי מיך פון דער לאַסט, וואָס דו האָסט געלייגט אויף מיר צו זיין דיין קנעכט.

פּוטיפרע

פאַרוואָס אַנגסט דיך אַזוי דיין האַרץ?

יוסף

איך בין אַן אומווירדיגער קנעכט. ער באַהאַלט זיין פּנים אין זיין קלייד. פּויזע. יוסף וויינט אין זיין קלייד

פּוטיפרע

דיינע טרערן, ווי פייערדיגע שטראָמען, רינען אין מיין בלוט אַריין, אויסדערוויילטער פון מיינע קנעכט.

יוסף

וואָס איז דיין באַגער, הערשערין פון מיין האַרץ?

פּוטיפרע

מיין בלוט גליט אין מיר, און עס איז מיר קאַלט, מיין שיינער קנעכט. ווינטן פון קאַלטע מדבריות-נעכט גייען-דורך דורך מיין לייב — טו-אויס דיין קלייד און היל מיך מיט דיין קלייד איין.

יוסף

אין געבעט

מיין קלייד איז דאָס קלייד פון אַ שעפער, רוי זיין שטאָף. גראָ געוועבט זיינע פעדים. שווער זיינע פאַלדן פאַר דיינע איידעלע פּלייצעס. צעראַצן וועט דער רוי געוועב פון זיינע פעדים די שיינע הויט פון דיין לייב, איך וועל אַריינרופן דיינע דינסט-מוידן, אַז זיי זאָלן דיך וויקלען אין דיינע אייל-געזאַלבטע שאַלן.

פּוטיפרע

דיין קלייד איז וואַרים, די שטערן האָבן איבערגעלאָזט זייער ליכט צווישן זיינע פעדים, דיין קלייד שמעקט. עס שמעקט פון אים דער געשמאַק פון נאַכט אין פעלד, אין זיינע פאַלדן האַלטן זיך די וואַרימע ווינטן פון מדבר אויף. היל מיך מיט דיין קלייד איין.

יוסף

שווייגט

פּוטיפרע

דו שווייגסט, מיין שיינער קנעכט. דו ביסט נישט קיין גוטער קנעכט. דו הערסט נישט צו די באַפעלן פון דיין

האַריגטע. דיין האַרינטע באַפעלט דיר, טו־אויס דיין קלייד
און היל דערמיט מיין לייב איין.

יוסף

קניט פאַר א"ר

איך בין דיין אונטערטעניגער קנעכט. טוט־אויס זיין קלייד און
הילט דערמיט פוטיפרען איין.

פוטיפרע

וויקלט זיך אין יוספס קלייד איין

דיין קלייד איז וואַרים — דיין קלייד איז דורכגעבריט
פון די שטראַלן, וואָס יאָגן פון דיין לייב. דיין קלייד
שמעקט, עס שמעקט מיט די געשמאַקן פון דיין הויט. דיין
קלייד איז נאַקעט און גלאַטיג ווי דיין לייב, עס איז מיר
הייס אין דיין קלייד, צו־פיל זון־שטראַלן. זי וואַרפט פון זיך
דאָס קלייד צו יוספן, וועלכער ליגט פאַר איר צו די פיס דאָרט אין
מיינע קרוגן שטייט דער בעסטער אייל פון היטים־לאַנד.
איך באַפעל דיר, מיין קנעכט, נעם פון דעם אייל אויף
דיין האַנט, קילן וועלן מיך די איילן, וואָס דו וועסט גיסן
פון דיין האַנט אויף מיין לייב.

יוסף

דערשראָקן

דיין הויט איז צו איידל פאַר מיין רויער האַנט. די האַנט
פון דיין קנעכט איז נאָר מיט האַרטע שעפסן־פעל גע־
וואוינט. באַפעל און איך וועל רופן דיינע דינסטן, אַז זיי
זאָלן דיך זאַלבן מיט דיינע איידעלע איילן.

פוטיפרע

בייז

ווער ביסטו, וואָס דו האָסט דיין האַרינטע צו באַפעלן,
ווען זי זאָל זיך פאַר אירע דינסטן אויסזוכן?! איך וויל
זען דעם ציטער פון דיין ליפּ, דעם חלף־גלאַנץ פון דיין
אויג, ווען מיין בולטע ברוסט וועט שלאָגן דיין צעקאָכט
בלוט אונטער דיין הויט, קנעכט פון לאַנד כנען, נעם די פאַן
און גיס אייל אויף דיין האַנט און קום און זאַלב מיין לייב.

יוסף

בויגנדיק זיך פאר איר

איך בין דיין קנעכט, און טו דיין געבאָט. ער נעמט איר און גיסט אויף זיין האַנט, און זאַלבט פּוטיפרע, וואָס האָט אַנטפּלויזט איר לייב

פוטיפרע

קוקט אים אין די אויגן אריין

וואָס, קיין ציטער פון דיין האַנט, קיין קלאַפּן פון דיין האַרץ, דיינע ליפּן פאַרשלאָסן, דיין אָטעם פאַרמאַכט. כאַפּט אים ביי די האָר און קוקט אים אין די אויגן אריין דיינע ציין פאַרביסן אויף דיינע ליפּן, פאַרשלאָסן, ווי דו וואָלסט דעם דופט פון מיין לייב נישט געוואָלט אין דיר איינאָטעמען. דיין אויג איז טויט, גלייכגילטיג דיין בליק, נישט קיין גלאַנץ פון האַס, נישט קיין שטראַל פון גליק, געהאָרכיג איז דיין געזיכט.

יוסף

קניט פאר איר

איך בין נאָר אַ קנעכט און טו מיין פליכט.

פוטיפרע

אויפגערעגט

אומווירדיגער קנעכט, האָסט צעטראָטן די בלומען, וואָס איך האָב צו דיר אויסגעשטרעקט. געטויט די פויגל, וואָס איך האָב צו דיר געשיקט.

יוסף

איך בין נאָר אַ קנעכט און טו מיין פליכט.

פוטיפרע

בין איך אַזוי אומווירדיג, אַז שעפער־יונגען פאַראַכטן מיך? האָט איזיס נישט מיט בלוט פון רויטע טויבן די וואָרצלען פון מיינע ברוסטן באַשמירט? האָבן די געטער נישט גלוסטונג אין די פאַלדן פון מיין בויך איינגעקנעטן? בליען נישט די נעגל אויף מיינע פיס מיט דער רויטלעכקייט פון פאַרכשופטע רויזן? האָט מען מיך נישט פאַר דער האָניג־

בלום פון מצרים אויסגערופן — וואָס פירשטן און געטער גלוסטן נאָך איר זיסקייט?

יוסף

גנעדיגע האַרינטע! מאַך מיך נישט זינדיג פאַר מיין גאָט. שיק מיך אין פעלד צוריק צו מיינע שאָף. עס בענקט שאָף און רינד נאָך מיר, ווי איך נאָך זיי. איך בין איינזאַם, אַליין אין די גרויסע זאַלן פון דיין פּאַלאַץ. מיינע פיס זענען גאָר אויף ווייכן גראָז געוואוינט צו גיין. אין הייסע מדבר-זאַמדן געפינען זיי דעם שטעג, געשטרויכלט ווערן זיי אויף די טרעפּן פון דיין פּאַלאַץ.

פּוטיפרע

צו עפּעס בעסערס זאָלסטו מיר נוצלעך זיין; צו שיין דיין ליבּ, צו איידל דיין הויט, ווי העלפנביין, מיט שאָף און רינד אומצוגיין. איך וועל דיך שיקן אין די שלאָף-קעלערס צו מיינע דינסט-מוידן, אַז דו זאָלסט זיי באַשלאָפן. ערציען זאָלסטו מיר אַ דור פון שקלאַפן, וואָס זאָלן באַרימט מאַכן מיין נאָמען איבערן גאַנצן לאַנד.

יוסף

הויבט-אויף די הענט צום הימל מיט געבעט, נישט קוקנדיג און נישט ווענדנ-דיג זיך צו איר

פּוטיפרע

וואָס, קיין אַנגסט אין דיין בליק, קיין געשריי פון דיינע ליפּן — וואַרפסט דיך נישט צו מיינע פיס.

יוסף

אין גאָט איז מיין בטחון.

פּוטיפרע

וועלכער גאָט וועט דיך קאָנען רעטן פון מיין הענט? איך וועל נעמען און וואַרפן דיין שיין ליבּ צום שלאָף-רויבּ אין די קעלערן פון די שוואַרצע שקלאַפינען. זיי וועלן צעטרעטן מיט זייערע פיס דאָס איידעלע געשיר — וואָס איך האָב געוואָרפן צו זיי, ווי אַן אומווירדיג קלייד, וואָס די האַרינטע וואַרפט פון איר ליבּ — אַזוי וועל איך דיך וואַרפן

צו זיי. וואָס שטייסטו אַזוי שטאָלץ פאַר מיר ווי אַ פרייער מאַן? צו יוספן, וועלכער שטייט די גאַנצע צייט, די הענט געהויבן צום הימל מיט פרייד און בטחון וואָס טוסטו דאָרט, שקלאַף?

יוסף

איך דאַנק און בעט צו מיין גאָט.

פוטיפרע

ווער האָט דיר רעכט געגעבן דערויף צו בעטן גאָט אין מיין געגנוואַרט?

יוסף

איך דאַנק מיין גאָט — וואָס געקומען איז ער צו הילף און גערעטעט מיך פון מיין נויט.

פוטיפרע

קלאַפּט מיט די הענט

פיהאָ! פיהאָ!

פיהאָ

קומט־אַריין און וואַרפט זיך פאַר די האַרינטע

פוטיפרע

נעם דעם אומווירדיגן קנעכט און לאָז אים וואַרפן אין די שלאָף־געמעכער פון די דינסט־מוידן. צולאָזן זאָל מען צו אים די שענסטע פון מיינע שקלאַפינען, וואָס געבוירן געזונטע קינדער און אָן מומים, אויסבריען וויל איך פון אים אַ דור פון שקלאַפן.

פיהאָ

איך הער דיין באַפעל, הערלעכע זונען־טאָכטער. לויפט־אָפּ, אין אַ סעקונדע קומט זי אַריין מיט די שטראָף־יונגען

יוסף

וואַרפט זיך אויף די קני, ווענדנדיג זיין פנים צום הימל

מיין האַרץ איז זיכער אין דיר, ווי אין אַן אייזערנער וואַנט! גאָט פון מיין פאָטער יעקב!

פאָרהאַנג

פערטעס בילד.

אין די נידריגע קעלערן פון פוטיפרס הויז. א שלאָף־קעלער פאר די שקלאפינען.
אויף געלעגערס ליגן דריי־פיר שקלאפינען.

שקלאַפין מוטער

וואָס טויג אונז קינדער צו געבוירן, סיי־ווי־סיי ווערן זיי
פון אונז אַוועקגענומען. גלייכער וואָלטן די געטער מיין
טראַכט פאַרשלאָסן, אַז זיי זאָלן נישט זען די ליכטיגע שיין.

שקלאַפין ווייב

אַפילו שקלאַפן זיי זאָלן זיין — וויל איך דאָך קינדער גע־
בוירן — וואָס איז דעם ווייבס לעבן אָן קינדער?

שקלאַפין פרינצעסין

איך בין אַ פרינצעס טאָכטער. מיין פאָטער איז הערשער
איבער זיין שבט. אַ פרינץ אַ הערשער זאָל פון מיינע גע־
דערים אַרויסגיין — יעצט זאָל מען מיך מיט אַ קנעכט באַ־
העפטן. אַ שקלאַפן־קינד צו געבוירן? קיינמאָל וועל איך
קיין קינדער נישט געבוירן אין שקלאַפעריי.

שקלאַפין ווייב

ווען אויסגעטריקנט עס וועלן ווערן דיינע מוטער־קוועלן, דיין
בויך איינגעפאַלן, און פאַרלעכצט ווי פון דורשט עס וועט
ווערן דיין מוטער־לוסט, — פאַרגעסן וועסטו דיין פרינצן־
שטאָם און מיט פריידן־געשריי וועסטו אַקעגנלויפן די
שוואַרצע קנעכט, וואָס וועלן צו דיר צוגעלאָזן ווערן.

פרינצעסין שקלאַפין

ווען, פאַרלעכצט פון דורשט, מיין ווייבער־לוסט זאָל נאָר

געזעטיגט ווערן, די מוטער – קיינמאָל נישט. דעם זוימען
וועל איך רייסן ווי אַ פאַרסמטע פרוכט אויס מיין לייב.

שקלאַפין מוטער

דאָס האָבן מיר אַלע געזאָגט. יעדעס מאָל, ווען זיי רייסן דאָס לעבעדיגע קינד אַוועק פון מיין ברוסט אין די שקלאַפן-שטאַלן צו ברענגען, שווער איך צו די געטער הייליגע שבועות, קיינמאָל נישט מער אונטער דעם מאַנס קראַפט אונטערטעניג צו ווערן, און ווען שוואַך איך וועל ווערן, די פרוכט פון מיין צוזאַמען-זיין – זאָל קיינמאָל נישט געדייען, – דאָך ווען איך שפיר אַ ניי לעבן הויבט זיך אָן אין מיינע געדערים צו וועבן, ווער איך פון מיין מוטער-פרייד פאַרשכורט; און אַזוי, באַרוישט פון מוטער-גליק, ברענג איך יעדעס מאָל אַ ניי קינד אין שקלאַפן-יאָך אַריין.

פיהאָ

אויסגעהערט אייערע רייד, וויל איך פון אייך דעם מאַן קויפן, וואָס אַריינגעוואָרפן וועט ווערן היינט צו אייך, ווער עס זאָל נישט זיין, ווייס אָדער שוואַרץ, צו קיינעם זאָל ער נישט געהערן, נאָר צו מיר אַליין. זאָגט, וואָס ווילט איר פאַר אַ פרייז? די שקלאַפינען שווייגן איר האָט דאָך געקלאָגט און ביטער געוויינט, איבער דעם אומגליק, וואָס שטייט אייך פאָר, די נאַכט מיט אַ מאַן צו זיין.

שקלאַפין ווייב

שטראָפן וועט אונז דער אויפזעער, מיט שמיץ פון בייטש, און דער שרייבער וועט עס פאַרשרייבן אין פאַפירוס, אַז נישט געטון האָבן מיר אונזער חוב.

פיהאָ

נעמען וועל איך אויף מיר די שולד. איך האָב אייך פון דעם מאַן באַרויבט. די שקלאַפינען שווייגן איר שווייגט, אַ פריינט צו מיר איז דער מאַן, ער זאָל דער פאָטער פון מיינע קינדער זיין. געשוואוירן האָבן מיר זיך ביי די געטער, אַז מיר זאָלן געהערן איינער דעם אַנדערן.

שקלאַפין ווייב

מיר וועלן וואַרטן מיט אונזער פרייז ביז מיר וועלן זען דעם מאַן, וועלכער זאָל אונזער באַשערטער היינט זיין.

פיהאָ

נישט פיל קיין מאַן, כמעט אַ קינד, און אַ שוואַכער דערצו.

שקלאַפין ווייב

אַ וואונדער, וואָס די שיינע פיהאָ האָט אַזאַ רייץ אין אים געפונען. פון די פירשטלעכע געמעכער אין די שקלאַפן־קעלערס געקומען אַראָפּצוגיין.

פיהאָ

עס איז אַן אַלטע שבועה, אונזערע פאָטערס האָבן אונז פאַרקנסט, ווען מיר זענען נאָך ביידע פריי געווען, אַז דער פאָטער זאָל קאָנען אין קבר רואיג איינליגן. וויל איך זיין וואָרט האַלטן.

שקלאַפין ווייב

וואָס גייט אונז דיין פאָטערס שבועה אָן, מיר ווילן אויך מוטערס זיין. די אויפזעער פירן־אריין יוספן. פאַרמאַכן די טיר הינטער אים. יוסף פאַלט אויף די קני און הויבט־אויף די הענט צו גאָט, די שקלאַפינען קוקן אויף אים מיט גרויס פרייד

יוסף

פאַלט אויף די קני בעטנדיג

פאָטער פון אַברהם, יצחק און יעקב, זע מיין שאַנד, און שטיי מיר ביי. דו, וואָס דו האָסט געשלאָסן אַן אייביגן באַנד מיט מיין זיידע אברהם דרויסן אין פעלד, אין דער פורכטקייט פון דער נאַכט. וואָס איז מיין זינד, אַז איך זאָל דער שטאַם־פאָטער פון אַ שקלאַפן־דור ווערן? אַז אויס־געלאָשן זאָל ווערן אויף אייביג יעקבס געליבט קינד, רחלס כבוד אין דער פאַרגעסנהייט פון אַ קנעכטיש דור? אָ, אומ־געזעענער גאָט, ווען עס איז מיין גורל נישט באַשערט מיט יעקבס שטאַמען מיטצוציילן, ווען פאַרשאָלטן עס מוז ווערן און אויסגעמעקט מיין חלק אין ישראל — אַזוי ווי אַן אומ־ווירדיגער צווייג פון בוים, אַ שלעכט געוויקס פון גאָרטן —

רייס מיך מיטן וואָרצל אויס. אַזוי ווי אַן אומריינעם שעפּס פון דער סטאַדע, זאָל מיך דער ווינט פאַרטראָגן פון שטיינערדיגן באַרג אין שפּיציגן טאָל. אָ, פּאָטער פון ישראל — איך ווייס, דו ביסט לעבן מיר, דו הערסט מיין געוויין, דו פילסט דעם זאַלץ פון מיינע טרערן און דו ווייסט קומען העלפן מיר. ער בלייבט איבער אין אַ בעטנדיגער פּאָזע. די שקלאַפינען באַטראַכטן אים די גאַנצע צייט מיט ערשטוינענדער און איבערראַשנדער פרייד

שקלאַפין פּרינצעסין

זיינע טרערן רינען פון זיינע אויגן איבער זיינע באַקן ווי אַ קינד

שקלאַפין מוטער

אַ געריבבט קינד פון אַ מוטער מוז ער זיין. מיינע קינדער, אַזוי ווי ער, זענען ערגעץ-וואו אין דער פרעמד, מיין עלטסטער זון, מיין בכור, אַזוי מענלעך-קינדיש מוז ער שוין זיין.

שקלאַפין ווייב

די מענער, ווען זיי ווערן רייף, צו קינדער ווערן זיי גלייך.

שקלאַפין פּרינצעסין

אַזוי ווי איך, מוז אויך פּרינצן-בלוט רינען אין זיינע אָדערן. עס קוקט דורך זיין איידעלע הויט אַרויס. אַזוי ווי איך, געפאַנגען איז ער אין דער פרעמד. מיין בלוט מיט זיינס זאָל זיך אויסמישן. מיט אַ געטאָפּלט פּרינצן-בלוט געבוירן וויל איך פון אים אַ זון, אַ פרייען אָדלער אין דער שקלאַפעריי. די שקלאַפינען ווילן צוגיין

פּיהאָ

פאַרשטעלט זיי דעם וועג

עס איז מיין פריינט פון קינדהייט אָן. די עלטערן האָבן אונז פאַרקנסט נאָך פון אַמאָל, ווען קינדער מיר זענען געווען, לאָזט מיך מיט אים אַליין.

די שקלאַפינען

מיר אַלע האָבן אַ טייל אין אים, צו אונז אין שלאָף-קעלער

איז ער געשיקט געוואָרן, אַז מיר זאָלן טראָגנדיג ווערן פון אים.

שקלאַפין ווייב

שוין זענען מיר אַרום אים, און ער זעט אונז נישט. ערגעץ־וואו איז ער פאַרקוקט. ווען זוכט זיין בליק?

שקלאַפין מוטער

זיין אויג פייכט, די טרער — פאַרטריקנט, ער האָט געוויינט.

שקלאַפין פּרינצעסין

זיין בליק איז טרויעריג און איינזאַם, נאָך זיינע עלטערן בענקט ער צוריק.

שקלאַפין ווייב

צו יוספן

שיינער שעפער־קנעכט, וואַך פון דיין חלום אויף. פיל מער ווי אין חלום, חלומט זיך אויף מיין ברוסט אויף דער וואָר. זי גייט־צו צו יוספן, נעמט אים אָן ביי דער האַנט און קוקט אים אין די אויגן אריין

שקלאַפין מוטער

גייט־צו צו יוספן

שיינער שקלאַפן־יונג, מיינע קינדער זענען באַרימט איבערביידע לענדער פון עגיפּטן. דער שטאָלץ פון פּרעס קרוין — וועלן די שקלאַפן־יונגען זיין, וואָס איך וועל פון דיר געבוירן.

שקלאַפין פּרינצעסן

גייט־צו צו יוספן

קום, אָדלער מיינער, אַן אָדלער־זון וויל איך פון דיר געבוירן, וואָס וועט אונז אויף זיינע שטאַרקע פליגל נעמען און פליען מיט אונז פון דער קנעכטשאַפט אַרויס.

פּיהאָ

ווי פאַר זיך

און מיין געמיט איז אַ בלאָער באַשאָטנטער טייך, עס שווימט אין אים מיין בענקשאַפט אַרום ווי אַ ווייס באַפליגלטער שוואַן — עס פאַרטראָגט מיט געזאַנג...

יוסף איז זיין עקסטאַז הערט זיי נישט

שקלאַפין ווייב

ער הערט נישט אונזערע רייד, ער זעט נישט אונזער בענקנדיגן בליק, אונזער באַגער און אונזער פאַרלאַנג בלייבט אים פרעמד.

שקלאַפין מוטער

ער איז ערגעץ־וואו פאַרקוקט, ערגעץ־וואו פאַרבענקט.

שקלאַפין פרינצעסין

ער איז ביי זיינע עלטערנס גייסטער אַצינד, בעפאָר ער באַהעפט זיך מיט אונז, צו שאַפן פון זיי די קראַפט. די שקלאַפינען טאַנצן אָפּגעצויגן האָט דאָס זונען־ווייב אין די לענדער פון דער נאַכט, עס שלומערן די געטער אויף אירע ברוסטן איין — עס רעגנט פון הימל מיט לוסט און באַגער, קום צו אונז אין אונזער גאָרטן אַריין. אַזוי ווי די געטער אין הימל, וועלן מיר חלומען דעם חלום פון דער וואָר. רייסן יוספן פון זיין עקסטאַז אויף. די שקלאַפינען וועקן אים וואָס טוסטו דען, שיינער שקלאַף, וואָס דו הערסט נישט אונזערע רייד?

יוסף

אויפוועקנדיג זיך פון זיין געבעט

איך בעט צו גאָט.

די שקלאַפינען

וואונדערן זיך

צו אַ גאָט, מיר זעען דאָ קיין גאָט נישט. האָט איר געזען אַ גאָט דאָ מיט אונז?

שקלאַפין ווייב

דו ביסט דער איינציגער גאָט, וואָס די געטער האָבן אונז איבערגעלאָזט — אַז מיר זאָלן באַפרוכפערט ווערן פון דיר.

יוסף

דעם גאָט פון מיינע עלטערן זעט קיינער נישט.

די שקלאַפינען

ביי גערי ג

אַ גאָט, וואָס מען זעט נישט, ווי קאָנסטו בעטן צו אים?
קאָנסטו רעדן צו אַ מענטש, וואָס דו זעסט נישט?

יוסף.

פאַרזונקען

און ווען איך זע אים נישט, דאָך איז ער דאָ מיט מיר. ער שטייט נעבן מיר, ווי אַן אייזערנע וואַנט, און נעמט מיך אונטער זיינע פליגלען אַרונטער. זיין האַנט האַלט ער איבער מיין קאָפּ ווי אַ גרויסן פעלזן־שטיין. מיט שטראַל און בליץ האָט ער מיך אַרומגערינגלט, מיט אַ פייערדיגן רינג. דעם שטורם אונטער מיר, דעם דונער פאַר מיר. דער וואָס רירט זיך אָן אָן מיין לייב, דער ווערט פאַרברענט.

די שקלאַפינען ווערן דערשראָקן און רוקן זיך אָפּ פון אים מיט אנגסט

שקלאַפין ווייב

ווי פירכטערלעך דיין גאָט איז. איך האָב פאַר אים אַנגסט. ווער איז דיין גאָט?

יוסף

ער איז דער גאָט פון די נידריגע און אונטערדריקטע. פון יעדן פאַרשטויסענעם קנעכט, פון יעדן פאַרלאָזטן מענטש, פון יעדעס באַטריבטע האַרץ — ווער עס ווענדעט זיך צו אים, פאַרנעמט ער זיין געבעט. ער זעט די טרערן פון דעם פאַרלוירענעם, און ווי אַן איילנדיגער ווינט קומט ער געשווינד און ברענגט הילף און טרייסט. ער איז מיט דעם שקלאַף אין זיין קנעכטשאַפט, און ווען זיין פאָטער איז נישטאָ מיט אים, און זיין מוטער איז טויט, איז ער דאָ מיט אים אין קנעכטשאַפט און אין דער פרעמד.

שקלאַפין מוטער

אַ וואונדערלעכער גאָט איז דער גאָט פון זיין שטאַם. אונזערע געטער זענען נישט אַזוי, זיי באַשיצן נאָר די מעכטיגע, און די שוואַכע פאַרלאָזן זיי.

יוסף

מיין גאָט איז דער גאָט פון די אָרימע, דער וואָס רופט צו אים, נעמט ער אין זיין חסד אַריין.

שקלאַפין מוטער

וואו וואוינען די כוהנים פון דיין גאָט? זיין מזבח וואו שטייט? איך וויל אים מיין קרבן ברענגען פאַר מיינע קינדערס וועגן. אַז באַשיצן זאָל ער זיי אין פרעמדע הענט ווי דיך.

יוסף

זיין מזבח איז דיין צעבראָכן האַרץ. דער קרבן — דיינע טרערן. אָן דיין בעטן הערט ער שוין דיין געבעט. און אָן דיין וויסן וואַכט ער איבער זיי, אַזוי ווי איבער מיר.

שקלאַפין מוטער

קומט צו צו אים

זאָג מיר, דו וואונדערלעכער מענטש, וואַכט ער איבער מיינע קינדער אויך, וואו זיי זענען איצט אין אַ פרעמד לאַנד, אין פרעמדע הענט?

יוסף

דיינע קינדער, ווי זיי זענען נאָר אַרויסגעריסן געוואָרן פון דיינע הענט, האָט זיי גאָט גלייך אונטער זיין שוץ גענומען. געגאַנגען איז ער מיט זיי טריט ביי טריט אין יעדן לאַנד, אין יעדן הויז — אין דער קנעכטשאַפט אַריין. טאָג און טאָג, נאַכט און נאַכט, ווען לענגסט דו האָסט שוין פאַרגעסן אָן זיי, גאָט האָט אָן זיי געדענקט. נאָך קליין און שוואַך, ווען זיי זענען געווען און די מוטער האָבן זיי נאָך באַדאַרפט, איז ער געקומען צו זיי אין דעם חלום פון דער נאַכט, אָנגענומען זיי ביי די הענט, פון געפאַנגענשאַפט זיי אַרויסגעפירט, געזעצט זיי אויף זיינע שטאַרקע הענט, און געקומען איז ער מיט זיי אין דיין לאַנד, אין דיין געצעלט, אויף דיין געלעגער, צווישן דיינע ברוסטן שלומערן האָט ער זיי געלאָזן אַ גאַנצע נאַכט. אויסגעוואַקסן ווען זיי זענען געוואָרן, שטאַרק זייערע אָרעמס, מענלעך זייער געשטאַלט, דער מוטערס געזיכט שוין נישט געדענקט, ווידער איז ער צו זיי אין חלום פון דער נאַכט

געקומען. דיין געשטאַלט האָט ער אָנגענומען, געפּליסטערט האָט דיין שטימע אין זייער אויער אַריין, אַזוי פלאַנצט ער די האָפנונג אין זייער האַרץ איין, אַזוי פלאַנצט ער די קינדהייט אין זייער האַרץ איין, פון דעם טאָג אָן, ווען זיי זענען נאָר געריסן געוואָרן אויס דיינע הענט.

שקלאַפין מוטער

פאַלט אים צו די פיס

אָ, וואונדערלעכער מאַן, ווער האָט דיך געשיקט צו מיר, אַז דו זאָלסט צוריק מיינע אויגן טרערן געבן? לאָז מיך זען זייער געזיכט!

יוסף

ווייזט איר אין דער נאַכט אַריין

אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט — שאָטן פאַלן איבער אַ ווייס-זאַמדיגן וועג. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט — טריט טרעטן פון קעמלען אַ סך. דיינע קינדער קומען פון מדבר אָן צו גיין — פיל באַלאָדן זייערע קעמלען מיטן בעסטן אייל, פעטסטן האָניג, עס ברענגט דער ווינט פאַר-אויס דעם גוטן געשמאַק פאַר זיי. עס שפּאַלט זיך די נאַכט, דער מאָרגן-שטערן ערשיינט, עס שווימען דיינע קינדער אַרויס פון דער נאַכט ווי אויס אַ פינסטערן ים, שטאָלץ זיצן זיי אין די רוקנס פון זייערע קעמלען, ווי מלכים אויף טראָגנען, די שטעקענס אין זייערע הענט, טרעטן זיי טריט ביי טריט.

שקלאַפין מוטער

שרייט-אויס

איך זע מיינע קינדער, איינעם אין איינעם, קינדיש זייערע אויגן, מענלעך זייער געזיכט. עס לאַכט זייער קינדעריש האַרץ אַקעגן צו מיר, פון אונטער זייער ווייס געוואַנד שטרעקן זיי אויס די הענט צו מיר, אָ, ווער האָט מיר מיינע קינדער אַזוי גרויס געמאַכט? וועלכע מוטער האָט זיי אַזוי שטאַרק און קרעפטיג ערצויגן?

יוסף

דאָס האָט גאָט געוואַכט איבער זיי.

שקלאַפין מוטער

זיי געלויבט, גרויסער אומבאַקאַנטער גאָט. (וויינט אין דער שטיל אין אירע הענט)

שקלאַפין ווייב

(ווי פאַר זיך)

אין דער נאַכט געבוירן, אין געפאַנגענשאַפט ערצויגן, ווי איך אָן האָפנונג, וואַרף איך קינדער אויף דער וועלט, ווי איך אָן אַ מוטער וועלן זיי זיין. (צו יוספן) הייס די נאַכט, וואַרים די לופט. גאָט צי מענטש — זעטיג מיין לוסט. וואָס דער חילוק פון פרינץ צי פון קנעכט? זיי וועלן אַלץ איינס שקלאַפן זיין.

יוסף

און האָסטו קיינמאָל קיין היים געהאַט? און קיינמאָל קיין מוטער געקענט?

שקלאַפין ווייב

דער קעלער — די היים, די בייטש — די מוטער.

יוסף

האָסטו קיינמאָל קיין בוים נישט געזען, ווען ער בליט? קיינמאָל קיין טייך, ווען ער וואַשט די ברעגן פון אַ גרין פעלד? קיינמאָל ווי עס שפּראָצט דאָס גרינע גראָז? דאָס יונגע קאַלב נישט, ווי קוים וואַקלענדיג זיך אויף אַלע פיר — זויגט עס ביי זיין מוטער אונטער דעם בויך? קיינמאָל אין די אויגן פון אַ שאָף נישט אַריינגעקוקט?

שקלאַפין ווייב

איך ווייס נישט וואָס דו מיינסט.

יוסף

ווי איך, געפאַנגען ביסטו אין דער נעץ, עס האָט נאָר פאַרשטעלט די נאַכט דעם אַרויסגאַנג. זוך אים, און דו וועסט אים געפינען.

שקלאַפין ווייב

ווי אַ בלינדער, ווייס איך נאָר אין דער פינסטער צו־גיין.

יוסף

גיב די האַנט, איך וועל דיר ווייזן דעם וועג. טיף אין דיין האַרץ זוך אים גוט.

שקלאַפין ווייב

פינסטער איז מיין האַרץ און שטום די נאַכט.

יוסף

עס רעדן די מוטערס אין די הערצער, הער דיך איין.

שקלאַפין ווייב

לאַנג געשטאָרבן איר געזיכט. לענגסט פאַרשאַלן איר שטים.

יוסף

טיף געאַנקערט אין אונזער האַרץ ליגט דער אָנפאַנג, האַלט דיך אָן אים. ער וועט דיך ברענגען צו אַ ברעג.

שקלאַפין ווייב

ווי פאַר זיך, איינהערנדיג זיך

איך זע אַ וואַסער, עס איז דער ניל, גרין שפּיגלען זיך אָפּ אין אים די גרינע לאָנקעס פון ברעג. שעפּסן פּאַשען זיך אויף אַ באַרג.

יוסף

דאָס איז דער אָנפאַנג. ער פירט אויך צום ענד.

שקלאַפין ווייב

טרוימענדיג

די מוטער פירט מיך ביי דער האַנט, אויפן ברעג שטייט אַ מאַן. ער שטרעקט־אויס די אָרעמס צו מיר. הויבט מיך אין דער הויך און קוקט מיר אין די אויגן אַריין. פּויזע. די שקלאַפין ברעכט־אויס אין געוויין מוטער, מוטער, איך זע דיין געזיכט.

יוסף

בעמט ז' אין זיינע אָרעמס אַרום

שוועסטער, אין דיין לייטזעליגקייט נעם מיך אַריין. ווי דו — אַ יתום בין איך און זע נישט מער מיין מוטערס געזיכט.

שקלאַפין ווייב

ווײנט

גאָטס זעליגקייט האָט קיינמאָל איבער מיר נישט גערוט.

יוסף

ווער איז נאָך באַליבט ביי גאָט, ווי דו? איבער וועמען האַלט ער נאָך וואַך זיין אויג, ווי איבער דיר? איבער וועמעס קאָפּ טריפט נאָך זיין חסד, ווי איבער דיינעם? מער פאַר אונז אַלע האָסטו זיין גענאָד.

שקלאַפין ווייב

ווײנט אין אירע הענט

שקלאַפין פרינצעסין

ווער איז דער וואונדערבאַרער מאַן? וועלכער גאָט האָט דיך געשיקט צו אונז אין אונזער נויט — צו ברענגען אונז טרייסט?

שקלאַפין מוטער

ביי די הענט האָט ער מיר מיינע קינדער געבראַכט צו פירן.

שקלאַפין ווייב

און מיר די מוטער.

שקלאַפין מוטער

ווי אַ קינד וועל איך אים ליב האָבן, ווי איינעם פון מיינע אייגענע — צו אים מוזן זיי ענלעך זיין, איך וועל מיר אים נעמען פאַר אַ זון, און צערטלען מיט מוטער-ליבע זיין יונג לייב.

שקלאַפין ווייב

אַנדערש זענען די זיטן אין אונזער לאַנד, ווי אין מצרים.

עס פאָרן זיך נישט די ברידער מיט די שוועסטער ביי אונז אין לאַנד. ווי אַ ברודער האָט ער געדעדט צו מיר, ווי אַזוי קאָן איך אים באַשלאָפן ווי אַ מאַן?

שקלאַפין פרינצעסין

ער איז אַ יונגער גאָט פון מיין לאַנד, דער גייסט פון מיין אַלט בלוט, וואָס איז געקומען פון די טאָלן און פון די בערג — פליגלען מיר צו ברענגען אין מיין קנעכטשאַפט אַריין. וואַרפט זיך צו יוספן צו די פיס אָ, יונגער גאָט, גייסט פון מיין בלוט! נעם מיך אויף דיינע פליגלען, טראָג מיך אין מיין לאַנד, אין מיין היים צוריק.

יוסף

נישט איך, נאָר גאָט, ער זעט אונזער נויט און אונזער שאַנד, און קומען וועט ער אומגעריכט, מיט די שאַרפע פליגלען זיינע וועט ער צעשמעטערן די טירן פון אונזער געפאַנגענשאַפט, ווי אַ געררייצטער לייב וועט ער שטיין מיט דעם בליץ אין זיין אויג, און מיט דעם דונער אין זיין האַנט ביי אונזער זייט, צו העלפן אונז אין אונזער נויט.

די שקלאַפינען

ווען? ווען? ווען?

יוסף

שוין, יעצט, שוין, אַצינד. אין אונזערע הערצער האַלט ער וואַך, דאָרט האָט ער פאַרלייגט די נעץ פון אונזערע באַפרייאונג, פון דאָרט לויערט ער אַרויס מיט זיינע אויגן אויף אונזער פיינט, הערט זיך איין צו דער אָדלער־שטימע אין אייער האַרץ.

שקלאַפין מוטער

מיין קינד איז געקומען צוריק אין מיין געפאַנגענשאַפט, אַרויסצופירן מיך אויף דער פריי. זי האַלזט אים

שקלאַפין ווייב

אַ ברודער געקומען אין מיין נויט צו ברענגען מיר טרייסט.

שקלאַפין פרינצעסין

מיין יונגער גאָט, גייסט פון מיין בלוט.

ש ק ל אַ פ י ן   מ ו ט ע ר

נעמט־אַרום יוספן

איך האָב אים ליב ווי אַ זון.

ש ק ל אַ פ י ן   ו ו י י ב

און איך ווי אַ ברודער אַן איינצלנעם.

ש ק ל אַ פ י ן   פ ר י נ צ ע ס י ן

קניט פאַר אים

און איך ווי אַ יונגן גאָט פון מיין היימאַט־לאַנד.

י ו ס ף

וואַרפט זיך צו דער ערד און הויבט־אויף די הענט צום הימל

אָ, איך זע דיך, אַלטער פאָטער מיינער, ווי דו שטייסט יעצט אין פעלד אַליין, דיין פאַרמעט געל געזיכט באַלויכטן מיט דעם לבנה־ליכט, געווענדט צו די שטערן, איך זע דיינע אַלטע ציטערדיגע הענט, ווי זיי שטרעקן זיך צום הימל אויס, ווי צוויי ברענענדיגע ליכט. איך זע די טרער, וואָס הענגט אויף דיינע אַלטע אויגן, איך הער דעם ציטער פון דיין תפילה אויף דיינע אַלטע ליפּן, אויף דיין קינדס גורל. פאָטער, פאָטער, גאָט האָט געהערט דיין געבעט, ער שטייט ביי מיר, ווי אַ שטאַרקער פויגל איז ער געקומען צופליען צו מיר אין מיין געפענגעניש אַריין און געשטעלט זיך נעבן מיין זייט. ער בלייבט־איבער אין אַ בעטנדיגן עקסטאַז. די פרויען מיט באַגייסטערטע אויגן אַרום אים

פ י ה אָ

וועלכע איז די גאַנצע צייט פון די סצענעס געשטאַנען פון דערווייטענס, ווי באַהאַלטן אין אַ ווינקל, צוהערנדיג זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צו אַלעס וואָס קומט־פאָר, וועקט זיך, קריכט־אַרויס פון איר ווינקל, און קוקט זיך איין צו דער באַגייסטערטער סצענע, רעדנדיג צו זיך

מער פון אַלע האָב איך אים ליב. מער פון אַלע מוז איך אים בלייבן פרעמד. מיט מיין אייגן מויל מוז איך אים פאַר־ראַטען, מיט די אייגענע הענט איבערענטפערן אים צו די וועכטער אין די הענט. אַזוי האַלט איך פאַר מיין האַרינטע וואַך. קריכט־אַרויס, קומט־צו צו יוספן אָ, אומווירדיגער קנעכט, אַזוי

טוסטו דיין פליכט פאַר דיין האַר? זי ר‏ופט הויך וועכטער, וועכטער, פאַרראַט געגן אייער גרויסן האַר פוטיפר, פאַרראַט, דער קנעכט האָט נישט געטון זיין פליכט! די שקלאַפינען דערשרעקן זיך, לויפן אין די ווינקעלעך מיט אַנגסטן און געוויינען

יוסף

טיף געאַנקערט אין אונזער האַרץ האָט גאָט דעם אָנהויב, ווער קאָן אים אַרויסרייסן? האַלט זיך אָן אים ווי אָן אַ שטאַרקן זייל. פירן וועט ער אונז צום אַרויסגאַנג פון גרוב. די אויפזעער רייסן זיך אַריין מיט קנאַלן פון בייטשן

פיהאָ

ווייזנדיג אויף יוספן

נישט געטון האָבן די שקלאַפינען זייער חוב צו פוטיפר זייער האַר. אָנשטאָט באַפרוכטעט צו ווערן מיט דעם זוימען פון דעם שקלאַף, געבעטן האָבן זיי צו אַן אומבאַקאַנטן און אומגעזעענעם גאָט. אין דעם נאָמען פון פוטיפרע די האַרין זי ווייזט אַ רינג נעמט די דינסט-מוידן און וואַרפט זיי צו די שוואַרצע שקלאַפן אין די קעלערס אַריין. דעם קנעכט אָבער, אויף דער האַרינטעס באַפעל, וואַשט זיין לייב, זאַלבט זיינע האָר, הילט אים אין ווייסן געוואַנד איין און צו דער האַרינטע ברענגט אים צוריק. די שטראָף זאָל ער באַקומען פון אירע אייגענע הענט. די וועכטער וואַרפן זיך אויף די שקלאַפינען, געוויין, פירן-אָפּ יוספן

פאָרהאַנג

פינפטעס ביל ד.

נאַכט. אויף דער טעראַסע אין פּוטיפרעס פּאַלאַץ

פּוטיפרע

אַליין ליגט אויף איר געלעגער און קוקט אין די שטערן אַריין

וואַרימע נאַכט, גליענדע לופט. געטער ציען אין הימל פאַרביי, יעדער איינער וואַרפט זיין שאָטן אויף מיר, און קיינער בלייבט נישט שטיין... וועלכער פאַרלאַנג, וועלכער וואונטש געשטאָרבן אומערפילט, אין אַ יונג האַרץ פון מיינע עלטערן, לעבט ווידער אויף אין מיר און פאָדערט זיין תיקון? פאַר וועלכע זינד האָבן די געטער נקמה גענומען אין מיר? ווי אַ דורשטיג טיר זע איך אַ קוואַל, וואָס קאָן לעשן מיין ברענענדיגן באַגער, און עס האָט ווער מיינע פיס געבונדן, צו אים נישט צו דערגיין.

פּיהאָ

קומט-אַריין און וואַרפט זיך פאַר דער האַרינטעס פיס

גנעדיגע האַרינטע!

פּוטיפרע

מיט דעם שיינעם שקלאַף – וואָס איז געשען?

פּיהאָ

עפּעס וואונדערלעכעס האָט פּאַסירט, און נישט גלויבי׳ אויך.

פּוטיפרע

דערציִיל.

פיהאָ

דער שיינער שקלאַף, וואָס דו האָסט אין די שקלאַפּן־קעלערס געשיקט – געבליבן איז אומבאַרירט.

פּוטיפרע

ווער האָט דאָס געוואַגט געגן מיין געבאָט און מיין באַפעל?

פיהאָ

די געטער.

פּוטיפרע

ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? דערצייל.

פיהאָ

אַזוי ווי דו האָסט באַפוילן, גנעדיגע האַרינטע, נאָכגעגאַנגען בין איך אים ווי אַ שאָטן. ווען מען האָט אים אין שלאָף־געמאַך צו די שקלאַפּינען געפירט. טרויעריג איז געווען זיין געזיכט, באַטריבט זיין געמיט, און זיינע ליפּן האָבן צו די געטער פון זיינע פעטער אַ תּפילה געברומט. אויף דיין פאַרלאַנג, אויף דיין באַפעל אַריינגעפירט האָט מען צו אים די שענסטע שקלאַפּינען דריי, יעדע איינע מיט איר באַזונדערן רייץ, נאָכגעגאַנגען בין איך אים אין שלאָף־געמאַך, אין ווינקל זיך פאַרשטעקט אָפּצוהיטן די זאַך. געוואַרט האָב איך מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, אויף דער צייט, ווען אָנגעצינדן ער וועט ווערן ווי אַ ליכט, פון זייער פלאַם אויסצופירן זייער פאַרלאַנג. וואַרפן וועל איך דאַן לאָזן די שקלאַפּן־מוידן, וואַרפן צו די יונגען אין די שטעלער אַריין, און אים ברענגען צו דיר, ווי באַפוילן דו האָסט דיין דינסט־מויד. אָבער נישט פאַרצערט איז ער געוואָרן פון זייער פלאַם, נור זיי פון אים. און ווען פאַרצוקט פון זיסן פיין – לעכצנדיג האָבן זיי אויסגעשטרעקט צו אים די הענט – געלאָשן האָט ער זייער דורשט מיט אַן אַנדער געטראַנק. זיין בליק האָט געבונדן דעם געוואַלד פון זייער בלוט, פאַרוואַנדלט זענען זיי געוואָרן ווי שטילע שאָף אין די הענט פון אַ גוטן פּאַסטוך, און פיטערן האָט ער

זיי געפירט אויף בלאָע פאַרחלומטע פעלדער, וואו עס רינען די פרישע וואַסערן פון די קינדער-טעג. אין קינדער זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן און געדאַוונט מיט אים אַ קינדער-געבעט צו אַ פרעמדן און אַן אומגעזעענעם גאָט.

פּוטיפרע

דאָס האָבן אים די געטער פאַר מיר אָפּגעהיט, האָט דאַנק, האָט דאַנק, און דערהאַלטן אים אַזוי ריין. און וואָס איז געשען דאַן? דערצייל.

פיהאָ

נישט אויסהאַלטן האָב איך עס געקאָנט, עס האָט געביסן מיך די אייפערזוכט ווי אַ גיפטיגע שלאַנג.

פּוטיפרע

ביסט אַ טייל פון מיר. די ליבע איז די ערשטע צום פאַרראַט.

פיהאָ

גערופן האָב איך די וועכטער אַריין. שלאָגן מיט די באַ-טאָגעס האָבן זיי אים געוואָלט, אַז ער זאָל טון זיין פליכט, אָבער אין נאָמען פון דיין געבאָט, מיט דער קראַפט פון דיין רינג, וואָס דו האָסט געגעבן אין מיין האַנט, וואַרפן האָב איך געלאָזט די דינסט-מוידן צו די שוואַרצע שקלאַפן אין די קעלערס אַריין, אַז זייער באַגער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געבעט צו אַ גאָט, אויסלייזונג זאָל געפינען ביי די שקלאַפן דאָרט.

פּוטיפרע

אומגעדולדיק

און מיט דעם שיינעם שפּער-קנעכט וואָס האָסטו געטון?

פיהאָ

רוען האָב איך אים געלאָזט, וואַשן זיין לייב, זאַלבן זיינע האָר, אין ווייסן געוואַנד געהילט, און געבראַכט האָב איך אים צו דיר, אַז ערהאַלטן זאָל ער די שטראָף

פון דיין אייגענער האַנט, האַרינטע.

פוטיפרע

וואו איז דער שיינער קנעכט?

פיהאָ

הינטער דיין טיר שטייט ער און וואַרט אויף דיין שטראָף.

פוטיפרע

פיר אים אַריין צו מיר.

פיהאָ

איך הער דיין געבאָט. גייט-אָפּ

פוטיפרע

פאַרוואָס ציטערט אין מיר מיין האַרץ אַזוי? מיינע פינגער ציטערן. וועלכע אומבאַקאַנטע געוואַלדן גייען-דורך דורך מיין לייב — האָפנונגען אומערפילטע, פאַרלאַנגען אין שמאַכט פאַרגאַנגענע שטייען-אויף פון זייער גרוב. ווי טויטע ווייבער הילן זיי זיך אין טונקעלע שלייערס איין, קלאָגן זיי פון מיין לייב אַרויס. וועלכע שאָטנס לויפן פאַרביי מיר ווי בייזע חלומות? וועמעס געשרייען הער איך ווי רוישנדע וועלן קומען-אָן צו פאַרפלייצן מיך? אַן אומבאַקאַנטע אימה נעמט מיך אַרום, פאַרוואָס ציטער איך אַזוי? אַנגסטן צודריקן מיך, איך האָב מורא. זי לויפט-צו צו דער סטאַטוע פון דער געטין איזיס און וואַרפט זיך פאַר איר צו די פיס

אָ, געטין, איך וועל ברענגען אַ קרבן צו דיר, ריין און אומבאַרירט. ווי אַ ווייסן שעפּס וועל איך וואַשן זיינע געטראָלטע לאָקן, באַשמירן אים אינגאַנצן מיט שמעקעדיקן בוימאייל און ווי אַ יונגן בליענדיקן בוים, באַקרענצט און באַצירט, וועל איך אים אויף דיין מזבח ברענגען מיט מיינע אייגענע הענט... עס איז אין אים איינגעקנעטן דאָס בענקשאַפט מיינס. דער פלאַם פון מיין באַגער. דער ציטער פון מיין ווילן. ברענען זאָל מיין בענקשאַפט, מיין באַגער און מיין ווילן אין אַ בשמים-שמעקעדיקן קרבן, אפשר וועט זיך באַרואיגן מיין ברוינדיג האַרץ, און מיין געמיט איינשטילן.

יוסף

קומט-אריין,ווארפט זיך פאר זיין הארינטע צו די פיס

גנעדיגע הארינטע.

פוטיפרע

קוקט אים אן א ווייל, דאן גייט זי צו צו אים מיט לאנגזאמע טריט, און לייגט-ארויף מיט ליבשאפט אירע הענט אויף זיין קאפ

שיינער שעפס מיינער, וועלכע וועלף האבן דיך אזוי אפ-געהעשעט? הויבט-אויף זיין קאפ און קוקט אים אין די אויגן אריין
ווער האט אזוי פייכט געמאכט דיין שטערן? מיט אנגסטן בא-שלאגן דיין לייב? א, הארט באשטראפט זאלן זיי ווערן דערפאר.

יוסף

הויבט-אויף די הענט צו איר

גנעדיגע הארינטע, איך בין דיין אונטערטעניגער קנעכט.
באפריי מיך פון דער לאסט, וואס דו האסט געלייגט אויף
מיר. וואס איז מיין זינד? וואס איז מיין באגיין? פארוואס
שטראפסטו מיך אזוי?

פוטיפרע

בלוט פון מיין הארץ, מיין דורשט און מיין געטראנק,
דיין אויג איז פייכט, דו וויינסט? דיינע פינגער זענען
בלייך, מיין רחמנות אויף דיר, מיין רחמנות. זי נעמט-ארום דעם קאפ און וויינט

יוסף

דערשראקן

דו וויינסט?

פוטיפרע

צו דעם האסטו מיך געבראכט, אז איך זאל וויינען אויף
א שקלאפס א קאפ. זי ווארפט זיך פאר אים צו די פיס. אז איך
זאל ליגן צו די פיס פון א קנעכט און ווישן דעם שטויב
פון זיינע טריט מיט די האר פון מיין קאפ.

יוסף

איך בין דער נידריגסטער פון דיינע קנעכט. בוקט זיך פאר-איר טיף

פּ ו ט י פ ר ע

בעטנדיג זיך ביי אים

טו מיין באַגער, און טו מיין פאַרלאַנג.

י ו ס ף

קניענדיג פאַר איר

האַרינטע!

פּ ו ט י פ ר ע

ליג ביי מיר די נאַכט.

י ו ס ף

דערשראָקן

האָב רחמנות אויף דיין קנעכט, ווי אַזוי קאָן איך אַזוי זינדיג זיין געגן מיין האַר?

פּ ו ט י פ ר ע

דיין האַר איז אויך אַ ברודער צו מיר. אָנגעמען וועל איך דיך ביי דער האַנט און פירן דיך צו אים און זאָגן אַזוי: ברודער דו מיין, גיב מיר דעם קנעכט פאַר אַ מאַן. טון וועט ער מיין פאַרלאַנג און לאָזן דיך ליגן ביי מיר, אַז דו זאָלסט טון מיין ווילן.

י ו ס ף

אנגסטלעך

ווי אַזוי קאָן איך אַזוי זינדיג זיין געגן מיין גאָט?

פּ ו ט י פ ר ע

די געטער האָבן דיך געשיקט צו מיר, אַז דו זאָלסט שטילן דעם דורשט, וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן אין מיר.

י ו ס ף

וואַרפט זיך ווידער צו אירע פיס

האַרינטע פון מיין האַרץ.

פּ ו ט י פ ר ע

ציט יוספן צו זיך

אָ, יונגער שעפער, גאָט פון די בערג אַראָפּ, יונגער ראַ וואָס דו ביסט צו דער איזיס געקומען אין געשטאַלט פון אַ מאַן. זי וואַרפט זיך אויף אים. איבערן געמאַך יאָגט אַן אומ-

באַקאַנטער ווינט. שוואַרצע, געדיכטע שאָטנס, ווי שאָטנס פון אַלטע לייט אויף קעמלען געריי״ז, ציען לאַנגזאַם פאַרביי איבער די ווענט פון געמאַך.

יוסף

דערשראָקן, בלייך, באַפרייט זיך פון איר געוואַלד, וואַרפט זיך אויף דר׳ערד און הויבט־אויף די הענט צום שטערן־באַקליידטן הימל, וואָס קוקט־אַריין דורך דעם אָפענעם דאַך פון געמאַך

אָ, יעקב, פאָטער, איך זע דיין געזיכט!

פאַרשטעלט זיך מיט ביידע הענט דאָס פנים

פוטיפרע

בלייך, דערשראָקן

צוויי מאָל האָסטו מיך פאַרשעמט, ווי אַ דינסט־מויד האָב איך זיך געלייגט צו דיינע פיס און ווי אַ דינסט־מויד האָסטו מיך פאַרשטויסן פון זיך. שטאַרקער פון ווייב ביסטו, דורך דעם שטאַרבן זאָלסטו דורך דעם ווייבס האַנט!

יוסף

שווייגט

פוטיפרע

בײז

ווי אַ יונגן שעפּס וועל איך בינדן מיט ליבע דיינע פיס און דיינע הענט, איך וועל רופן מיין מאַן ווי אַ גערייצטן וואָלף צו אַ געבונדענעם שעפּס. מיט זיינע שאַרפע נעגל וועט ער אויפרייסן דיין האַרץ. אויסשעפּן וועל איך דיין בלוט אין אַ גאָלדענע פאַן.

יוסף

גנעדיגע האַרין, האָב מיטלייד מיט דיין קנעכט.

פוטיפרע

ווײנט

יעדעס וואָרט דיינס שטורמט נייע קוואַלן פון גלוסטונג אין מיר אויף, האָב רחמנות אויף מיר. זי שטרעקט־אויס די הענט צו אים

יוסף

מיין לעבן און מיין טויט איז אין דיינע הענט.

פוטיפרע

דיין ווייס געוואַנד, וואָס געפּוצט ביסטו געקומען צו מיר צוגיין, טו עס אויס און גיב עס מיר.

יוסף

טוט־אויס דאָס ווייסע קליידער און לייגט עס צו אירע פיס

איך טו דיין געבאָט.

פוטיפרע

נעמט דאָס קלייד

דיין ווייס קלייד, קלייד פון דיין אומשולד, אַ צייכן געגן דיר זאָל עס זיין. גיי און רוף מיר פּיהאָ, מיין דינסט.

יוסף

בויגט זיך פאַר איר. ער גייט־צו צו דער טיר און רופט פּיהאָ. פּיהאָ ער־שיינט

פוטיפרע

האַלטנדיג יוספס ווייסע קלייד

פּיהאָ, מיין דינסט, ווי אַזוי האָסטו דיין האַרינטע געלאָזט אַליין, אומבאַשיצט און אומבאַוואַכט? אַ פרעמדער מאַן, אין ווייסן געהילט, איז צו מיר אומבאַרופן אין געמאַך גע־קומען. גיי און רוף מיין מאַן. פּיהאָ לויפט־אָפּ

יוסף

דערשראָקן, וואַרפט זיך פאַר איר צו די פיס

מיין האַרינטע, האָב רחמנות אויף דיין קנעכט. כ׳בין נאָך אַזוי יונג.

פוטיפרע

חיינס

אויג פון מיין האַרץ, דיינע טרערן וויינען מיין בלוט אויס. זי וויינט אויף יוספס קאָפּ טראָגן וועל איך דיין טויטן קערפּער צו די בעסטע כשוף־מאַכער פון מצרים, בינדן אין טייערע ליייוונטן אים, אַז קיין איין הויך פון דיין לייב זאָל נישט פאַרלוירן־גיין. באַלזאַמירן אים מיט די בעסטע איילן, און

שטעלן וועל איך דיין מומיע צו מיר אין קבר אַריין. געגוג ווײן און עסן דיר מיטלייגן, אַז וואַרטן זאָלסטו אויף מיר, ביז קומען וועל איך צוגיין, אפשר אויף יענער זייט, אין יענעם לעבן וועלן די געטער בעסער זיין, און באַהעפטן וועסטו דיך מיט מיר אויף אַלע אייביגקייטן. איך הער טריט. זי לויפט צוריק אויף איר פריערדיגן שטעל. רעדט פון הינטערן טיר

פוטיפר

קומט-אַריין

וואָס האָסטו אַזוי געאַנגסט, מיין ווייב? דאָס גאַנצע הויז געוועקט פון שלאָף.

פוטיפרע

דער שיינער העברעאישער שפעפער-קנעכט, וואָס דו האָסט מיר געמאַכט צו געשאַנק... ווייזט אויף יוספן

פוטיפר

וואָס איז געשען מיט דעם שיינעם העברעאישן קנעכט?

פוטיפרע

ווייזנדיג אויף יוספן

באַצווינגען האָט ער מיך געוואָלט אין דיין אייגן הויז.

יוסף בויגט דעם קאָפּ צו דר'ערד

פוטיפר

קוקנדיג אַמאָל אויף פוטיפרען, אַמאָל אויף יוספן, שווייגנדיגערהייט

פוטיפרע

אין דער הייסער נאַכט, אין דער וואַרימער לופט, רייף איז אין דיין שוועסטערס האַרץ געוואָרן אַ פאַרלאַנג נאָך דיר, מיין ברודער-מאַן. אין ווייסן געוואַנד געהילט, מיט בשמים באַשמירט איז דיין שיינער קנעכט געקומען אָוועק-צוגנבענען דעם פאַרלאַנג, וואָס איז רייף געוואָרן פאַר דיר.

פוטיפר

צו יוספן

עס איז וואָר, וואָס דאָס ווייב דערציילט?

יוסף

אויפהויבנדיג די הענט צום הימל

גנעדיגער האַר, מיין האַרינטע האָט רעכט, כ׳בין אַן אומ־ווירדיגער קנעכט.

פּוטיפרע

איינגעהילט אין ווייסן געוואַנד, אין פּאַרכשופטע בשמים באַשמירט, איז ער געקומען צו מיר געצירט. פאַרגוואַלדן האָט ער מיך געוואָלט מיט דעם געשמאַק פון זיין קלייד, געצויגן האָב איך עס פון זיין לייב, ווען ער האָט אַנטלויפן געוואָלט, און באַהאַלטן פאַר אַ צייכן פאַר דיר. זי גיט אים דאָס קלייד דאָס קלייד שמעקט מיט דעם געשמאַק פון זיין לייב.

פּוטיפר

צו די וועכטער

נעמט דעם זינדיגן קנעכט ווייזנדיג אויף יוספן און פירט אים אין קעניגלעכן געפענגניש אַריין. זיין זאָל ער דאָרט מיט די קעניגס קנעכט און עסן מיט זיי פון איין טיש.

פּוטיפרע

מיט שרעק

דאָס זאָל זיין שטראָף זיין? פאַר זיין זינד? און נישט ווי אַ טיגער און נישט ווי אַ לייב רייסטו נישט מיט דיינע נעגל זיין האַרץ פון זיין ברוסט אַרויס? צו לעשן דיין כעס מיט זיין יונגן שמעקעדיגן בלוט פאַר די שאַנד פון דיין שוועסטער־ווייב?

פּוטיפר

מיט גוטן שמייכל

אָ, מיין שוועסטער־ווייב. דו האָסט רעכט. גרויס איז די זינד פון דעם קנעכט, ווער קאָן עס פאַרלייקענען? דאָך מיט חסד מוזט דו אים משפטן, מיין ווייב. אַ קעניגן ביסטו, געגן אַ קעניגן האָט ער געזינדיגט, דערפאַר זאָל ער אין קעניגס געפענגניש זיין. דאָך מילד איז זיין זינד און צו

פאַרשטיין, וואָרום ווער קאָן דען, מיין שוועסטער, דיין
וויבער-רייץ אַקעגנשטיין?

יוסף

וואַרפט זיך אויף די קני און הויבט-אויף די הענט צום הימל

פאָרהאַנג

שלום אַש

קוילן

א דראַמע אין פיר אַקטן

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע

Printed in Poland

איבערדרוקן, איבערזעצן און אויספירן אן דער
דערלויבניש פון מחבר פארבאטן

Szolem Asz — KOJLN

Copyr. by Sholem Asch, New-York

Sp-Wyd. Kultur-Liga, Warszsawa 1928.

Drukarnia „Di Welt“, Nowolipie 7.

פּערזאָנען:

פּאָטער סעוועריו — א רוסישער פּויער, היינט א קוילן-גרעבער
זאָסלושאַ — זיין פרוי
מאַרישאַ } זייערע טעכטער
ווערושקאַ
אַנטאָן — מאַרישאַס מאַן
זייצעוו
סלושאַ
טאָני
מאַכמעד } שכנים, קוילן-גרעבער אָדער מולן-היטער
ווענסעלאַאוס
יאַפּאַנער
חזקאל — א ייד, פּעדלער

פאַנטאַסטישע פיגורן:

אַנטראַציט	גריפּעל
קאָך-קויל	דימענט-קויל
טאָרף	עלעקטרישע קראַפט
אַסיד	אומדערפאָרשטע קראַפט

שפּיל אין די קוילן - גרובנס.
אין מדבר אָריזאָנע, אַמעריקע.
צייט — פאַר דער וועלט-מלחמה.

ערשטער אַקט

אין דער קוילן-מינע אַרום טאָמקינסוויל, אַרויס אי
דער וויסטע, אין צימער אַכט-הונדערט פיר. — אַ צי-
מער פון אַן אַרבעטער אין דער קוילן-מינע טאָמקינ-
סוויל. איינגעאָרדנט לויט איין פאָרם מיט אַנדערע
צימערן. אַלצדינג, וואָס געפינט זיך אין שטוב, איז
צוגעמויערט צו דער וואַנט, אָדער אָנגעקייטלט
בעטן, וואָס פאַרמאַכן זיך בייטאָג, טיש-בענקלעך או
אַפילו די קיך איז אָנגעקייטלט. גאָר נישט איז דאָ
אינדיווידועלעס, נאָר אַ פּאָר געבלימלטע קאַרטאָנען,
פאָרהענגלעך און אַ הייליג בילד, וואָס הענגט אונ-
צר אַ רויט פלעמל אין אַ ווינקל. אויף אַ טישל
עבן פענסטער שטייט אַ בלומען-טאָפּ, מיט אַ היי-
מישער דאָרפישער מירטע.

עס איז פאַרנאַכט אין אַ האַרבסט טאָג. די זון שיינט
אַריין דורכן פענסטער, דער טיש איז געגרייט צום
עסן. עס הערט זיך אַ קלינגען פון פאַבריק-גלאָק.
אַרבעטער גייען אַהיים און גייען צו דער אַרבעט.
געשפּרעך פאַר די פענסטער.

ז אַ ס ל ו ש א

אַן אַלטע גויע, אַ טיכל פאַרבונדן איבערן קאָפּ, שטייט אין אָפענעם פענסטער און רעדט אַרויס צו די פאַרבייגייענדע אין גאַס

מ אַ ר י ש א

שטימע פון דער גאַס

נו, גיי, גיי, גיי שוין, הער שוין אויף צו דערקוטשען, עס ווערט דאָך שוין שפּעט.

אַ נ ט אָ ן

שטימע פון דער גאַס

אַך, מאַרישאַ, מאַרישאַ.

מ אַ ר י ש א

זאָגט עפּעס, קומט אַריינצולויפן אין שטוב

משוגענער, אינמיטן דער גאַס, מענטשן וועלן דאָך לאַכן.

אַ נ ט אָ ן

וועלכער יאָגט זיך נאָך נאָך איר

זאָלן זיי לאַכן, וואָס גייען מיך מענטשן אָן? נעמט זי אַרום און וויל זי קושן

מ אַ ר י ש א

צו דער מוטער

מאַמע, אַזעלכע צרות האָט מען פון אים אויסצושטיין. עס קומט די צייט צו גיין אין שאַכט אַריין צו דער אַרבעט, ווערט ער משוגע, פּיעשטשעט זיך, ווי ער וואָלט אַ קינד געווען, און גיב אים נאָך אַ צוקערל אין דער שולע צו גיין. נאָר קושן זיך, און קושן זיך, און דאָ האַלט דער גלאָק אין איין קלינגען, ווי צו אַ פייער אין דער היים.

זאָסלושא

דאָס איז די טבע פון מאַנספּאַרשוינען, ווּעסט נישט איבער־מאַכן, טאָכטער.

מאַרישא

אָבער עס ווערט דאָך פּאַרמיאַוּסט, באַק-הינער ווערט דאָך אויך פּאַרמיאַוּסט.

זאָסלושא

נו, קוש אים, און זאָל ער גיין, עס ווערט שפּעט.

מאַרישא

קושט דעם מאַן שנעל

נו, שוין, ל'מיר שוין דיינע פּטור ווערן.

אַנטאָן

מאַרישאַ !

מאַרישא

און וואָס נאָך ?

אַנטאָן

מאַרישאַ, זאָג מיר צו.

מאַרישא

וואָס זאָל איך דיר צוזאָגן ?

אַנטאָן

ווייסט שוין וואָס דו זאָלסט מיר צוזאָגן.

מאַרישא

הויבסט שוין ווידער אָן ?

אַנטאָן

איך קען עס נישט דאָרט אויסהאַלטן ביים פייער. אַז איך דער־מאָן זיך, אַז דו ביסט אַליין אין דער היים, אַ גאַנצע נאַכט, און זייצעוו וואוינט מיט דיר טיר ביי טיר. עס ברענט אין מיין האַרץ, ווי אין דעם אויוון, ביי וועלכן איך שטיי.

מאַרישא

שמייכלט

און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל דיר שוין צוזאָגן ?

אַנטאָן

מיט לייד

איך ווייס, עס וועט גאָר נישט העלפן, נאָר רויִקער וועל איך זיין.

זאַסלושא

וואָס אַרט עס דיך? זאָג אים צו, טאָקטער, זעסט דאָך, אַז ער ליידט.

מאַרישא

אַז ער איז משוגע און רעדט זיך איין אַ קרענק אין בויך, באַדאַרף איך מיטשפּילן דאָס משוגעת? ער ווייסט דאָך, אַז עס איז אַן איינרעדעניש.

אַנטאָן

איך ווייס עס, איך ווייס עס, נאָר צייט מען האָט זייצעוון אַריינגעגעבן אין טאָג-אַרבעט און מיך ביינאַכט, פּייניגט עס מיך. אַז איך שטיי ביים אויוון, זע איך אַזעלכע ווילדע זאַכן אין פלאַם-פייער, אַז איך וואָלט זיך אין פלאַם אַריינגעוואָרפן אַ לעבעדיגער. מיט פאַרוואורף דו ווייסט דאָך, מאַרישאַ, אַז איך האָב אַן אורזאַך חושד צו זיין, דו ווייסט דאָך, אַז עס איז נישט בחנם...

מאַרישאַ

און אַז ס'איז עפּעס, ביסטו שולדיג. און אַז דו וועסט מיך פּייניגן, וועל איך עס טאָן להכעיס.

אַנטאָן

וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס היטל מיטן לאַמטערל

גיי איך נישט צו דער אַרבעט, איך וועל בלייבן אין דער היים דיך היטן.

מאַרישא

וועט מען דיך מיט די בעבעכעס אַרויסוואַרפן. ווייסט די געזעצן פון טאַמקינסוויל.

אַנטאָן

זאָלן זיי וואַרפן. סיי ווי סיי נישטאָ פאַר וואָס צו לעבן.

זאסלושא

וואָס טוט זיך דאָ, קינדער, וואָס פאַר אַן אומגליק ברענגט איר איבער אייער קאָפּ?

מאַרישא

מוטער, איך ווייס נישט, וואָס ער וויל פון מיר האָבן. אַזוי פייניגט ער מיך און דערקוטשעט מיר. דער סוף וועט זיין, אַז עס וועט עפּעס געשען, וועט ער עס האָבן אַליין געבראַכט דערצו.

זאסלושא

דערקוטשע נישט, אַנטאָן, דערקוטשע נישט, וועסט ברענגען צו אַן אומגליק.

אַנטאָן

איך ווייס, אַז איך בין אַליין שולדיג. אַ טייוול זיצט אין מיין האַרץ. דאָרט, ביים גיהנמשן פייער, ווען איך הייץ אונטער דעם אויוון, קומען מיר אַזעלכע טייוולאָנישע זאַכן אין זינען. איך ווייס, דו ביסט אייגע אַליין, טיר ביי טיר, אָ, זיי מיר מוחל, מאַרישאַ, קושט איר די האַנט איך ווייס, איך בין אַ שלעכ-טער מענטש. דאָס מאַכט דאָס גיהנמשע פייער, ביי וועלכן איך שטיי אַ גאַנצע נאַכט.

זאסלושא

טייוואָלים זיצן אין פייער, אַ קלייניקייט אין אַזאַ היץ, קריכן זיי אַרויס פון פייער אין דיין האַרץ אַריין. מוזט פאַרטרייבן פון דיר דעם טייוול, ער קען דיך נאָך מזיקן.

מאַרישא

טו אָן דאָס היטל, גיי צו דער אַרבעט, עס איז שפּעט. ס׳זע-נען אַלע שוין פאַרבייגעגאַנגען. טוט אים אָן דאָס היטל

אַנטאָן

אַ דאַנק דיר, מאַרישאַ.

מאַרישא

און זיי רואיג דאָרט ביינאַכט, די מאַמע וועט מיט מיר שלאָפן אין בעט, ביי מיר אין שטוב.

אַנטאָן

אַ דאַנק דיר, מאַרישאַ, מלאכל מיינס. *קושט איר די האַנט* אַ דאַנק אייך, מוטערל. ניין, ניין, מאַרישאַ, שלאָף אַליין, איך גלויב דיר, איך ווייס, דו וועסט נישט טאָן קיין שלעכטס. מיין משוגעת אַזאַ. אַ גוטע נאַכט. שלאָף רואיג, מיין קינד.

זאַסלושאַ

וואַרט אַ מינוט, אַנטאָן. נאַ, טו אָן דאָס צלמל, וועלן די טייוואָלים איבער דיר קיין שליטה נישט האָבן. *טוט אים אָן אַ צלמל*

אַנטאָן לויפט אַרויס, עס הערן זיך די לעצטע קלאַנגען פון פאַבריק

פאָטער סעווערין

קומט אַריין מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט

זאַסלושאַ

ביסט שוין דאָ. אָ, פאָטערל, אַנטאָן זאָל נאָר שפּעט נישט זיין. ער איז ערשט איצט אַוועקגעלאָפן.

סעווערין

די נאַכט-אַרבעטער מוזן זיין פריער, איידער די טאָג-אַרבעטער צוגייען זיך, אַזוי זענען די געזעצן פון טאָמקינסוויל. איך האָב מורא, מען וועט אים שטראָפן, פאַר וואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיגט.

זאַסלושאַ

צעווערטלט זיך מיטן ווייב, ווי עס טרעפט זיך ביי לייטן, ווי ביי אונז אַמאָל.

פאָטער סעווערין

אונזער איינער האָט נישט קיין רעכט אויף אַזעלכע זאַכן פאַר דער אַרבעט. עס פאַרנעמט צופיל צייט. איז ווערושקאַ נאָך נישט צוריקגעקומען?

זאַסלושאַ

וואו האָסטו זי דען געשיקט?

פאָטער סעווערין

איך האָב זי געבעטן, אַז זי זאָל מיר ברענגען אַביסל שוואַרצע ערד פאַר דער מירטע, אפשר וועט זי געפינען שוואַרצע ערד הינטער די מינען. די ערד איז דאָ אַזוי קוילנדיג. די

מירטע איז קראַנק און דאַרף ערד. ער גייט צו צו דער מירטע און באַראַכט זי און עס איז דאָך ווערוּשקעס, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, געפּלאַנצט פאַר אַ חופּה-קראַנץ, ווען מען וועט זי אין קירכע פירן צום „שלוב״. באַקוקט די מירטע פייניגט זיך, נעבעך, דאָס אָרעמע באַשעפעניש. שוין ווידער אַ בלאַט פאַרוויאַנעט געוואָרן. קען נישט אָטעמען די לופט דאָ.

זאָסלושא

איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז בחנם פייניגסטו דאָס אָרעמע באַשעפעניש, ס׳וועט סיי ווי סיי גאָר נישט דערפון אַרויסקומען. ס׳וויל שטאַרבן, לאָז עס שטאַרבן, איבערגעפּלאַנצט זי אויף שלעכטן באָדן. אין אַמעריקע אַ חוץ קויל, וואַקסט קיין זאַך נישט.

פּאָטער סעווערין

פונדעסטוועגן דאַרף מען פּרובירן. אַ מענטש לאָזט מען אויך נישט אַזוי שטאַרבן. אַזוי לאַנג איז עס געווען מיט אונז צוזאַמען, אַ רחמנות, אַ שלעכט אָרט. קיין מענטשן-פּלאַנצונגען קענען זיך דאָ נישט האַלטן. איך ווייס נישט, אויב דאָס גאַנצע לאַנד דאָ איז פאַרשאָלטן, אַז עס זאָל קיין מענטשלעכע פּלאַנצונגען נישט וואַקסן, אַ חוץ די שוואַרצע קויל.

מאַרישא

זייצעוו דערציילט, אַז דאָרט, צו מזרח צו, אַ מייל הונדערט פון דאַנען, געפינען זיך לאַנגע ברייטע פעלדער, שפּרייטן זיך מענטשלעכע זאַנגען אויס. די ערד איז אַ גוטע און אַ פעטע, אַלערליי מענטשלעכע תבואות וואַקסן דאָרט, ער האָט דאָרט אַליין געאַרבעט.

זאָסלושא

וואָס דיין זייצעוו דערציילט. לאָז מיך צורו מיט דיין זייצעוו. וואָלט גלייכער געווען פאַר דיר, טאָכטער, זאָלסט דעם נאָמען גאָר נישט דערמאָנען. דו ווייסט שוין, פאַרוואָס.

פּאָטער סעווערין

פאַרוואָס?

ז אָ ס ל ו ש א

קוקט אָן די טאָכטער

ווייל זייצעוו איז אַ ליגנער. אין אַמעריקע אַקערט מען נישט אויף דער ערד, און מען שניידט נישט אויפן פעלד, נאָר אונ־טערן פעלד, ווי די קויל, וואָס מען שניידט פון דער ערד אַרויס.

פ אָ ט ע ר ס ע וו ע ר י ן

יאָ, איך געדענק, ווען מען האָט אונז פון שיף געפירט אַהיים, מיט דער באַן, דאָ אַרויס, האָבן מיר געזען דורך די באַן־פענסטער אַזעלכע ברייטע לאָנקעס, מיט אַלערליי בלומען, און הויכע מענטשלעכע זאַנגען האָבן מיר געזען. גוטע זאַנגען, גרויסע און רייפע, און גרויסע גראָז האָבן מיר געזען. נאָר דאָס איז שוין געווען זייער לאַנג. איך האָב שוין באַלד פאַר־געסן, ווי עס זעט אויס. דורך דער גאַנצער צייט קיין אַנדער געוויקס נישט געזען. נאָר די שוואַרצע קויל.

ז אָ ס ל ו ש א

הער אויף צו קרעכצן, אַלטער. וואָס איז דיר דער חילוק, פון וואָס דו ציסט דיין חיונה, פון דער זאַנג אָדער פון דער קויל. דאָס איז נישט דיינס, און יענץ איז נישט דיינס. און די קויל איז אַזאַ גאָטס באַשעפעניש, ווי די זאַנג.ביידע קומען זיי פון דער ערד.

פ אָ ט ע ר ס ע וו ע ר י ן

דאָס איז רעכט, אַלטעטשקע, אַרבעטנדיג אָבער אין פעלד, ביי דער זאַנג, האָסטו גאָטס הימל איבער דיר, קוקסטו אין הימל אַרויף, דערמאָנסטו זיך אָן גאָט און טוסט גאָט לויבן. ביי דער קויל אָבער זעסטו קיין זאַך נישט, נאָר די קויל און די נאַכט, און עס דאַכט זיך דיר, אַז דו דינסט נישט צו גאָט, נאָר צום טייוול. שטראָף נישט פאַר די רייד.

ז אָ ס ל ו ש א

גאָט איז אומעטום.

פאָטער סעווערין

דו האָסט רעכט, אַלטעטשקע. נו, וואו איז ווערושקא? די נאַכט פאַלט צו, עס ווערט שפּעט.

זאָסלושא

בלאָנדזשעט אַרום אַודאי, זוכנדיג אַ הויפן שוואַרצע ערד. וואָס דיר פאַלט איין, אַלטער, צו געפינען מענטשלעכע ערד בײַ די קוילן־גרעבער.

מאַרישאַ

וועלכע האָט זיך געפּאַרעט אַרום דער קליך

די מויד איז שוין דערוואַקסן, האָט שוין באַדאַרפט אין פאַבריק גיין, געלט פאַרדינען, ערשט מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. איך אין אירע יאָרן בין שוין לאַנג אין פאַבריק געזעסן.

זאָסלושא

זי איז דאָך ערשט פון שולע אַרויס, און הײַנט איז איר לעצטער פרײַער טאָג.

פאָטער סעווערין

איך האָב שוין פאַר איר די „פּאַוויעסטקע". זי זאָל זיך מאָרגן אין פאַבריק מעלדן. זעכצן יאָר אַלט געוואָרן.

זאָסלושא

דער פעדלער־ייד האָט עס מיר געזאָגט, האָב איך פאַר איר אַ קוכן אָפּגעבאַקן, אַ פּאָר לייט, שכנים, פאַרבעטן, עס איז דאָך איר לעצטער פרײַער טאָג.

פאָטער סעווערין

און מיך ווילן זיי פון דער מינע אַרויסשיקן, האָבן מיך אין קאַנצעלאַריע גערופן, און געזאָגט, אַז איך בין שוין צו אַלט אין דער מינע אַראָפּצוגיין. איך האָב מורא, אַן אומגליק שטייט אונז פאָר. האָבן מיר געגעבן אַ פּאַפּיר אונטערצושרײַבן. איך האָב שטענדיג מורא פאַר פּאַפּירן. אַז מען גיט אַ פּאַפּיר, איז נישט גוט.

זאָסלושא

שרײַ נישט, איידער מען שלאָגט דיך נישט. די הון קוואָקעט

אויך נישט, איידער מען שעכט זי. לאָז שטיין דיין מירטע, אַלטער.

פעדלער חזקאל

קומט אריין מיטן זאַק אויף די פּלייצעס

אַלץ נאָך פאַרנומען ביי דער פלאַנצונג, ווי שטענדיג. בחנם מוטשעסט דו זיך, אַלטער. וואָס איז באַשערט צו שטאַרבן, ווערסטו נישט לעבעדיג מאַכן.

פּאָטער סעווערין

און דו טראָג דיך בעסער אָפּ פון דאַנען. זיי וועלן דיך כאַפּן, אַז דו טראָגסט אַרום סחורות צו פאַרקויפן צו די אַרבעטער, וועלן זיי דיך אין לאַך אַריינזעצן. האָבן באַפוילן קיין זאַך נישט צו קויפן, אַ חוץ פון די פאַבריקס-געוועלבער.

פעדלער חזקאל

וואָס, טאָמקינס גייט קאָנקורירן מיט מיר? איך קען אים שוין מיין פּאַך אָפּטרעטן. לייגט אראָפּ זיין פּאַק טאָמקינס וועט ווערן אַ פעדלער, וועט ער זיין גאַנץ געלט פאַרלירן. אַ רחמנות אויף אים. וואָס פאַר אַ פעדלער איז ער? אַ פעדלער מוז קענען אַלע זיינע קונים. וויסן, ווי זיי הייסן, און ווי זייערע ווייבער און קינדער הייסן. געדענקען אויפן קאָפּ יעדן איינעמס געבורטס-טאָג, ווען אַ קונה גייט אַ חתן-ווערן, אָדער האָט אַ טאָכטער אויסצוגעבן, אָדער ווען מען דאַרף אַ ברית מאַכן. אָ, נעמט אייך, פּאָטער סעווערין, — ווייסט טאָמקינס, למשל, אַז איר האָט אַ שיין טעכטערל, אַ ליב קינד, וועלכע ווערט היינט זעכצן יאָר אַלט, און וועט מוזן אָנהויבן אין פאַבריק גיין, און איר ווילט איר פאַר איר געבורט-טאָג אַ רויט טיכל שענקען? אסור, אויב ער ווייסט, ער זיצט זיך דאָרטן אין די וואַרימע בעדער און עסט זיך זיינע געבראָטענע הינדלעך. און עס גייט אים קיין זאַך נישט אָן. וואָס פאַר אַ פעדלער איז ער? ער נעמט אַרויס אַ רויט טיכל פון זיין זאַק און ווייזט עס דעם פּאָטער סעווערין

פּאָטער סעווערין

איך מיין עס נישט קיין שפּאַס. האָבן אָנגעזאָגט נאָר אין די פאַבריק-געוועלבער צו קויפן — אַלץ וואָס מען דאַרף.

פעדלער

איך וואָלט געוואָלט וויסן, אויב טאָמקינס קויפט אויך נאָר אין זיין געוועלב — און זאַכן וואָס ער דאַרף? *עס קומט אַריין דער איטאַליענער טאָני* אַ, נעמט, למשל, אונזער פריינט טאָני, איך ווייס, אַז טאָני וואָלט גערן געוואָלט האָבן אַ רינג מיט אַ בריליאַנט, ער קלערט שוין לאַנג דערפון, ווייל פון זיך אַ פאָטאָגראַפיע לאָזן אַראָפּנעמען און אַ היים שיקן נאָך איטאַליע צו די זייניגע. פאַרוואָס נישט? אַ מענטש אַרבעט, ווייל ער ווייזן די זייניגע אין דער היים, אַז אַ מענטש אַרבעט נישט בחנם, אַז אַ מענטש איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען אין אַמעריקע, איז צו עפּעס געקומען. אַדרבא, לאָז ער גיין צו מיין קאָנקורענט, פעדלער טאָמקינס, זיך קויפן אַ בריליאַנטענעם רינג. וועט די ערשטע פראַגע זיין: נאָך וואָס דאַרפסטו אַ בריליאַנטענעם רינג? אַן אַרבעטער דאַרף נישט טראָגן קיין בריליאַנטענעם רינג. בריליאַנטן מעג איך נאָר אַליין טראָגן. איך, מיין ווייב, מיינע קינדער, אָבער, דו, פינסטערער אַרבעטער — טראָג קוילן, נישט קיין בריליאַנטן. און געלט האָסטו? פון וואַנען האָסטו געלט אויף בריליאַנטן? — נו, נו, וואָלט זיך דאָס אָנגעהויבן אַ ביסל צרות. קומט אָבער פריינט טאָני צום פעדלער חזקאל נאָך אַ בריליאַנטענעם רינג, פרעגט ער נישט נאָך וואָס, נאָך ווען. מיין עסק? נעמט אַרויס דעם שענסטן בעסטן רינג און זאָגט צו מיין פריינט טאָני: טאָני, ווילסט האָבן אַ רינג מיט אַ בריליאַנט? דאָ האָסטו אַ רינג! איך פרעג נישט, יאָ געלט, נישט געלט. וועסט האָבן געלט, וועסטו מיר באַצאָלן. אַ דאָלאַר אַ וואָך, צוויי דאָלאַר אַ וואָך, איך ווייס, דו וועסט נישט באַעולען אַן אָרימען פעדלער ווי איך בין. *נעמט ראַש אַרויס אַ רינג און גיט אים אין האַנט אַריין*

טאָני

האַלט דעם רינג, באַקוקט אים

מיינסט עס אויף דער וואָר?

פ ע ד ל ע ר

אַ פעדלער האָט נישט קיין צייט צו שפּאָטן. דאָס קענען זיך נאָר פאַרגינען די רייכע.

ט אָ נ י

באַקוקט דעם רינג

וועלן וויל איך אים טאַקע, נאָר איך ווייס?... גיט אים צוריק

פ ע ד ל ע ר

וואָס איז דאָס? מיינסט אפשר, ער איז נישט קיין אמתער — זע די פּראָבע.

ט אָ נ י

כ'האָב זיך איבערגעלייגט. ליבער באַהאַלטן דאָס געלט אויף אַהיימצופאָרן.

פ ע ד ל ע ר

אַהיימצופאָרן?

ט אָ נ י

יאָ, שרייבט מיר מיין ברודער, אַז אונזער פעטער איז געשטאָרבן, און איך קען אָפּקויפן דעם ווייַנגאָרטן זיינעם, וואָס ער האָט איך שכנות מיט אים, פאַר זייער ביליג. די יתומים ווילן עס פאַרקויפן. טראַכט איך: אפשר אַהיימפאָרן און באַאַרבעטן מיין פעטערס ווייַנגאָרטן? ס'איז שטענדיג געווען אַ פעטער גאָרטן.

ז אַ ס ל ו ש אַ

דער, וואָס האָט איינמאָל דערשמעקט די קויל, וועט זיך פון איר אַזוי פלינק נישט אַרויסרייסן. אַ כשוף, ברודערל.

פ ע ד ל ע ר

מעגסט עס זאָגן נאָכאַמאָל. שוין געהערט אַזעלכע רייד. דריי איך זיך דאָך דאָ אַרום שוין אַ יאָר צוואַנציג צווישן די קוילנגרעבערס. אָ, נישט איינמאָל שוין געהערט דעם זעלבן שפּרוך. געזען מענטשן, וואָס קומען פון כינע, אַנדערע פון טערקיי, גאָר אַנדערע פון אונזערע אייגענע מקומות, און אַלע האָבן זיי געזונגען דאָס זעלבע לידל: אָנזאַמלען געלט אויף אַן אייגן פעלד, אויף אַן אייגענעם גאָרטן, אויף פור און פערד אייגענע.

איינער האָט געוואָלט אַהיימפאָרן קיין כינע, דער צווייטער קיין טערקיי, דער דריטער אין אונזערע אייגענע מקומות — און אָט ליגן זיי אַלע הינטער די מינעס באַגראָבן, שוואַרצע צלמלעך שטייען זיי צוקאָפּנס און זיי חלומען פון זייערע היי־מען טיף אין דר׳ערד. וואָס ס׳ליגט, ברודער, ביי אַמעריקע אין מויל, וועסטו שוין נישט אַרויסנעמען. נישטאָ וואָס צו מאַכן.

טאָני

מיט טרויער

מיינסט, שוין קיינמאָל נישט זען מיין פעטערס גאָרטן? פייגן וואַקסן אין אים.

זאָסלושא

דער, וואָס גייט אונטער דער ערד, דער בלייבט שוין דאָרטן.

פאָטער סעווערין

ליגט נישט קיין מענטשן שטיינער אויפן האַרצן. די לענדער זענען פאַרשידן, ווייט איינס פון אַנדערן, אָבער דער הימל איז איין איינציגער, און דאָרט אויבן זיצט איין גאָט. און וואָס פאַר אַ חילוק, אויף וואָס פאַר אַ ערד דו געפינסט זיך — אַז דער הימל איז דער אייגענער. עס שלייכט זיך אריין אַ קליינער גוי, צלמט זיך און זאָגט עפּעס אויף פויליש, באַהאַלט זיך פאַר דער וואַנט

פעדלער

אַ נו, מיין לאַנדסמאַן סלושאַ, ווי לאַנג ביסטו שוין אין אַמע־ריקע?

סלושאַ

איך קען נישט וויסן, גנעדיגער הער.

פעדלער

אַ יאָר צען?

סלושאַ

קען זיין אַ יאָר צען.

פעדלער

אַ יאָר צוואַנציג?

ס ל ו ש אַ

קען זיין אַ יאָר צוואַנציג.

פּ ע ד ל ע ר

ווּעסט אַהיימפאָרן, דאָ פּאָלסקי?

ס ל ו ש אַ

שמייכלט

פּ ע ד ל ע ר

וואָס שמייכלסטו? מענטשן פרעגן.

ס ל ו ש אַ

עס וואָלט זיך געוואָלט.

פּ ע ד ל ע ר

נאָר וואָס דען?

ס ל ו ש אַ

זאָגט, מען קען נישט, געלט שולדיג, באַדאַרף די מולן היטן.

פּ ע ד ל ע ר

אַזוי רעדט ער שוין אַ יאָר צוואַנציג, צייט איך קען אים, און ליגן וועט ער ליגן אונטער אַ שוואַרץ בערגל. נעם, טאָני, דעם רינג *ער גיט אים דעם רינג* די „אָלד-קאָנטרי״ שלאָג זיך פון קאָפּ אַרויס. ווּעסט שוין דאָ ליגן אונטער דעם זעלבן שוואַרצן צלמל.

ט אָ נ י

נעמט דעם רינג, זאָגט מיט בענקשאַפט

אַ שאָד מיין פעטערס גאָרטן. פייגנבוימער וואַקסן אין אים.

פּ ע ד ל ע ר

אַלע ווילט איר פאָרן. נאָר איך האָב נישט, וואו אַהין צו פאָרן — איז מיר אַלץ איינס, וואו איך בין. האַ, האַ, *ער ווייזט אויף זיין פּאַק* איר זעט מיין פאַק, דאָ האָב איך לענדער אַ סך, — אַלע לענדער דערינען איינגעפּאַקט, אין וועלכן לאַנד איך וויל פאָרן — באַדאַרף איך נאָר אַרויסנעמען פון מיין פאַק. *אַ גערודער הינטער דער טיר, אַ הויך רעדן אין אַ פרעמדער שפראַך* אַ-האַ, די טערקן קומען!

מאַכמעד כאַדזשי

קומט אַריין אַ הויכער טערק מיט אַ פלייִשיגער נאָז, רעדט הויך, מאַכנדיק מיט די הענט, קריגנדיק זיך מיט אַ נידעריקן גריך, וואָס גייט נעבן אים

פעדלער חזקאל

וואָס איז, סולטאַן מאַכמעט, פירסט שוין ווידער מלחמה מיטן גריך?

מאַכמעד כאַדזשי

רעדט הויך און פלינק

ער זאָגט ווייזנדיק אויפן גריך קאָרפו איז גריכיש, און איך זאָג: קאָרפו איז טערקיש. געווען, און שטענדיק געווען. ער זאָגט: נעמען קאָרפו. איך זאָג: נישט געבן. ער זאָגט: מאַכן פיף-פאַף. איך זאָג: מאַכן פיף-פאַף. ער זאָגט: גריך איז שטאַרקער. איך זאָג: טערק איז שטאַרקער. ער זאָגט: ענגלאַנד וועט זיך אָננעמען. איך זאָג: ענגלאַנד — דאָרט, דייטש — דאָ, כע-כע-כע!

פעדלער חזקאל

וואָס פאַראַ נאַרישע מענטשן דאָס זענען. וואָס אַרט עס אייך, וואָס קאָרפו איז? צום טערק און אַז קאָרפו איז טערקיש, קומט דיר עפּעס אַרויס דערפון? צום גריך און אַז קאָרפו איז גריכיש, דאַרפסטו מאָרגן נישט גיין ווייזט אין דר'ערד אין קעלער אַריין צו די קוילן? וואָס פאַראַ נאַרישע מענטשן דאָס זענען? גייען זיך שלאָגן! איבער וואָס? כ'האָב געמיינט איבער עפּעס. געהערט, איבער קאָרפו. זאָל זיין גריכיש, זאָל זיין טערקיש, נאַראָנים, וואָס איז אייך דער חילוק? וואָס וועט אייך דערפון אַרויס-קומען?

פאָטער סעוועריין

דער ייִד האָט רעכט.

גריך

אַז עס וועט קומען דערצו, וועל איך אַהיים פאָרן — פייטן.

מאַכמעד כאַדזשי

קלאַפּט זיך אין האַרצן

איך אויך, איך אויך.

פעדלער

און דער „באָס" וואָס וועט זאָגן? דער „באָס" וועט זאָגן: דו,

כאַדזשי, גיי אַראָפּ אין שאַכט אַריין, קוילן גראָבן, און דו, וועגנעסעליס, גיי אַראָפּ אין קעלער אַריין צו די מולן. אָט וואָס ער וועט זאָגן. און ער וועט רעכט האָבן אויך. דאָס, וואָס איז געווען אין דער „אָלד קאָנטרי”, איז אַלעס אין ים אַריינגעוואָרפן געוואָרן. געדענקט איר, איר זענט געפאָרן איבער אַ גרויסן, גרויסן ים? דאָ איז נישטאָ נישט קיין טערק, נישט קיין גריך. יאָ קאָרפו, נישט קאָרפו. — דאָ זענען אַלע ברידער. גיט אייך די הענט און בעט אייך איבער. נישטאָ איבער וואָס זיך צו קריגן. וואָס זאָגסטו, פאָטער סעווערין, האָב איך נישט רעכט?

פאָטער סעווערין

איך מיין אויך אַזוי. די זאַכן זענען גוט פאַר אַ העכערן קלאַס מענטשן. זיי ווייסן, וואָס דאָס מיינט. מיר, געמיינער קלאַס מענטשן, מיר ווייסן נישט, וואָס דאָס איז. ניין, ברודער, נישטאָ איבער וואָס זיך צו קריגן.

פעדלער חזקאל

איר הערט, וואָס אַן עלטערער מענטש רעדט צו אייך, בעט אייך איבער, נאַראָנים, גיט אייך די הענט, נישטאָ איבער וואָס זיך צו קריגן. געהערט, צי קאָרפו זאָל זיין טערקיש אָדער גריכיש! קוקט אָן מיך. איך בין דאָך אויך אַ מענטש, און פאַרוואָס איז מיר נישט קיין חילוק? גיט אייך די הענט, נישטאָ איבער וואָס זיך צו קריגן.

פון דרויסן הערט זיך אַ רוסיש ליד פייפן. מאַרישאַ, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען ביים אויוון, שפּרינגט אויף, וויל אַרויסגיין. די מוטער קוקט זי אָן און האַלט זי צוריק מיט איר בליק. זייצעוו קומט אַריין. ער איז אַ שיינער, הויכער גוי, ער האַלט אין האַנט אַ גרויסן רויזן-בוש. אַלע שפּרינגען אויף פאַר איבעראַשונג, דערזעענדיג אים

זייצעוו

אַ שיינעם גוטן אָוונט.

זאַסלושא

אַזוי ווי עס וואָלט ווער נאָך אים געשיקט.

זייצעוו

נישט געבעטן, אַליין געקומען, אַ שמחה ביי אייך היינט.

פּאָטער סעוועריין

טרייב נישט, אַלטע, קיין מענטשן פון שטוב.

זייצעוו

און נישט מיט ליידיגע הענט, האָסט דאָך ליב, מאַרישא, רויטע ווילדע רויזן, די, וועלכע וואַקסן ביי אונז אין דערהיים זומער אויף די פעלדער.

מאַרישא

וויל זיך אויפכאַפּן, צולויפן צום בוש רויזן

זאַסלושא

דו זיץ. האָסט נישט וואָס צו גיין.

פּאָטער סעוועריין

וואָס מורמלסטו, אַלטע?

זאַסלושא

נישט דיין עסק.

דער פּאָליאַק

שמייכלט זיך אונטער צו זייצעוון, גלעט דעם בוש

גאָט מיינער, ווי אין דערהיים זומערצייט — ווי אַ גרויסער יום־טוב. אָ, ווי לאַנג דאָס נישט געזען.

טאָני

כאַפּט אַרויס דעם בוש פון פּאָליאַקס האַנט

איטאַליע, נעאַפּאָליס — אַ גאַנץ יאָר וואַקסט עס אין איטאַליע.

קושט דעם בוש איטאַליע, נעאַפּאָליס.

דער טערק

קלאַפּט זיך אין האַרץ

איך אויך. דאָרט טערקיי, סמירנאָ, פול, פול, אַלע, אַלע פעלדער, שיינע, גרויסע.

דער גריך

און גריכנלאַנד, גריכנלאַנד — אַ רויז פרייט זיך אויף דעם איינפאַל גריכנלאַנד ווייזט אויפן בוש

דער טערק

גיין, נישט גריכנלאַנד — טערקיי, סמירנאָ, שמעקט, שמעקט.

גריכנלאַנד פוי פארהאלט זיך די נאָז

גריך

גריכנלאַנד שמעקט, גריכנלאַנד אַ רויז, טערקיי פוי — פארהאלט זיי־
זיך די נאָז

פעדלער חזקאל

עס הויבט זיך שוין ווידער אָן: עס שמעקט ביידע. צעררייסט זיי.

א שטילער יאפאנעזער, וועלכער איז געזעסן די גאנצע צייט אין א ווינקל,
גייט צו מיט לייכטע טריט, גלעט דעם רויזן־בוש און שמייכלט צו זיך

יאַ—פּאַן, כי־כי־כי.

זייצעוו

איטאַליע, טערקיי, גריכנלאַנד, גיב נאָר אַ קוק, ווי זיי האָבן
זיך צוגעכאַפּט. אָן דערהיים זיך דערמאָנט, נאָך ערד זיך
פארבענקט. וואָס זיצט איר דאָ אין דער שוואַרצער קויל!
נישט ווייט זענען גרויסע פעלדער דאָ!

טאָני

פעלדער, זאָגסטו?

זאַסלושא

וואָס ער דערציילט דאָרט. צו מארישאַן נעם צו דעם רויזן־
בוש. זעט, ווי דאָס האָט זיך צום גרעזל צוגעכאַפּט. נעם עס
צו, מאַרישאַ, זיי וועלן עס דיר אויפעסן אַ לעבעדיגס. מארישא,
וועלכע איז שוין פון לאנג צוגעלאָפן און געוואָלט צוכאפן דעם רויזן־בוש, ווערט
פלוצלונג צוריקגעהאלטן פון פאטערס באפעל

פאָטער סעווערין

לאָז עס שטיין, טאָכטער, צו זייצעוון וואו האָסטו דאָס גענומען?
איז דאָך מיין ווערושקאַ אַ גאַנצן טאָג אין דער וויסטע, לויפט
אַרום נאָך אַ האַנט ערד. און איז נאָך נישט צוריקגעקומען.
דאָס לאַנד איז דאָך וויסט אַרום.

זייצעוו

אין דער וויסטע? מיר אַליין וואוינען נאָר אין גאָטס פאַרשאָלטן

לאַנד. דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער מינע וואוינט אפילו אין דער וויסטע צווישן רויזן.

פּאַטער סעוועריַן

געקריגן אַ געשאַנק?

זייצעוו

אַך, אַך, דאָס איז שוין אַביסל צופֿיל פֿאַרלאַנגט. דעם פֿאַרוואַלטערס גאָרטן פֿאַרבײַגעגאַנגען, געזען דער רויטער רויזןבוש קוקט אַרויס פֿון איבער אַ פּלויט, דערמאָנט זיך וועררושקאַס געבורטסטאָג הײַנט, איר לעצטער פֿרײַער טאָג. צו וואָס האָט מיר גאָט געגעבן אַ פּאָר לאַנגע הענט און הויכע פֿיס?...

פּאַטער סעוועריַן

האָסט עס, הייסט עס, צוגעגנבעט?

זייצעוו

ווער זאָגט צוגעגנבעט? איך האָב עס פֿאַרזייט, איך האָב עס געפֿלאַנצט, איך האָב עס געפּלעגט, און איך האָב איבער דעם געוואַרט — וועמעס איז עס, נישט מײַנס?

פּאַטער סעוועריַן

נעם עס צו פֿון מײַן שטוב, עס איז גנבה.

זאַסלושא

וואָס וועט ווערושא זאָגן?

מאַרישא

דעם שיינעם רויטן רויזן-בוש? וויל אים באַשיצן

זייצעוו

ער האָט דאָרט פֿיל. איך האָב אַזוי פֿאַרשיט דאָס אָרט, אַז קיין מענטש קען נישט דערקענען.

פּאַטער סעוועריַן

קיין מענטש וועט נישט דערקענען, אָבער גאָט וועט שוין דערקענען. ער ציילט יעדעס בלעטל פֿון בוים און ווייסט אַ חשבון פֿון אַלצדינג. שטעלט אַרויס דעם בלומען-טאָפּ פֿון שטוב אַרויס

זאַסלושא

אַן אָרים באַשעפֿעניש אַליין אין פֿעלד מעג מען באַרויבן פֿו

בּיסעלע חיונה? דעם אָרימאַן מעג מען באַרויבן, נאָר נישט דעם נגיד?

פּאָטער סעוועריין

דאָס געוויקס אין פעלדער איז הפקר. גאָט האָט געפלאַנצט און געזייט, און עס געהערט צו קיינעם נישט, נאָר צו גאָט אַליין. דאָס אָבער געהערט צו אַ מענטשן.

זייצעוו

איך האָב עס געפלאַנצט און געהיט עס פון זונען-היץ. דריי יאָר בין איך ביים פאַרוואַלטער גערטנער געווען. איך האָב עס אויסגעהאָדעוועט. ער ווייסט גאָר נישט, אַז עס געפינט זיך אַזאַ בוש אין זיין גאָרטן.

פּאָטער סעוועריין

ער האָט דיר אָבער דערפאַר געלט באַצאָלט.

זייצעוו

און אַז ער האָט געלט באַצאָלט, איז וואָס? ווייסט ער דערפון? דריי יאָר האָב איך עס געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ, די ערד אויפגעקאָפּעט, טרינקען עס געגעבן צו דער צייט, יעדעס בלעטל געציילט. דריי יאָר נאָכאַנאַנד, צייט איך בין אין די מינען דאָ... איך האָב עס אין דער ווילסטע פאַרפלאַנצט, ביז איך האָב עס דערלעבט צו זען אויפוואַקסן, איצט זאָגסטו, עס איז זיינס, פאַרוואָס איז עס זיינס?

פּאָטער סעוועריין

דאָס ווייסן מיר נישט, נאָר די וועלט פירט זיך שוין אַזוי: איינער אַרבעט, דער צווייטער באַצאָלט. פאַרוואָס עס איז אַזוי, דאָס ווייסן מיר נישט. דאָס ווייסן נאָר די גרויסע לייט. מיר, געמיינעס פאָלק, ווייסן נישט, מיר דאַרפן טאָן, וואָס מען הייסט אונז.

פעדלער חזקאל

איבער וואָס איז זיך דאָ צו קריגן, איבער אַ צווייגל אַ פאַרדאַרט? היינט לעבט עס, מאָרגן איז עס טויט. איך וועל אייך פאַרקויפן בלומען, וואָס ווערן קיינמאָל נישט פאַרטריקנט, שטענ-

דיג זענען זיי פריש, לעבעדיג, און נישט נאָר בלומען, בלומען מיט פייגל, מיט זינגנדיגע קאַנאַריקעס. די בלומען בליען שטענדיג און די פייגל זינגען שטענדיג *ער פּאַקט אויף זיין פּאַק און נעמט אַרויס באַבלומטע פּוּיערשע קאָפּ-טיכלעך* אָט האָסטו זיי, נישט איין צווייגל, נאָר אַ גאַנצן בוים, אַ גאַנצן גאָרטן. גיט נאָר אַ קוק. *צום איטאַליענער* איטאַליע *צום טערק* טערקיי, סמירנאָ, עס שמעקט. *צום גריך* גריכנלאַנד. נאַ. קוקט אייך איין.

טאָני

קוקט זיך איין

אַז מען קוקט זיך אַזוי גוט איין אין אַזאַ טיכל, דאַכט זיך טאַקע, ווי עס וואָלט געוואַקסן לעבעדיגע בלומען.

פּאָליאַק

שמייכלט

ווי אין דערהיים, פרילינג, ווען די פייגל הייבן אָן צוריק צו קומען.

טערק

סמירנאָ.

פּעדלער

קויפט לעבעדיגע בלומען.

ייצעוו

נעמט אַ טיכל

דאָס קען איך קויפן פאַר געלט. *שענקט עס מארישאַן*

פּעדלער

נו, האָט זיך געלוינט צו קריגן? *די אַרבעטער קויפן טיכלעך קוקן זיך אום* און וואו איז דאָס מיידל?

פּאָטער סעוועריין

נו, אַלטעטשקע, האָסט דאָך עפּעס אַ קוכן אָפּגעבאַקן פאַר דעם יום-טוב. פאַרוואָס דערלאַנגסטו אים נישט אויפן טיש?

זאָסלושאַ

אַז ווערושקאַ איז נאָך נישט צוריקגעקומען *קוקט אַרויס אומגעדולדיג*

פּאָטער סעוועריין

זי וועט באַלד אַריינקומען — דאַכט זיך, איך הער זי שוין.

ז י י צ ע ו

צו מאַרישאַן

פאַר דיין לעצטן טאָג. — גיב, אַלטע, צו טרינקען.

מ אַ ר י ש א

פאַרוואָס דעם לעצטן?

ז י י צ ע ו

פאַר דעם לעצטן, פאַר דעם פרייען.

ז אַ ס ל ו ש א

הויבט אָן צו וויינען

פ אָ ט ע ר ס ע ו ו ע ר י ן

פאַרוואָס וויינסטו?

ז אַ ס ל ו ש א

פרייען זיך איז נישטאָ וואָס. אויפגעצויגן אַ טאָכטער פאַר אַנ-דערע. ביז היינט איז זי דאָך געווען מיין. איך האָב איר יעדן טאָג די האָר געקעמט. און פון מאָרגן אָן געהער זי שוין אַנדערע. אויפגעצויגן פאַר אַנדערע.

פ אָ ט ע ר ס ע ו ו ע ר י ן

אויפגעצויגן, מענטשן נוצן צו ברענגען.

ו ו ע ר ו ש ק א

האלט אין שערצל אַ ביסל שווארצע ערד, רופט שוין פון דרויסן

פאַפעשקאַ, פאַפעשקאַ, פאַפעשקאַ!

ס ע ו ו ע ר י ן

אויך אלע אַנדערע אונגעדולדיג

ווערושקא, וואָס איז געשען?

ו ו ע ר ו ש ק א

באַ, זע, וואָס איך האָב *עפנט אויף דאָס שערצל*

ס ע ו ו ע ר י ן

מיט פרייד און איבערראַשונג

שוואַרצע ערד! פון וואַנען האָסטו עס גענומען?

ו ו ע ר ו ש ק א

געפונען דאָרט אין דרויסן, הינטער דער מינע. — אַ ווילדער

פאַפּירוס געלעגן איינזאַם — אַזוי אַליין. פּויערים קומען צו באַקוקן די ערד.

סלושאַ

בעמט אַ האַנט ערד פון שערצל אַרויס — און שמעקט

אָ, יעזוס טייערער, — ווי לאַנג שוין דאָס נישט געזען? עס שמעקט ווי די „אויטשיזנאַ" — ווי פּאָלסקאַ... ער ווישט זיך די אויגן אַז מען דערזעט עס — גיט עס אַזאַ קלעם ביים האַרץ — יעזוס, מאַריאַ!

אַנדערע

שטופּן אים אָפּ, רייסן זיך צו דער פּויסט ערד

יאַפּאַנעזער

כי, כי — רייז וואָלט געקאָנט וואַקסן דערויף, רייז וואָלט געקאָנט וואַקסן דערויף.

סעווערין

פריייענדיג זיך

און שוואַרצינקע אויך — פרישינקע, כ'לעבן, פרישינקע — ווי ביי אונז אין דערהיים, וואָס מיינסטו, שכן, צו סלושאַן אַז מען האָט אַזעלכעס אַ דעסיאַטין צוואַנציג, הע? וויפיל קערצלעך ווייץ וואָלט מען געקאָנט פאַרזייען דערויף — הע?

טאָני

ביי אונז, אין איטאַליע, ווען מיר האָבן אַזאַ גאָרטן אַ גרויסן — מיט פייגן, מיט ווייַן. אַמפּערן זיך, רייסן אַלע דאָס ביסעלע ערד

זאַסלושאַ

גיב נאָר אַ קוק, זיי ווילן דאָך באַלד דאָס ביסל ערד אויס-שיטן — ווערושקאַ, באַהאַלט עס, באַהאַלט עס פאַרן אָרימען באַשעפעניש. ווערושקאַ כאַפּט דאָס ביסל ערד אין שערץ אַריין

גריך

בעטנדיג זיך ביי איר

לאָז מיך אַ שמעק געבן, ווערושקאַ, איין איינציגן שמעק — עס טוט אַזוי גוט.

ווערושקאַ

עס וועט אויסגעוועבט ווערן.

ס ע ו ו ע ר י ן

פון וואַנען האָסטו עס גענומען?

ו ו ע ר ו ש ק א

איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אין דרויסן, אונטער דעם פּאַר־וואַלטערס גאָרטן. — האָט זיך אַן איינזאַמער פּאַפּירוס פאַר־וואַלגערט. קראַנק איז עס און שוואַך, קוים וואָס עס האַלט זיך אין באָדן.

ז יי צ ע ו ו

אַודאי פון גאָרטן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן.

ו ו ע ר ו ש ק א

אַז איך האָב אים געוואָלט דאָס ביסעלע ערד צונעמען — האָט ער זיך ווי געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל אים נישט באַרויבן. מיט געלעכטער ווייסטו, פּאָטערל, איך האָב אים איבערגעבעטן, דעם פּאַפּירוס. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז פאַר אונ־זער קראַנקער מירטע — און איך האָב מיר אַ ביסעלע גענומען.

ז אָ ס ל ו ש א

באַרויבט דאָס אָרימע באַשעפעניש.

ו ו ע ר ו ש ק א

נישט באַרויבט, ער אַליין מיר געגעבן. האָסט באַדאַרפט זען, ווי עס האָט זיך איינגעבויגן אָן אַ זייט, און איך האָב געפּו־נען אַ שוואַרץ בערגעלע ליגט דערנעבן, ווי עס וואָלט זיך געוועזן אָנגעגרייט אויף אַ שלעכטע צייט, מיט שטויב און בלע־טער באַלייגט — האָב איך דאָס בערגעלע ערד צוגענומען.

ס ע ו ו ע ר י ן

האָט עס גאָט פאַר מיין מירטע צוגעשיקט. באַשערט, אַז עס זאָל נישט שטאַרבן. אַז גאָט וויל, אַז זיינס אַ באַשעפעניש זאָל לעבן — געפינט ער שוין אַ פּאָרטל דערצו. — האַ, שכנים, געריכט זיך אַזעלכעס אין מיטן דער וויסטע? אַ פּאַפּירוס גאָר מיט אַ בערגעלע שוואַרצע ערד.

ו ו ע ר ו ש ק א

אָבער פּאַפּעשקאַ, פון דער ווייטנס האָב איך דערזען נאָך מער

שוואַרצע ערד — אַ גרויס לאַנד האָב איך דערזען פון דער־
ווייטנס — אַ סך גרינע פעלדער. אוי, אַ סך, און וואַסער אויך.

די פויערים און שכנים דערשראָקן און ערשטוינט

— וואו האָסטו געזען, דערצייל, ווערושקא, דערצייל!

ווערושקא

דאָרט ווייט אין דרויסן, אין מדבר — פון הימל איז עס אַראָפּ־
געשוואומען. — צוערשט איז עס נאָך געווען אַ מינוט אין דער
לופטן — אַזוי ווי אין שפּיגל דערזען, נאָר באַלד איז עס שוין
געלעגן אויף דער ערד — אַ מייל צוויי צי דריי פון מיר, און
אפשר ווייניגער, האָב איך געזען, ווי עס ליגט אויסגעשפּרייט
מיט לאַנקעס גרינע, מיט וואַסער אין מיטן.

די פויערים ווערן דערשראָקן. טייל צלמען זיך—טייל שטייען דערשלאָגן פאַר פאַרוואונדערונג

אַלע

ריינגלען אַרום

וואו? וואו? זאָג!

ווערושקא

אין דרויסן, אונטער די מינען.

אַנדערע

האָסט עס אַליין געזען?

ווערושקא

מיט מיינע אייגענע אויגן!

טאָני

און דאָ זענען מיר געזעסן איינגעמויערט און נישט געוואוסט,
אַז הינטער די מינען —

זייצעוו

ווער גייט מיט מיר?

סעווערין

און איך זאָג, גייט נישט, פויערים. מען קען נישט וויסן, וואָס
דאָס איז אַזעלכעס.

זייצעוו

פויערים, ווער גייט מיט מיר זוכן דאָס לאַנד?

טאַני

וואָס זוכן? דעם הונטס עק, וואָס איז געלאָפן פאַרביי — וואָס אַ באַבע דערציילט.

סלושאַ

איז געגאַנגען דער „הויכער סטאַך” און דער „בלינדער יאַן” זוכן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד — און זענען קיינמאָל נישט געקו- מען צוריק.

סעווערין

וואָס דען? מיט יענע לייט איז נישט גוט צו האָבן צו טאָן,

זייצעוו

קום מיט מיר — ווייז, וואו דו האָסט געזען, ווערושקא.

חזקאל

לאַכט

לייט, איר הערט: יענס דאָרט — איז אסור ווערט די רייד. — אַ מיראַזש, וואָס לויפט פאַרביי ער ווייזט זיינע טיכער דאָ האָט איר אמתע פעלדער. זעט, ווי זיי בליען שיין. פויערים-לייט — ווער קויפט?

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

ערשט בילד

אין דער קוילן־שאַכט. אַ פינסטער פיר־צקיג קוילנ־
שטיבל. אַ לאַנגער פינסטערער קאָרידאָר פירט צום
קוילנשטיבל. דער קוילן־באַלקן איז אונטערגעשפּאַרט
מיט דיקע בעלקעס. די ווענט זענען שוואַרצע קוילן־
ווענט, אויסגעהאַקט ווי אַ ראַך־שטיין. פאָטער סע־
ווערין און אַנטאָן זיצן ביי דער קוילן־וואַנט און
עגבערן אין איר מיט געפּרעסטע לופט־עגבערס.

אַנטאָן

בלייבט פלוצלונג שטיין

וואָס פאַראַ טייוול ליגט דאָס היינט אין די קוילן. שוין צוויי עגבערס צעבראָכן! עס גייט נישט ווייטער.

פּאָטער סעווערין

אַודאי אָנגעטראָפן אויף אַ פעלז, מיינער גייט אויך נישט.

אַנטאָן

ניין, איך האָב מורא, אַז עס איז נישט קיין פעלז. אַ שטיין וואָלט עס געדאַרפט דורכגעבערן, און דאָס איז עפּעס אַזוי מאָדנע, שוואַרצע יאָר ווייסן, וואָס דאָס איז.

פּאָטער סעווערין

וואָס דען אַנדערש קען עס זיין?

אַנטאָן

ווער קען עס וויסן? די קויל איז אַזאַ מאָדנע באַשעפעניש, מען ווייסט נישט אייגנטלעך, פון וואַנען זי קומט, צי פון גאָט, צי פון טייוול.

פּאָטער סעווערין

אַלץ קומט פון גאָט.

אַנטאָן

אָבער דאָס זעט אויס, ווי דעם טייוולס אַ כשוף. שטיין דאַכט זיך, ווי יעדער אַנדערער שטיין, און איז שוואַרץ און פינקל־ דיג און האָט אַזאַ פייער אין זיך. מען זעט דאָך, אַז עס קומט פון טייוול; פון וואַנען דען זאָל עס קומען?

פּאָטער סעווערין

דאָס קומט פון גאָט, דאָס האָט גאָט באַשאַפן, אַז עס זאָל מענטשן וואַרעם האַלטן, פאַר מענטשלעכע נויטן.

אַנטאָן

אַמאָל, אַז איך זיץ אַזוי און עגבער אין דער קויל, דאַכט זיך מיר, אַז איך זע פאַרשידענע שטעדט פינקלען אין דער וואַנט. אָט קוק זיך גוט איין, דאַכט זיך דיר, אַז דו זעסט אַ שטאָדט אויסגעהאַקט אין דער קויל, און דאָרט קוק, זעסט נישט, ווי אַ שלאָס וואָלט זיך אויפגעהויבן אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג?

פּאָטער סעווערין

דאָס איז אמת, אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך זע צערקוועס אין די קוילן: הויכע, שיינע, שטאַרק-געבויטע געבעט-הייזער, מיט צלמים, פיל מענטשן גייען אַריין און אַרויס. — אַ יאָר-מאַרק, דאַכט זיך אַמאָל, — אַזויפיל, ווי מען וואָלט אין דער-היים געווען.

אַנטאָן

עס איז קיין וואונדער נישט, מיר ווייסן נישט, אייגנטלעך, וואו מיר געפינען זיך. אַמאָל, אַז איך שטיי אַזוי אין דער פינסטער און זע די שוואַרצע קוילן אַרום מיר, דאַכט זיך מיר, אַז איך בין ביים טייוול אין די הענט געפאַנגען. און וועל שוין קיינמאָל נישט קענען צו די מענטשן צוריקקומען.

פּאָטער סעווערין

אַמאָל קומען מיר אויך אַזעלכע געדאַנקען אויפן זינען. דער-מאָן איך זיך נאָר אָן גאָט, ווייס איך שוין, וואו איך בין, אַז איך שטיי נאָר ביי די שוואַרצע קוילן, מיין טאָג-אַרבעט צו טאָן. אַ גוטע זאַך גאָט, אַ גוטע זאַך! עס ראַטעוועט דיך פון אַלע צרות אַרויס. אפשר דאָס רייכע פאָלק — די נאַטשאַלסטוואָ, און נאָך אַנדערע אַזעלכע, דאַרפן נישט גאָט, איינער פון אונ-זערע אָבער וואָלט אָן גאָט גאָרנישט געקענט אויסקומען. פון דער-ווייטנס הערט זיך הו-הא-הו, מען טרייבט בהמות

אַנטאָן

אָט קומט סלושאַ מיט די מולן, וועלן מיר אַלצדינג אויסגע-פינען.

סלושא

באַווייזט זיך

נו, ברודער, פּאַרטיג קוילן אָנצולאָדן?

אַנטאָן

אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געקענט טאָן. די עגבערס ווילן נישט אין די קוילן אַריין. דריי עגבערס שוין צעבראָכן.

סלושאַ

נישט קיין גוטער סימן. מיט נאָכדענקען

אַנטאָן

וואָס מיינסטו מיט דעם?

סלושאַ

זאָגן די אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אין די ווייטערדיגע שאַכטעס, אַז זיי האָבן פון פרימאָרגן אָן געהערט גאָזן קומען. זיי האָבן שוין צוויימאָל געשיקט אַרויף אין דער קאַנצעלאַריע אָנזאָגן. דער אינזשעניער איז געקומען און געזאָגט, אַז עס דאַכט זיך זיי נאָר אויס, און געהייסן ווייטער אַרבעטן. איך האָב מורא, אַז די שוואַצע קעניגין זאָל זיך היינט נישט צושפּילן.

אַנטאָן

שוואַרצע קעניגין זאָגסטו, וועמען מיינסטו דאָס דערמיט?

סלושאַ

האָסט קיינמאָל נישט געהערט פון די שוואַרצע קעניגינס, וואָס וואוינען אין די אויסגעליידיגטע שאַכטעס?

אַנטאָן

יאָ, אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך קוק אין די קוילן, זע איך שוואַרצע פרויען, באַצירט אינגאַנצן אין די דימענטן און יוואוועלן, בלישטשען אַזוי, אַז עס פאַרבלענדט די אויגן.

סלושא

אָט דאָס טאַקע זענען זיי, די קעניגינס פון די קוילן; זיי זענען בייז, וואָס מען שטערט זיי פון זייער רו און מען באַרויבט זיי פון זייער קעניגרייך.

פּאָטער סעווערין

איר דערמאָנט בעסער זייער נאָמען נישט.

אַנטאָן

וואָס, זיי קענען מזיקן?

סלושא

און ווי נאָך! זיי קענען דיך אַזוי פאַרפירן אין די קוילן-קאָרידאָרן, אַז דו זאָלסט מער קיינמאָל נישט זיך אַרויסקריגן, אַזוי ווי זיי האָבן צו יאַנס שאַכט געטאָן.

אַנטאָן

וועמען, דעם בלינדן יאַן, וואָס וויל קיינמאָל נישט אַרויסגייין פון שאַכט אַרויס?

סלושא

אָט דעם. זאָגט אין דערשטיל פון יענער צייט אָן, זינט ער איז אַזוי איינער נאָכגעגאַנגען, קען ער מער די שיין נישט זען. מען זאָגט, אַז ער האָט זיי, די שוואַרצע קעניגינס, געשוואוירן, אַז ער וועט קיינמאָל מער די זון נישט אָנקוקן.

אַנטאָן

ווער זענען זיי דאָס אַזעלכע, טאַוולאָנים, צו וואָס?

סלושא

ווער קען עס וויסן. אַלטע לייט זאָגן, אַז זיי זענען דער זונס טעכטער, וואָס זענען פון גאָט פאַרשאָלטן געוואָרן און אין קוילן פאַרוואַנדלט געוואָרן.

אַנטאָן

דער זונס טעכטער, זאָגסטו? וואָס הייסט דער זונס טעכטע?

סלושא

און, וואָס מיינסטו, אַז אַ קויל איז אַ פּראָסטער שטיין? ניין, ברודער, דאָס איז אַמאָל אַליין אַ זון געווען, די ערשטע זון. און ווען מענטשן האָבן זי דערזען, איז זי אַזוי שיין געווען, אַז מענטשן האָבן זי פאַר גאָט גענומען, און צו איר געבעטן. אַז זי האָט געזען, אַז דער מענטש בעט צו איר, האָט זי זיך איבערגענומען און געגן גאָט ווידערגעשפעניגט—מענטשן פאַרפירט, זיי צו זינד אָנגערעדט. אַזוי האָט זי גאָט גענומען אין אַ גרויסער גרוב און די ערד אויסגעגראָבן און אין דער ערד איינגעקנאָטן. „דו, וואָס דו האָסט זיך אַזוי גרויס געהאַלטן אין די הימלען — אונטער דער ערד זייי". איצט

ציען מענטשן פון איר אַ נוצן, ברעכן זי אין שטיקער און הייצן דערמיט די אויוונס איין, אַז זי זאָל זיי וואַרעם האַלטן.

אַ נ ט אָ ן

און ווער זענען די שוואַרצע קעניגינס?

ס ל ו ש א

דאָס זענען דער זונס טעכטער, וואָס זענען מיט איר צוזאַמען אין שטיין פאַרוואַנדלט געוואָרן. זיי וואוינען אין האַרצן פון דער קויל, האָבן דאָרט זייערע פאַרבאָרגענע נעצן. אַזוי לאַנג ווי דו ברעכסט שטיקער קוילן-שטיין, איז גאָרנישט. אַזוי ווי די שטראַלן פון דער זון וואָלסטו געבראָכן. נאָר טיילמאָל דער־גרייכסטו צו זייערע פאַלאַצן, צו זייערע נעצן, וואָס זיי האָבן אין דער קויל, — אָ, ווערט די קויל אַזוי האַרט, ווי שטיין. זיי לאָזן דעם עגבער נישט אַריין, — ווי דיינער דאָ, אַז זי לאָזט, ברודער, נישט עגבערן, טרעט ליבער אָפּ, גראָב אַן אַנדער שאַכט, אַז נישט, וועט נישט גוט זיין.

אַ נ ט אָ ן

דו האָסט רעכט, דו ווייסט נישט, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן. עפּעס האָט זי היינט אַזאַ פלאַם-פייער אין זיך — עפּעס בליצן אַזוי די קוילן-ווענט, — ווי אַ פייער וואָלט געברענט אין זיי. — איך בין דאָך שוין נישט אין דער קוילן-שאַכט פון נעכטן, איך בין צו דער קויל געוואוינט, נאָר אַזוי געזען האָב איך זי נאָך נישט. — ווי טייוולאָנים וואָלטן געטאַנצט אין איר — אַזוי טייוולאָניש בייז איז זי.

ס ל ו ש א

צו סעווערין מיט געלעכטער

דו ווייסט נישט, וואו דו קענסט מיט דיין עגבער דערגיין...

ס ע ו ו ע ר י ן

עגבערט ווייטער

איך ווייס נישט, ווער די קויל איז? נאָר וואָס זי זאָל נישט זיין, — איז עס גאָטס אַ באַשעפעניש, און צו שרעקן זיך איז נישטאָ וואָס. אַז מען האָט דיך אָוועקגעזעצט גראָבן, גראָב,

ברודער. זיי דאָרט זענען קליגער פאַר אונז, זיי וועלן נישט אַוועקזעצן מענטשן דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ געפאַר.

סלושא

ביז דו וועסט צו זייער נעץ דערגרייכן — דאַן וועסטו זען, וואָס וועט זיין.

סעווערין

וואָס וועט זיין?

סלושא

זיי וועלן דיר גאַנצן אַרויסשיקן און דיר פאַרדרייען אַזוי דעם קאָפּ, אַז דו וועסט נישט וויסן, אויף וואָסער וועלט דו ביסט. מיך לאָזט נישט זיין דערביי. אַ — וויאָ! *ער פאָרט אָפּ מיט די מויל-אייזלען אין דעם פינסטערן קאָרידאָר.*

סעווערין

האָט ער דאָס אַ ביסל צוזאַמענגעפּלוידערט, פאַר פייער און וואַסער! גאָט האָט דאָס געגעבן אַ מויל אים צו לויבן — און ער נוצט דאָס אויס פאַר פּלוידעריי.

אַנטאָן

וואָס מיינסטו, פאָטער סעווערין, אַז עס איז גאָרנישט, וואָס ער האָט געזאָגט? — איך פיל אַזאַ געשמאַק אין מויל און אַ רויך אין דער נאָז. — פפו.

סעווערין

דאָס וואָס מען האָט דיר געהייסן טאָן — טו! מענטשן זענען דאָ קליגערע פאַר דיר, און זיי וועלן דיר נישט הייסן טאָן אַ זאַך, וואָס קען דיר שאָדן ברענגען. *זיי אַרבעטן אין דער שטיל. אַ לאַנגע פּויזע*

אַנטאָן

מיין עגבער האָט זיך אין עפּעס פאַרטשעפּעט, — איך קען אים נישט אַרויסשלעפּן צוריק.

סעווערין

וואָס איז עס מיט דיר היינט? מיט כוח וועסטו אים אַרויסציען.

אנטאָן

אַט שלעפּ איך דאָך. ווי הונדערט מלאכי־חבלה וואָלטן אים צוריקגעהאַלטן. עס מוז עפּעס דערין זיין. איך האָב מורא.

סעווערין

הער אויף רעדן נאַרישקייטן, שטערסט אַרבעטן. אַ גאַנצן פרימאָרגן געבאַלמוטשעט, און דאָ וועט באַלד דער אויפזעער קומען, זען אויב ס'איז געטאָן געוואָרן אַרבעט.

אַנטאָן

איך ווייס נישט — איך וועל דעם פּלאַץ נישט גראָבן מער. עס דרייט זיך אין מיין קאָפּ און פאַר די אויגן — פּפוי!

סעווערין

האָסט געוויס געטרונקען אויפן ניכטערן מאָגן. דאָס קומט אַלץ פון אַן איבעריגן טרונק.

אַנטאָן

איך האָב נישט געטרונקען קיין שנאַפּס. עס שטיקט מיך אין האַלז, — הויבט זיך אויף

סעווערין

דאָ האָסטו די פלאַש מיט וואַסער. ער גיט אים צו טרינקען — אַנטאָן טרינקט.

אַנטאָן

אַ דאַנק דיר, פאָטער.

סעווערין

און אַלץ פון די נאַרישע רייד, וואָס סלושא האָט דאָ אָנגערעדט. רייד קענען אַמאָל מער פאַרטשאַדען דעם קאָפּ, ווי אַ רויך, שפּיי אויס און פאַרגעס, נו, בעסער?

אַנטאָן

בעסער, נאָר ס'שווינדלט אַלץ אין קאָפּ און ביים האַרצן נאָגט עס — ווי מיט זיסקייטן זיך איבערגעגעסן. איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז. דו פילסט נישט עפּעס נודנע?

סעווערין

און אַז עס טוט ווי אַביסל דער קאָפּ, איז וואָס? צו דער

אַרבעט, וואָס מיר טוען באַדאַרפן מיר נישט קיין קאָפּ, — נאָר הענט.

אַנטאָן

און פאַר די אויגן זעסטו נישט קיין פייערדיגע ליכטלעך, — ווי זיי וואָלטן געשפרונגען אַרויף און אַראָפּ?

סעווערין

עס שווינדלט אַביסל אין די אויגן, אָבער דאָס וועט אַודאי באַלד איבערגיין.

אַנטאָן

וואָס קען דאָס זיין? פון הינטער דער וואַנט, וואו זיי גראָבן די קוילן, הערט זיך אַ באַוועגונג. פויזע. זיי קוקן זיך ביידע אָן האָסט געהערט. וואָס קען דאָס זיין?

סעווערין

וואָס געהערט — גאָרנישט געהערט, ס'האָט זיך דיר נאָר אויסגעדאַכט אַזוי.

אַנטאָן

קום אַוועק פון דאַנען, קום געשווינד.

סעווערין

נאָך נישט די צייט געקומען, דער גלאָק קלינגט נישט.

אַנטאָן

זעסט דאָך, אַז דאָס אָרט איז אין געפאַר. ווילסטו בלייבן? — בלייב, איך בלייב דאָ נישט קיין מינוט.

סעווערין

מען האָט מיך אַריינגעזעצט דאָ קוילן צו גראָבן — באַדאַרף מען זיצן.

אַנטאָן גייט אַוועק, שאָקלענדיג זיך אויף די פיס, פּאָטער סעווערין גראָבט ווייטער מיט זיין עגבער

אַנטאָנס קול

פּאָטער סעווערין — קום אַוועק, זאָג איך דיר! וועסט נישט גיין, אַלטער, — שלעפּ איך דיך מיט געוואַלד. זעסט דאָך, וואָס עס איז!

ער כאַפּט דעם אַלטן אויף די פּלייצעס און גייט. שטעלט זיך באַלד אָפּ — און הערט זיך איין. פון דערווייטנס הערט זיך אַ רעש — ווי אַ טייך וואָלט אָנגעקומען. פאַרשטיקטע שטימען רופן. —

אַלטער, דו הערסט?

ס ע ו ו ע ר י ן

און אַז איך הער, איז וואָס?

אַ נ ט אָ ן

וואָס קען דאָס זיין?

ס ע ו ו ע ר י ן

צלמט זיך אין דער שטיל

אַ נ ט אָ ן

וואָס צלמסטו זיך? — קום!

ס ע ו ו ע ר י ן

וואו וועל איך גיין? — מען קומט צו אונז. ער שטייט און צלמט זיך ווידער, די שטימען רופן שוין נעענטער

אַ נ ט אָ ן

שרייט

ווער איז דאָרט! ענטפערט — וואָס איז געשען? וואָס איז געשען?

די שטימען

א י י נ ע ר

דאָ אַרום, דאָ אַרום — מענטשן זענען דאָ!

צ ו ו י י ט ע ר

ווער איז דאָרט, ווער?

אַ נ ט אָ ן

רופט הויך

דאָס איז שאַכט נומער דריי.

ש ט י מ ע ן

ענטפערן אָפּ איינער דעם צווייטן

שאַכט נומער דריי. שאַכט נומער דריי.

א נ ט אָ ן

שרייט

וואָס איז געשען? וואָס איז געשען — זאָגט. מען ענטפערט נישט.
איינצלנע אַרבעטער מיט לעמפּלעך אויף די היט קומען אָן צו לויפן, לויפן ווייטער —
ווי פאַרסמטע מייז — קלאַפּן אָן אויף אַנטאָנען מיטן אלטן. אַנטאָן שטעלט זיך אָפּ
וואוּאַהין? וואוּאַהין? זיי ענטפערן נישט, לויפן ווייטער **זאָגט, וואָס איז**
געשען? געדענקט אָן גאָט!
וואָס אַמאָל קומען מער אַרבעטער אָן צו לויפן, מיט די פלאַמען אויף די היטלאַך
— וואָס דאָ צינדן זיי זיך אָן, דאָ לעשן זיי זיך אויס — אויסגעשרייען אין פאַר-
שידענע שפּראַכן — גאָט! גאָט, העלף!

א נ ט אָ ן

מיט סעוועריין, וועלכער פאַלט פון די הענט, שרייט שוין הויך

וואָס איז געשען? — וואָס?

פ אַ ר ב י י ל ו י פ נ ד ע ש ט י מ ע ן

ליכטער אויסלעשן. ליכטער אויסלעשן, — גאַזן קומען. טייל ליכ-
טער לעשן זיך אויס — אַנדערע ברענען נאָך

א נ ד ע ר ע ש ט י מ ע ן

גאַזן קומען — גאַזן קומען.

א נ ד ע ר ע

דאָ דער וועג — נאָך מיר! נאָך מיר!

א נ ד ע ר ע

האַלטן זיך איין

וואוּהין? וואוּאַהין? —

א ש ט י מ ע

הויך

מיר זענען פאַרמאַכט — עס איז שאַכט נומער דריי. —

א ש ט י מ ע

דאָ אַ קאָרידאָר — נאָך מיר! נאָך מיר!

א ש ט י מ ע

וואוּאַהין, — פאַרשאָלטענער? **עס איז דאָך שאַכט נומער**
דריי — דו זעסט די וואַנט, צי נישט? קומען אָן צו אַ וואַנט

אַ שטימע

יאָ, קאַמעראַדן, מיר זענען פאַרמאַכט.

שטימען

רופן

פאַרמאַכט, פאַרמאַכט, פאַרמאַכט.

טריט האַלטן זיך איין. דער חלל פאַקט זיך אָן וואָס אַמאָל מער מיט אַנטלויפנדע מענטשן פון אַלע זייטן

אַ שטימע

רופט וואָרנד

די ליכטער אויסלעשן, האָב איך געזאָגט. — די ליכטער. — די גאַזן וועלן זיך אָנצינדן, — איר פאַרשטייט, צו ניין.

אַלע ליכטער לעשן זיך אויס. — עס ווערט פינסטער

אַ יונגע שטימע

אין פאַרוואונדערונג

וואָס, וואָס, מיר זענען שוין טאַקע פאַרשיט — ענטפערט, מיר זענען טאַקע שוין פאַרשיט?

אַ שטימע

שאַכט נומער פיר האָט צוזאַמענגעשיט.

אַנדערע

שאַכט נומער פיר האָט צוזאַמענגעשיט.

אַ שטימע

פאַרשיט, פאַרשאָטענע, — פשוט פאַרשאָטענע. — איר פאַרשטייט, פאַרשאָטענע?

אַנדערע שטימע

מאַכט איר נאָך

יאָ, פשוט פאַרשאָלטענע. וואָס האָסטו געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיין געזאַלצענע? געלעכטער

אַ שטימע

געפונען אַ צייט צו לאַכן.

אַ שטימע

בעטנדיג זיך

זאָגט, מענטשן, וואו זענען מיר? — וואו געפינען מיר זיך?

שטימען

ענטפערן אַפּ

שאַכט נומער דריי — ווייסט נישט, צו וואָס?

אַנטאָן

שרייט הויך

טרעט נישט אויף קיין מענטשן!

אַ שטימע

ווער זעט דיך, פּאַרשאָלטענער?

אַנטאָן

האָט ווער וואַסער דע אַלטער סעווערין פאַלט פון די הענט!

שטימען

דער אַלטער סעווערין!

צווייטע שטימע

ניין, עס איז דער פאַרשאָלטענער יאַפּאָנטשיק, די דערקענסט אים נישט — אַ שאָד אַ גוטן שלוק וואַסער.

אַן אַנדערער

וואָס איז דער חילוק — אַ מענטש.

נאָך אײנער

און איך זאָג, שאַנעוועט, חברים, וואַסער.

פון אַן אַנדער ווינקל

ער האָט שוין איינמאָל רעכט.

אַנטאָן

בעטנדיג זיך

גיט, חברים, אַ שלוק וואַסער אַ מענטשן ראַטעווען — דער אַלטער סעווערין פאַלט פון די הענט.

ווער קריגט זיך מיט ועמען

אַנדערע

שטילט אייך איין. עס ווערט דאָך אַ ריכטיגער גהינום.

אַנטאָנס שטימע

ער זאָגט יאַפּאָנטשיק — און איך זאָג דער אַלטער סעווערין — איך האַלט דאָך אים ביי זיין באָרד. זיין האַרץ קלאַפּט נאָך. חברים, דערלאַנגט די פלאַש — ראַטעוועט אַ קריסטלעכע נשמה

זייצעווס שטימע

פון דער מענגע

חברים! איר הערט — צו ניין? — ווער האָט אַ פּלאַש? צו אַנטאָנען וואו ביסטו?

אַנטאָן

זייצעוו — אָט דאָ, אָט דאָ.

זייצעוו

ווער האָט וואַסער?

אַ שטימע

וואָס מיינסטו, איך ווייס נישט, וואָס וואַסער הייסט אין אַזאַ צייט.

אַ צווייטער

וואָס רייסטו, וואָס רייסטו? — מענטשן, ער בייסט מיר אַ פינגער אָפּ

ווער שרייט

אַ שטימע

רופט

שטילט אייך איין — מערדער וואָס איר זענט!

אַ שטימע

הונט — עס איז דער פאַרשאָלטענער רומענער — איך האַלט אים ביי די קודלעס. — ער האָט געריסן פון מיר די פלאַש.

געשלעג, אַלגעמיין אויפּבּרויזן

זייצעווס שטימע

העכער פון אַלע

איר הינטישע זין, איר וועט זיך איינשטילן — צו ניין? ער

צינדט אָן אַ ליכט

מענטשן

שרייען

וואָס טוסטו דאָ?

זייצעוו

גלייכער פאַרברענט צו ווערן, איידער צו זיין מיט אייך. ווייל וואָס מיר אַלע געפינען זיך אין לאָך, ווילט איר אַ גהינום מאַכן דערפון. — מיר מוזן זיך דאָך ראַטעווען, אָדער ניין.

אַ שטימע

פרעגט

ווער רעדט?

אַ שטימע

ענטפערט

זייצעוו, דאָס איז זייצעוו.

זייצעוו

יאָ, עס איז זייצעוו. — מיט די שטיוול וועל איך האַקן אי־בער די קעפּ. וואָס פאַראַ טייוול איז אַריין־אין אייך? מיר וועלן דאָך אַזוי אַרום אַלע אונטערגיין, איידער די ערשטע הילף וועט נאָך קומען. — שטילט אייך איין, היניטישע זין!

שטימען

רופן

ער האָט דאָך רעכט! ער האָט דאָך רעכט!

אַנדערע

גיט אַן עצה, וואָס צו טאָן? —

זייצעוו

וואָס צו טאָן — ווי די מייז וועט איר אויספגרן אין דער גרוב — ווי די פאַרסמטע קעץ. מיר מוזן זיך זען אַרויסצו־ראַטעווען, יאָ, אָדער ניין — און איר וואָס טוט? שטילט אייך איין, האָב איך געזאָגט — אָדער איך שלאָג איבער די קעפּ. איר היניטישע זין!

מען הערט, ווי ער שלאָגט מיט די הענט און פיס

שטימען

ער האָט דאָך רעכט. זייצעוו האָט דאָך רעכט.—שטילט אייך איין.

אַנדערע

נאָך זיי

שטילט אייך איין, שטילט אייך איין.

דער עולם הויבט זיך אָן אייננציגווייז איינצושטילן

שטימען

זייצעוו רעדט.

זייצעוו

די ערשטע זאַך — שטיל צו זיין — אינאיינעם האָט מען אונז דאָ צוזאַמענגעטריבן אין דער גרוב — אָדער מיר וועלן זיך אַלע ראַטעווען, אָדער מיר וועלן אַלע צוזאַמען אונטערגיין — האָב איך רעכט, צו ניין? און איר וואָס טוט. — ווי די פּאַר־שאָלטענע הינט רייסט איר זיך ביי די קעפּ — איז דאָס דער וועג פון ראַטעווען זיך? אַזוי אַרום וועלן מיר דאָך צופּוילט ווערן לעבעדיגערהייט — מיר וועלן זיך צופליישן, איידער די גאַזן וועלן אונז אָפּפּרעגלען. — די ערשטע זאַך — האַלטן זיך אינאיינעם. אַלע געפינען מיר זיך אין איין לאָך. — אָדער צוזאַמען זיך ראַטעווען פון טויט, אָדער אַלע אינאיינעם אונ־טערגיין. האָב איך רעכט, צו ניין?

שטימען

רופן

זייצעוו רעכט, רעכט!

אַנדערע

רעדט, ברודער זייצעוו, רעדט!

זייצעוו

מיר מוזן אויסהאַלטן, ביז הילף קומט. — זיי ווייסן שוין דאָרט אויבן — און זוכן אונז צו ראַטעווען. זיי ווייסן נישט, וואו מיר זענען, — מיר מוזן זיי צו וויסן געבן, וואו מיר געפינען זיך. מיר מוזן אַרויסשיקן וואָלאָנטערן - אויסצוזוכן די וועגן, די קאָרידאָרן, אפשר איז נאָך דאָ אַן עפענונג צו שאַכט נו־מער פינף. — מיר מוזן אויסקומען מיטן ברויט און וואַסער, וואָס מיר האָבן, העלפן איינער דעם אַנדערן — צו דערהאַלטן ביז הילף וועט קומען, — נישט רייסן זיך ביי די קעפּ, ווי די קינדער.

אַ שטימע

זייצעוו, מען באַדאַרף מאַכן אַ געזעץ, ס'גאַנצע ברויט און וואַ־סער אונטער איין האַנט.

צווייטע שטימע

און איך זאָג — יעדער פאַר זיך, יעדער וועד עס קען.

ש ט י מ ע ן

שטילן אים איין

שווייג, דו פאַרשאָלטענער הונט!

אַ נ ד ע ר ע

ווער דאָרט? גיט אים איבערן קאָפּ.

אַ ד ר י ט ע ר

עס איז דער רומענער. איך דערקען אים לויט דער שטים.

ז י י צ ע ו ו

שטילט אים איין.

אַ נ ט אָ נ ס ש ט י מ ע

זייצעוו, אַן עלטסטן דאַרף מען מאַכן, אָן אַ עלטסטן וועסטו גאָרנישט טאָן — אַן עלטסטן.

ש ט י מ ע ן

נאָך אים

דאָס איז גערעדט, אַן עלטסטן. — לאָמיר מאַכן זייצעווען פאַר אַן עלטסטן.

אַ נ ד ע ר ע

יאָ, יאָ, זייצעוון פאַר אַן עלטסטן.

ז י י צ ע ו ו

ווילט איר מיך פאַר אַן עלטסטן — מוזט איר הערן, וואָס איך וועל אייך זאָגן. אַז נישט, וועל איך געבן איבערן קאָפּ — אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלע — מיר זענען אין איין לאָך.

ש ט י מ ע ן

דאָס איז רעכט!

ש ט י מ ע ן

ס׳גאַנצע וואַסער אונטער איין האַנט. ס׳גאַנצע וואַסער, ס׳גאַנצע ב־רויט.

ז י י צ ע ו ו

האַלטן, ווער עס האָט, נאָר העלפן איינער דעם אַנדערן — ביז הילף וועט קומען. — געדענקט, וואָס איך זאָג אייך! אָדער מיר וועלן זיך אַלע צוזאַמען ראַטעווען, אָדער אונטער־

גיין – ווי די מייז. דאָ באַדאַרף מען האַלטן איינער פאַרן אַנדערן, ווי קאַמעראַדן, ווי פריינט... אינאיינעם געלעבט. אינ-איינעם געשטאָרבן. האָב איך, ברידער, רעכט, צו ניין?

שטימען

באַגייסטערט

רעכט, ברודער זייצעוו, רעכט!

אַ שטימע

זייצעוו, איך האָב אַ ברויט.

אַנדערע

זייצעוו – דאָ מיין פלאַש.

זייצעוו

האַלט, האָב איך געזאָגט. טיילט אייך מיט אייער קאַמעראַד – אין דער פינסטער קענסטו גאָרנישט מאַכן – ווייסט נישט, וואָס און ועמען. מען מוז זיך פאַרלאָזן אויפן קאַמעראַד. מיר ווייסן נישט – ווי לאַנג מיר וועלן דאָ מוזן זיין – האַלט אייך אינאיינעם – דאָס איז דער איינציגער וועג. און איצט, חברים, פריינט, – ווער וויל זיך לאָזן אינדערפינסטער – רעכטס צו שאַכט נומער צוויי – זען, אויב עס איז נאָך דאָ פאַרבינדונג מיטן דרויסן – אפשר זענען דאָ פריינט, – אפשר רייסט מען זיך צו זיי פריער אַריין, – אפשר אַרבעטן דאָרטן די ווענ-טיליאַציעס נאָך. – זעט, ווער וויל זיך לאָזן דאָרט – אויף אַלע פיר – געדענקט, איר מוזט מיט פייער פאָרזיכטיג זיין – די גאַזן קריכן פון די קוילן, ווי די שלעכטע גייסטער – טאַפּט דעם וועג אין דער פינסטער.

קיינער רופט זיך נישט אָן

וואָס, קיינער, קיינער רופט זיך נישט אָן? אָ, איר פאַרשאָלטענע, וואָס איר זענט!

שוואַכע שטימע

איך.

זייצעוו

ווער איז עס? רעדט הויך!

שוואַכע שטימע

איך, סלושא.

זייצעוו

סלושא! יאָ?

סלושא

יאָ, זייצעוו.

זייצעוו

קענסט דעם וועג?

סלושא

ווי אַ בלינדער מויל קריך איך דאָרט צען מאָל אַ טאָג, צוואַנציק מאָל אַ טאָג. שוין, פעטערל, שוין דערטאַפּן דעם וועג! וואָס די אויגן וועלן נישט דערזען — וועט שוין די נאָז דערשמעקן.

זייצעוו

גוט, סלושא, גוט, סלושא. — זעט, חברים, קיינער זיך נישט אָנגערופן, נאָר סלושא — אין גאָטס נאָמען גיי, און ברענג הילף פאַר אונז, פאַרשאָלטענע.

סלושא

איך קען דעם וועג גוט... טרייב דאָרט מויל-אייזלען...

יאַפּאָנעזער

כי, כי, כי, מויל-אייזלען, שאַכט פינף. שיקט מיך!

זייצעוו

גוט, יאַפּאָנטשיק, גוט, גוט. נעם אַ פלעשל וואַסער. און דו, פאַרשאָלטענער, האָסט געזאָגט: אַ שאָד אַ שלוק וואַסער פאַר אַ יאַפּאַנישע נשמה, — שעמסטו זיך נישט, דו הינטישער זון? און גראָד דער יאַפּאָנטשיק וועט אונז ראַטעווען. גיי, ברודער יאַפּאָנטשיק, אין גאָטס נאָמען! דו האָסט אַ לעבל ברויט, אַ פלאַש וואַסער — און ברענג אונז הילף — אונז, פון גאָט פאַרשאָלטענע.

דער קריכט אָפּ

שטימען

הערן זיך שוין פון אומעטום

פעטערל זייצעוו, שיק מיך!

פעטערל זייצעוו, איך ווייס דעם וועג רעכטס!
איך ווייס דעם וועג לינקס — בין דאָרט יעדן טאָג!

אַנדערע

זייצעוו! זייצעוו!

זייצעוו

גיב נאָר אַ קוק, ווי זיי האָבן זיך צולאָזט. האַלט איין דעם אַפּעטיט — מען וועט אייך נאָך באַדאַרפן. די צרות, ברידערלעך, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן. און איצט, חברים, אַלע מיט אַמאָל! לאָמיר זיי באַגלייטן מיט אַ געשריי — דערזען קענען זיי אונז נישט פון דרויסן — וועלן זיי אפשר דערהערן.

אַלע

לאָזן אַרויס מיט אַמאָל אַ ווילד קוילן־ליד

ראָך־ראָך, ראַן.
די קויל איז שוואַרץ און האַרט,
ראָך, ראָך, ראַן.

פאָרהאַנג פאַלט און הויבט זיך

אין אַ פּאָר טעג אַרום

אַ פעלד פון פינסטערניש. נאַכט און קויל. נאָר איבער די קוילן-פעלדער הויבן זיך אויף שוועבנדיגע וואָלקנדלעך, וועלכע גלאַנצן און פאַרשווינדן, דאָ און דאָרט פינקלט אַרויס אַ בריליאַנט-קויל פון ערגעץ-וואו, ערשיינט און פאַרשווינדט. ווי פון אַ חלומ-דיגן וואָלקן זעט מען, ווי קאָנטורן פון מענטשן ליגן זיך, ווי געדיכטע שאָטנס, — ליגן איינס אויף אַנדערע, שוואַכע, שלאָפנדע, צי געשטאָרבענע?

אַ שטימע

ווער דאָרט? האַ?

צווייטער

שווייגט שטיל, — שטאַרבן לאָזן זיי נישט.

ערשטער

שטאַרבן, שטאַרבן — וועסט שטאַרבן אַפילו אין גערודער.

אַן אַנדערער

אָט אַזוי, שרייט כאָטש — גיט וויסן, אַז מיר לעבן נאָך, אַז נישט וועט מען דאָך טאַקע מיינען, אַז מיר זענען שוין אַלע אויסגעכאַליעט, ווי די לייז.

איינער

וואָלט כאָטש אַ גלח געווען!

צווייטער

מיט שפּאַס

עס פעלט דיר ווייַרויך אפנים, איך האָב עס געגנוג.

ערשטער

כאָטש אין דער לעצטער מינוט לאָז קומען צו זיך — כאָטש מיטן געדאַנק אָנצוהעפטן זיך אָן גאָט. אַז נישט, ווי די ציי-גיינער טאַקע, דאָרט, ווי עפּעס מייז, וואָס דער היצעל האָט געכאַפּט אין פּעטלע אַריין.

אַנטאָן
נאָך וואָס, נאָך ווען — זאָלן געדענקען אָן אים די, צו וועלכע ער איז גוט געווען — דאָרט אין דרויסן. — אונזער איינער סיי־ווי־סיי צי גאָט צי טײוול — איין שוואַרץ יאָר.

ערשטער
זינדיג נישט, פאַרשאָלטענע נשמה. דו ביסט שוין סיי־ווי־סי פאַרשאָלטן.

אַנטאָן
און איך זאָג, אַז איך האָב שוין גאָר נישט קיין מורא, סיי פאַר גאָט און סיי פאַר לייט. ווער עס זאָל דאָרט זיין און וואָס עס זאָל דאָרט זיין — איז מיר שוין אַלץ איינס. — סיי־ווי־סיי.

ערשטער
זינדיג נישט, זאָג איך, — אפשר אויבן איז יאָ דאָ גערעכטיקייט.

צווייטער
איין שוואַרץ יאָר. פאַר דעם אָרימאַן איז קיין גערעכטיקייט נישטאָ.

דריטער
געפונען אַ צייט, וועגן וואָס צו שפּאַרן זיך. איר האָט שוין נישט וואָס בעסערס צו טאָן?

צווייטער
וואָס איז דער חילוק? — אַבי די ציינער אין די מײלער צו באַוועגן, אַז נישט וועלן זיי כאָטש צוגעוואַקסן ווערן — אַז עס איז נישטאָ וואָס אַנדערש צו טאָן.

אַנטאָנס שטימע
און איך זאָג, אַז בחנם האָבן מיר זיך דאָ אַרײנגעשטופּט אין דער פאַרשאָלטענער לאָך אַרײן — צו ליגן און צו וואַרטן אויפן טויט. מיר וואָלטן באַדאַרפט גיין. קריכן אַרום — אין אַנדערע שאַכטעס אַרײן. — יעדער איינער אין אַן אַנדער לאָך אַרײן — זוכן, טאַפּן מיט די פינגער, שרייען, רופן, אפשר קו־

מען זיי אָן פון אַן אַנדער זייט, — אפשר זוכן זיי אונז דורך אַן אַנדער עפענונג.

דריטער

אַז דו האָסט כּוחות, גיי, קריך, זוך — איך האָב נישט מער קיין כּוחות צו זשיפּען. אַז עס זאָל נאָר קומען וואָס גיכער הילף!

אַנטאָן

אַלץ איינס, זאָל זיין דער טויט.

אַן אַנדער גרופּע

ערשטער

וואָס קען איצט זיין אין דרויסנדיגער וועלט — טאָג צי נאַכט?

צווייטער

ווער קען דיר וויסן? — איך האָב דאָך נישט געציילט.

ערשטער

ווי לאַנג אייגנטלעך ליגן מיר שוין דאָ אַזוי?

צווייטער

וואָס איז דיר דער חילוק — באַדאַרפסט דען ערגעץ וואו גיין?

ערשטער

קומט דאָך טאַקע שוין עפּעס פאָר — ווי מיר וואָלטן דאָ באַגראָבן געוואָרן לעבעדיגערהייט.

א יונגע שטימע

עס איז מיר גאָר נישט קיין שאָד, נאָר דער אַנצוג, וואָס איך האָב מיר געקויפט, — ערשט אייערנעכטן אין געוועלב געקויפט. איך האָב אים נאָר געטראָגן איין מאָל.

א צווייטער

לאַכט

האָב נישט קיין מורא, עס וועט זיך שוין געפינען אַ בעלן, וואָס וועט אים אויסטראָגן פאַר דיר.

יונגע שטימע

איינמאָל נאָר האָב איך אים אָנגעטאָן — איך האָב אים געקויפט, אום אַ פאָטאָגראַפיע צו נעמען — צו די אייגענע אַהיים

צו שיקן — קיין צייט אפילו נישט געווען די פאָטאָגראַפיע צו נעמען. וואָלט איך זיך כאָטש געווען אין אים אַראָפּגענומען — וואָלט איך שוין גאָרנישט געווען געזאָגט.

א צווייטער

ווער עס האָט אַזאַ זאָרג און ווער אַן אַנדערע. און אַז איך האָב אין דרויסן אַ ווייב מיט צוויי קינדער — אַ פּאָר טעג קוים דאָס יינגסטע, איך האָב עס אייגנטלעך נישט ריכטיג אָנגעזען

דריטער

פאַר דעם זאָלסטו זיך נישט זאָרגן. ווען עס וועט עפּעס זיין — וועט דער קאַנטאָר מוזן צאָלן — אַזאַ געזעץ דאָ אין לאַנד. זיי אין דרויסן וועלן שוין זיין פאַרזאָרגט. דער מיט אַ פּענסיע, אַן אַנדערער אויף אַן אַנדערן וועג — אויף וועמען עס איז אַ ביטערער רחמנות, איז אויף דיר אַליין, אויף דיין אייגן פליש. אויסגעווענדזלט וועסטו ווערן, ווי אַ הערינג, פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק שוואַרצע קויל.

אַנטאָן

אין גרויס אויפרעגונג

און פאַרוואָס שווייגט מען, פאַרוואָס טוט מען גאָרנישט? האָט אונז אַריינגעשטופּט אונזער פירער אין אַ לאָך אַריין, און הייסט אונז זיצן און וואַרטן. ווי לאַנג וועלן מיר וואַרטן? — ביז אונזערע לונגען וועלן אויפגעפרעסן ווערן פון די גאַזן. איך פיל מיין אייגענע קעל שוין נישט — פאַרשטאָפּט איז זי פון קויל. — און מיינע קישקעס זענען שוין פאַרשטיינערט.

צווייטער

אין מוח דרייט זיך מיר, — ווי איך וואָלט שיכור געווען. איך זע פאַר די אויגן פייערדיגע רינגען — ווי איך וואָלט אין אַ פייערדיגן אויוון געזעסן.

אַנטאָן

דאָס וואָס איך זאָג: כל-זמן עס איז נאָך צייט — און אונזערע חושים זענען נאָך וואַך — לאָמיר עפּעס טאָן, לאָמיר גיין זוכן. די העק נעמען אין האַנט — לאָמיר די עגבערס פרוּוון

לאָזן אין באַוועגונג — מיט דינאַמיט אַרויסזעצן די וואַנט, — כאָטש אינאיינעם אַרויסגעזעצט צו ווערן — אפשר וועט אונז עמיצער דערהערן. אַז מיר וועלן זיך נישט ראַטעווען, וועט אונז קיינער נישט ראַטעווען.

אַ פּערטער

ער האָט דאָך שלוחים צושיקט איבער די שאַכטעס. סלושא איז באַלד צוריקגעקומען — נאָר דער יאַפּאָנטשיק נישטאָ ביז היינ־טיקן טאָג.

אַ גראָבע שטימע

דאָס איז רעכט, רעכט, קאַמעראַדן. כּל־זמן מיר האָבן נאָך קראַפט, מיר זענען נאָך ביי די הענט, ביי די חושים.

צווייטער

ווער רעדט? ווער!

אַנטאָנס שטימע

דאָס בין איך, אַנטאָן, דער רוס. — איך זאָג אייך — בחינם אונזער זיצן. כּל־זמן מיר האָבן נאָך קראַפט אין די הענט — לאָמיר עפּעס טאָן.

אַנדערע שטימען

טאָן, טאָן, טאָן.

נאָך אַנדערע

רעכט, רעכט, רעכט.

אַנטאָן

וואָס פאַר אַן עלטסטער איז דאָס איבער אונז — וואָס הייסט ער אונז זיצן ווי די ווייבער, — ווי די נאַסע הינער, וואָס דער רעגן האָט געכאַפּט? זענען מיר דען נישט קיין מאַנספּאַרשוי־נען? — מענער, ראַטעוועט זיך, ווער עס קען. — איך, אַנטאָן, דער רוס, זאָג אייך. אַז אַנישט, וועט איר אַלע פאַרוועגדזלט ווערן דאָ, ווי די הערינג. ווי די מייז, וואָס מען גיסט אָפּ מיט זודיק וואַסער. — יעדער איינער, ווער עס קען, זאָל נע־מען זיין לעבן אין זיינע הענט אַריין. כּל זמן מיר זענען נאָך נישט איינגעשלאָפן — כּל זמן די גאַזן האָבן אונז נאָך נישט גובר געווען.

ש ט י מ ע ן

רעכט, רעכט, רעכט.

אַ נ ד ע ר ע

טאָן, טאָן, טאָן.

אַ נ ד ע ר ע

מיר וועלן נישט זיצן, ווי די מייז!

אַלגעמיינע באַוועגונג. אַ כאַפּן, אַ רייסן, אַ געשריי. זייצעווס שטימע העכער פון אַלעמען

ז יי צ ע ו

הינט, הינט, הינט – זאָג איך אייך. – הינט, איר וועט שווייגן צו ביין?

אַ ש ט י מ ע

דער עלטסטער רעדט – שווייגט.

אַ נ ט אָ ן

וואָס פאַר אַן עלטסטער איז ער מיר – זאָל ער אונז אַרויספירן פון לאָך, וועט ער איבער אונז אַן עלטסטער זיין.

אַ נ ד ע ר ע

וואַסער זאָל ער געבן, וואָס האָט ער דאָס וואַסער צוגענומען?

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר

אָנצוּוויפּן זיך – ער מיט די, וואָס זענען דאָרטן נעבן אים. דאָס וואַסער אַהער!

ז יי צ ע ו ס ש ט י מ ע

העכער פון אַלעמען

הינט, הינט, הינט – זאָג איך. איר וועט שווייגן, צו ביין?

ש ט י מ ע ן

וואַסער, וואַסער, וואַסער.

מען שלאָגט זיך, געשרייען

א יי ן ש ט י מ ע

וואָס זוכסטו ביי מיר וואַסער – איך האָב נישט.

צ וו יי ט ע ש ט י מ ע

געוואַלד, יעזוס, מאַריאַ!

ז יי צ ע ו ו ס ש ט י מ ע

נאָך אַמאָל העכער

הינט, הינט, הינט, ווילדע הינט, זאָג איך — איר וועט זיך איינשטילן, צו ניין? *קיינער הערט אים נישט. — נאָך העכער* איר ווילט זיך ראַטעווען, צו ניין, פרעג איך אייך. — שטיל, שטיל, שטיל!

געשריי, באַוועגונג, געשלעגעריי

ז יי צ ע ו ו ס ש ט י מ ע

הייזעריג

חברים, קאַמעראַדן, אַרבעטער — הילף קומט אָן, — הילף, הילף! *זיינע ווערטער הירקן, ווי כשוף. דער עולם שטילט זיך איין*

ש ט י מ ע ן

שווייגט, שווייגט שטיל, לאָזט הערן.

ז יי צ ע ו ו

פירן זיך אַזוי אַרבעטער אויף? — אַזוי פירן זיך ווילדע קעץ, וואָס מען האָט צונויפגעטריבן אין אַ קופּע — רייסן איינער פון אַנדערן דאָס שטיקל ברויט? — קאַמעראַדן, שטאַרבן צוזאַמען, ווי ברידער, ווען עס באַדאַרף אַזוי זיין. — האָב איך רעכט, צו נישט? *דער עולם שטילט זיך אַלץ מער איין* מיר קאָנען גאָרנישט מאַכן, סיידן מיט די קעפּ אין האַרטער קויל זעצן. — זאַמלט די כּוחות, זאָג איך. ווער עס וועט לענגער אויסהאַלטן-דער וועט געראַטעוועט ווערן. פאַרטאַכלעוועט נישט קיין כּוחות אויף גאָרנישט, זאָג איך — איר האָט זיי נישט פון וואַנען צו נעמען. קיין ברויט צו פרעסן האָט איר נישט. מיט די גאַזן מוזט איר קעמפן. וואָס רייסט איר זיך אויף די גלייכע ווענט? עס איז נישטאָ, וואו צו גיין — וואוהין וועט איר גיין? ביי וועמען וועט איר זוכן דעם הונטס עק? מיר געפינען זיך איבער דריי הונדערט פוס טיף אונטער דער ערד. מיט די קעפּ וועט איר דאָס נישט אַדורכזעצן. זאַמלט די כּוחות, זאָג איך, צעפּטרט זיי נישט, איר האָט זיי נישט פון וואַנען צו נעמען. — און דער וועט זיך ראַטעווען, — דער, וואָס וועט צום לענגסטן אויסהאַלטן.

אַנטאָן

וואָס הייסט ער אונז וואַרטן אויפן טויט? וואָס, ווייבער זענען מיר? חברים, הערט אים נישט!

זייצעוו

און אַז איר וועט זיך צוקריכן, וועט איר שטאַרבן — ווי די ווילדע קעץ, וואָס האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע צוריבן, צו־פליישט און צעוואָרפן זיך אין די ווינקלען. און אַזוי וועלן מיר שטאַרבן אַלע אינאיינעם. זאָלן זיי אונז געפינען דער־נאָך אַרומגענומען אין די אָרעמס. לאָמיר זיי ווייזן, ווי אַר־בעטער שטאַרבן. ווי ברידער, ווי מענטשן, ווי קאַמעראַדן. דעם לעצטן ביסן ברויט געטיילט. דעם לעצטן טראָפּן וואַ־סער. און פאַרשעמען זאָלן מיר זיי אין דרויסן מיט אונ־זער טויט.

דער עולם שווייגט, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, — אַלגעמיין שווייגן

אַ שטימע

רעד, זייצעוו, רעד — אַ נייַ לעבן גיסטו אונז אַריין. רעד.

זייצעוו

און וואָס פאַר אַ קלאָג-ווייבער זענט איר? לאָזן זיך אַזוי פרי פאַנגען פון טויט? ווי לאַנג איז עס אינגאַנצן ווי מיר זיצן דאָ. — אַ טאָג, אָדער צוויי — און איר פלאַפּלט שוין פון טויט. — גיט זיי אַ געלעגנהייט דאָרט אויבן אַדורכצוּעגבערן זיך צו אונז. וואָס מיינט איר — דערפאַר ווייל עס איז שוואַרץ ביי אונז אין דער קויל, איז שוואַרץ אומעטום? זיי רייסן זיך צו אונז — דאָס ווייב, דאָס קינד — דער פריינט, דער קאַמע־ראַד. זיי רייסן זיך צו אונז, ווי מיר צו זיי. — דורך דעם זאָג איך: האַלט די כּוחות איין, זאַמלט זיי, היט יעדן טראָפּן. נישט אַדורכצוזעצן די יואַנט, ווי דער אָקס, דער ווילדער, — נאָר צו באַקעמפן דעם טויט. צונויף וועלן קומען די כּוחות אין די לעצטע רגעס, ווען דער טויט וועט זיך וואַרפן אויף אייך, ווי די כיטרע שלאַנג, אַז איר זאָלט אים קענען נעמען מיט די לעצטע נעגל און אָפּוואַרפן פון אייך — ביז הילף וועט קומען.

גיט אייך נישט נאָך, ווי די שוואַכע ווייבער, ווי די שעפסן, נאָר זייט קאַמעראַדן, מענטשן.

אַנטאָן

יאָ, הילף וועט דיר דאָרט קומען — ער קען עס זיין באָבען זאָגן. צוואָס באַדאַרפן זיי אונז? עס פעלן מענטשן אויף דער וועלט אין די טויט-גרובן צו שיקן? אַבי אונזערע ווייבער וועלן פאַר זיי איבערבלייבן צו שלאָפן מיט זיי, אונזערע ווייבער און אונזערע בעטן.

טאָני

אַז די כאָלערע זאָל דאָס אַלץ פּאַקן, אַז אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן פאַר אונזערע יונגע יאָרן, פאַר אונזערע לייבער, וואָס ווערן איצט פאַרוויסטעט. וואָס זענען מיר דאָ איינגעאַנצן אַהער גע-קראָכן? — וואָס האָבן מיר געהאַט צו זוכן אין די קוילן-גרובן? — מיר זענען פּויערים. דער פּויער באַדאַרף די ערד,— נישט אונטער דער ערד.

אַ שטימע

ער האָט דען נישט רעכט?

אַ צווייטער

האָסט דיר געקענט אַן אַנדער עצה געבן? — דער מענטש גייט נאָכן געשטאַנק פון ברויט.

נאָך איינער

לאָמיר זיך נאָר אַרויסקריגן פון לאָך — וועלן מיר שוין וויסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

אַן אַנדערער

מיך קריגן זיי דאָ שוין נישט אַריין. מעג איך שוין וויסן פאַר הונגער אויסצוגיין.

אַ צווייטער

לאָז מיך נאָר אַרויסקומען. אַז איך וועל מיך אָנכאַפּן מיט די נעגל אין דער גוטער מאַמע ערד — וועלן זיי מיך שוין פון איר נישט אַוועקקריגן, — ווי מיט צוואַנגען וועל איך מיך אָנהאַלטן אָן איר.

זייצעוו

איצט קענט איר נאָר פּיסקעווען, ווען דאָס קבר ליגט איבער איין. לאָז מען אייך נאָר אַרויסלאָזן פון דער גרוב — וועט איר דערנאָך אַליין אַרייַנקריכן, ווי די מילבּ די בלינדע. אָט וואָס.

איינער

קענסט אונז אַן אַנדער עצה געבן?

זייצעוו

יאָ. מיר באַדאַרפן זיך צונויפנעמען, ווי איין מענטש אָפּמאַכן— נישט מער קריכן אין גרוב.

אַ שטימע

לייכט גערעדט. פון וואַנען וועסטו נעמען דאָס שטיקעלע ברויט?

זייצעוו

פון דער ערד, ווי אונזערע זיידעס. אַרויסגראַבלען עס מיט אונזערע נעגל פון דער גוטער מאַמע ערד.

שטימע

ערד? אָ, פון וואַנען וועסטו זי נעמען? שוין אויסגעכאַפּט געוואָרן, איידער מיר זענען נאָך אויף דער וועלט געקומען.

זייצעוו

נאָך דאָ אַ סך. גאַנצע מדינות ליגן דיר דאָרט אין דער מדבר. איך האָב געזען אַליין, ווי ס'ליגט, ווי אַ נאַקעט ווייב. און וואַרט אויפן מענטשן, אַז ער זאָל קומען צו גיין.

אַ שטימע

זייצעוו, געזען אַליין? דערציילט — ברודער, ווי זעט עס אויס — די ערד וואָס פאַראַ איז? פּאַשע פּאַר בהמות צי איז דאָ געבוג?

נאָך אַ שטים

דו געגנאַרסט נישט אָפּ, ברודער זייצעוו?

אַ שטים

אַן אָרימאַן איז געוואוינט, מען זאָל אים געגנאַרן. אַלע ציגאַנעווען דעם אָרימאַן. ציגאַנעווע — אַלץ איינס.

זייצעוו

ניין, ברודער, איך געגנאַר אייך נישט - פאַרוואָס זאָל איך

אייך געבאַרן? צוערשט, אַז איך האָב דערזען דאָס גרויסע לאַנד, וואָס איז פון קיינעם נישט באַזעצט נאָך, האָב איך מיר אַפילו געטראַכט: איך וועל דעם סוד פאַר מיר אַליין באַהאַלטן; קיינעמען נישט דערציילן, אַלעס צונעמען פאַר זיך אַליין. דערנאָך האָב איך זיך איבערגעלייגט די זאַך: דו וועסט דיר מיט אַזוי פיל ערד נישט קענען אַליין קיין עצה געבן, ברו־דער זייצעוו, האָב איך מיר געזאָגט. — איינער אַליין וועסטו גאָרנישט אויפטאָן. איך וועל דעם סוד ברענגען צו אונזערע מענטשן און זאָגן אַזוי: ברידער חברים—לאָמיר זיך מאַכן אַ נדר, ברידער — אַלע אַזוי ווי מיר זענען דאָ, פאַרשאָטן אין דער גרוב, אַז קוים וועלן מיר זיך מיט אונזער לעבן ראַטעווען — צו נעמען ווייב און קינדער און — האַק און פאַק — און לאָזן זיך אין וועג אַריין, אין יענעם לאַנד אַריין. מיר וועלן מענטש־לעכע זאַנגען פאַרזייען. מענטשלעך ברויט. ער הערט זיך איין איר הערט מיך, מענטשן, צו גיין?

אַ שטימע

שוואַך

דערצייל, ברודער, ווי זעט אויס דאָס לאַנד, וועגן וועלכן דו דערציילסט!

סעווערין

וואָס מיינט איר, אַז עס איז שוין גאָר קיין יושר נישטאָ אויף דער וועלט? — איך האָב מיר שטענדיג געטראַכט, אַז ערגעץ־וואו ליגט אָנגעגרייט פאַר דעם אָרימאַן — פאַר אַלע זיינע מי און נויט — זיין לוין. — זיין פעלד וואָס וואַרט אויף אים. — מיינט איר — איז אַלעס שוין אויס? עס איז דאָ אָרדענונג און גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

אַנטאָנס שטימע

ניין, ברודער, פאַרן אָרימאַן איז גאָרנישטאָ, איך, אַנטאָן, דער רוס, זאָג עס אייך.

טאָני

מיט אַ שוואַכער שטימע

יאָ, ברודער זייצעוו האָט רעכט. — ערגעץ־וואו מוז דאָך

זיין פאַר דעם אָרימאַן עפּעס אָנגעבּרייט פון גאָט—פאַר אַל דער פּיין.

אַ שטימע

דערצייל, זייצעוו, דערצייל. ווי זעט אויס דאָס לאַנד, פון וועלכן דו דערציילסט. ווי בּיי אונז אינדערהיים? וואַקסט אויך דאָרט מענטשלעך גראָז, ווייץ, זאַנגען?

אַנדערע

דערצייל, זייצעוו, אַלעס דערצייל.

אַנדערע שטימען

מענטשן ליבּע, שטילט אייך איין, לאָזט הערן, וואָס זייצעוו זאָגט.

זייצעוו

דאָרט ווייט אין דרויסן, אין מדבּר, בּין איך אַמאָל געגאַנגען, געוואָלט אויסגעפינען, וואָס אַזעלכעס איז די פאַרשאָלטענע וועלט — וואו זי ענדיגט זיך, וואו זי הויבּט זיך אָן. — געגאַנגען אַ טאָג, געגאַנגען צוויי — גאָרנישט, זאַמד און זאַמד. — נאָר מיטאַמאָל —

שטימען

שווייגט, מענטשן, שווייגט —

עס ווערט זייער שטיל

זייצעוו

נאָר מיטאַמאָל—און איך ג רגט אויף פעלד—פעלד און פעלד. לאַנקעס גרינע, מענטשלעכע, בּהמהדיגע, שמעקנדיגע — גראָז אַזוי גרויס, ווי אַ מענטש דער הויך — און נישט איין דעסיאַטין און נישט צוויי — נאָר וואו דו שטייסט און גייסט — פעלדער און פעלדער, וואו דו קוקסט און וואו דו זעסט — לאָנקעס — לעבּעדיגע, עטעמענדיגע: און ווי אין אַ בּינשטאָק: פייגעלעך און ווערעמלעך — בּאַקאַנטע און פרעמדע — היימישע און אויסטערלישע. — איך מיין איך חלום. — איך רייבּ זיך אויס אַן אויג, איך רייבּ זיך אויס דאָס צווייטע — אַז איך זע עס פאָרט און אַז איך טרעט דערויף מיט מיינע פיס. — אַז איך גיבּ נישט אַ קאָפּע אין אַ בּוש, — אַ מחנה שטוב-ווערעמלעך הויבּן זיך דערפון אויף, ווי פון אַ וואָלקן, — אַז עס גיט זיך נישט אַ

שיט מוראַשקעס אַ נעץ. — און דאָ ליגט פאַר מיר: אַ שטויס ערד, היימישע, ערדישע, געזונטע, שמעקנדיגע — מיט ווערים ווי מיט אָדערן אַדורכגעמישט; — אַז איך האָב זיך נישט געגעבן אַ וואַלגער אַראָפּ און גענומען קושן זי: ערדישע, היימישע, — גוטענקע — מאַמעדיגע, פון וואַנען האָסטו דיך דאָ גענומען אין דער פאַרשאָלטענער פרעמד? — דו ליגסט דיך דאָ אַזוי אַ באַהאַלטענע, און דאָרט מוטשעט זיך דער מענטש מיט דער קויל דער פאַרשאָלטענער. — אַז איך גיב זיך נישט אַ הויב אויף און גיי אַריין טיפער אין די גראָזן — און דאָ זעט זיך דיר שוין אַ וואַסער אַ קלאָרעס, פאַרשטעלט אין די קוויטשערס. — און דאָרט קוקט שוין אַרויס צו דיר אַ ווערבעלע אַ קליינס, אַ ווייס — ערשט אָנגעהויבן צו בליען. — ערגעץ־אַנדערש־וואו אַ גרין נאָדל־בוימל. נאָך ערגעץ־אַנדערש־וואו — אַ קשאַק אַ שטעכעדיגער, — אָבער נישט פון די פרעמדע, וואָס מיר קענען נישט פון אונזערע מקומות — איר ווייסט שוין אַ וועלכן איך מיין, אַ וואַסערדיגן, מיט געשוואָלענע בלעטער, מיט שטעכערס פּאַסקודנע, — נאָר אַ היימישער קשאַקעלע, אַן אייגענער, אַ משפּחהדיגער — אַז עס האָט דיר נאָר געפעלט די קו די שטאָלענדיגע, וואָס זאָל איר פאַרגאַווערט פּיסק אַרויסשטעקן דערפון און זאָל דיר געבן אַ היימישן מריטשע. — אַז עס האָט דיר נאָר געפעלט דאָס קעלבל דאָס שקאָצל, וואָס זאָל דיר געבן אַ צאַפּל אַרויס פון צווישן די גרעזער. — אַז עס האָט דיר נאָר געפעלט דאָס זשרעבעקל דאָס יונגע, וואָס זאָל זיך דיר געבן אַ צעבריקע אויף דעם פעלד אויף דעם פרייען — אַזוי איז אַלעס דאָ געווען. אַלעס היימישע, — דאָס פעלד, דאָס גרעזעלע, דאָס בוימל, — דאָס וואַסער דאָס קלאָרע און דער הימל דער שיינער — דער ליכטיגער. — אַזוי איז דאָרט אַלעס געווען — נאָר די מענטשלעכע זאַנג האָב איך דאָרט נישט געזען. ווייסט איר, פאַרוואָס: ווייל דער מענטש האָט דאָרט געפעלט, דאָס צו פאַרזייען.

לאַנגע, שטילע פּויזע. — שווייגן.

ז י צ ע ו

ופט דערשראָקן

מענטשן, איר הערט מיך, צי ניין? — מענטשן, ראַנגלט זיך מיטן טויט. — לאָזט אייך נישט. — אָט גייען מיר דאָך אַלע צו דעם לאַנד, פון וועלכן איך האָב אייך דערציילט. — מיר'ן מיטנעמען וואַסער געניג, ביז צום ערשטן סטאַוו. — זעק מיט ברויט, ביז צו די ערשטע זאַנגען. - לאָזט אייך נישט, טרייבט פון זיך דעם טויט. — חברים, איר הערט מיך, צי ניין. — ער הערט זיך ווידער מיט שרעק איין איר זענט דאָך נאָר וואָס לעבע־דיק געווען.

א שוואַכע שטים

ווייט דאָרט, ברודער זייצעוו, צו גיין?

זייצעוו

ניין. נישט ווייט, אַ טאָג אָדער צוויי.

שוואַכע שטים

איך וויל טרינקען.

א צווייטער

עס שרפהט, ווי אין אַ אויוון.

א שטים

לאַכט ווילד

דער כיטראַק האָט אונז מיט אַ לידל צום טויט איינגעוויגט, געמיינט, נישט געוואוסט — גוט אַזוי — גוט אַזוי.

זייצעוו

ניין, ברודער אַנטאָן, בעט זיך מיט געוויין איך האָב נישט גענאַרט. מיר גייען דאָך אַהין, מיר זענען דאָך שוין אויפן וועג, — נאָך אַ ווײַלע, וועלן מיר דערגיין. פאַריאָג פון דיר די שלאַנג. — לאָז דיך נישט פון טויט. — דו הערסט מיך, ברודער אַנטאָן — זאָג, רוף זיך אָן. דו הערסט מיך, צי ניין? פאַרצווייפלט ער איז שוין שטיל. — אַנטאָן, ברודער!

ט א נ י

שוואך

און קוקורוזע וואַקסט אויך דאָרט, ברודער זייצעוו?

ז ײ צ ע װ

יאָ, טאני חבר, אויך קוקורוזע װאַקסט דאָרט, באַלד, לאָז דיך נישט, טאָני חבר, פון טויט, ביסט אַזאַ שטאַרקער. אָט באַלד, אָט שוין, דו הערסט מיך, – ענטפער מיר. – אויך דער שװײגט שוין.

ס ל ו ש א ס ש ט י ם

זײער שװאַך

און האָניג־בלומען, האָניג־בלומען װאַקסן אויך דאָרט, – װוּ איז דערהײם – אין פאַלס–קאַ לאַנד?

ז ײ צ ע װ

יאָ, חבר סלושא, יאָ. אויך האָניג־בלומען װאַקסן דאָרט – װוּ אין דער הײם – אין „פּאָלסקאַ״, חבר, ברודער מײן.

פּויזע

ז ײ צ ע װ

מיט די לעצטע כּחות

חברים, ברידער – שלאָגט אײך מיטן טויט. לאָזט אײך נישט. נײן, נײן, באַלד. אטעמט שװער באַלד, באַלד קומען מיר אָן – הערכט זיך אײן, קײנער ענטפערט אים נישט. — אַלע שװײגן שוין, אַלע, – אַלע – װי די הערינג – װי די הערינג – פאַרװענדזלט געװאָרן.

פון דערװײטנס באַװײזט זיך אַ מיראַזש פון אַ פּעט, גרין לאַנד. זײצעװ רופט מיט די לעצטע כּחות חברים – זעט דאָס לאַנד!

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

נאַכט-שאָטנס פון אומגעזעענע ריזן-געשטאַלטן וואַרפן זיך אַדורך איבער קוילן-ווענט. — פון די שפּאַלטן פון די קוילן-ווענט גייען אויף דינע רויכן — אַמאָל צינדן זיי זיך אָן און אַמאָל לעשן זיי זיך אויס — ווי גלי-ווערים. אין גאַנצן חלל איז אַ קאָכעניש פון כּוחות, וואָס וואַרפן זיך קרישטאָל-פאָרמיג און געוויקסן-אַרטיג אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, ווי אַ כעמישער שטאָף, צעגאַנגען אין אַ גלאָז. בײַ זייער ליכט ווערט באַלויכטן די קופּע פּגרים קוילן-גרעבער, וואָס ליגן איינער אויפן אַנדערן, אַרומגענומען מיט די אָרעמס, מיט די פּנימער צו דער וואַנט. פון דער קוילן-וואַנט שניידן זיך ענדלעך אַרויס פּרויען-פיגורן, אין שוואַרצע בלישטשנדע קוילן-מאַנטלען, וואַרפנדיג זיך אין אַ ראָד אַרום דער פּגרים-גרופּע.

אַסיד, אַ ווילדער יונג, קומט אַרייַנצושפּרינגען, טאַנצט איבער די פּגרים, ער גליט אינגאַנצן — אַרום אים רויך און געשטאַנק.

אַ ס י ד

פייער-כּוחות בּרענען אין מיין האַרץ, טליעט, אָן אַן
עָנד. — נישט געצוימט און נישט געשפּאַנט. — דאָרט וואו
איך לעק, איז אָפּגעמעקט.

א וּ מ ד ע ר פ אָ ר ש ט ע ק ר אַ פ ט

טאַנצט אין ליכט-שטראַלן, וועלכע וואַרפן פון זיך משונהדיגע קאָלירן, זשומעט אַרום די פּגרים

אַהין און אַהער, אַהער און אַהין. דאָ געשטעלט, דאָרט גע-
מעקט. ווי געבוירן, אַזוי געשטאָרבן. — אָן אַ פּאַרוואָס, אָן אַ
פּאַרווען. קיינער ווייסט נישט דעם טעם דערפון. — רינד און
ראַנד, ראַנד און רינד — שלייף איך מיינע שטראַלן אַרום.

אַ נ ט ר אַ צ י ט

ריזן-פּרוי שנייט זיך אויס פון וואַנט

אין שיפן-דעקן געפאַנגען, בּרענען זיי מיין האַרץ אין
גליענדע פלאַמען; צו באַנען-בייכער צוגעשמידט — שלעפּ איך
זיי איבער ווילדע שטרעקעס אַרום. — מיט קלונג און קלאַנג
פון לאַנד צו לאַנד — אָן אָטעם-כאַפּ — לויף איך שטעט און
דערפער פאַרביי. וואו געטאָגט, דאָרט נישט גענאַכט.

אַ ס י ד

אַלטע ווייבער — הויז-קנעכט! נישט קיין פרייער עלעמענט איז
די קויל מער. ווי דאָס פערד, ווי דער אָקס. — דאָס האָבן
אונז די ווייבער אַזוי אין קנעכטשאַפט צום מענטש געבראַכט!

א וּ מ ד ע ר פ אָ ר ש ט ע ק ר אַ פ ט

האָט מיך איינער פון זיי אין באַלעם גלאָז אַריינגעכאַפּט —
אויסצופאָרשן מיין איינגשאַפט, — רעדט און טראַכט, באַלעקט

און באַשמעקט, שלעפּט מיך ביי די צעפּ. — און מיטאַמאָל: פּיף און פּאַף, שטינק און שטאַנק — רויך און גאַז פון פלאַש אַרויסגעקנאַקט! — דעם קאָפּ צושפּאָלטן, די הענט פאַרברענט, אַ לאָך אין באַלקן אויסגעזעצט — אָט אַזוי באַגייט מען זיך מיטן מענטש.

אסיד

דאָס איז רעכט, דאָס איז רעכט — ברודער כּוח! זאָל מען אָננעמען די וועלט ביים פונדאַמענט און געבן אַ זעץ.

אַנטראַציט

זיצט איבער מיר אַ מענטש שוין אַ שטיק מיט צייט — אפשר ווייסט איר, וואָס ער מיינט? ער וויל מיט מיר נסים באַשאַפן... מען זאָגט: זייערע ווייבער האָבן זיך איינגעשפּאַרט, איר ווייסט שוין וואָס איך מיין. אַ חרפּה פאַר קוילן צו דער־ציילן. מישט מיך אַהער, מישט מיך אַהין — לאָזט מיך אויף, בינדט מיך צונויף. — מיט שונאים האָט ער מיך שוין פאַר־איינט, מיט פריינט צוטיילט. אפשר ווייסט איר, וואָס ער מיינט? נישט אַנדערש, נאָר איך זאָל אים פאַרטרעטן דאָס ווייב... עס קומט אָן אַן עלעקטרישע קראַפט, פול מיט פונקען — דאָ לעשן זיי זיך, און דאָ צינדן זיי זיך אָן. אַ געשטאַלט מיט טויזנטער אויגן באַזעצט — האָט איבער זיך אַן אייזערנע געץ.

אסיד

זעט, אונזער שוועסטער — עלעקטריק, דער שטאָלץ פון דער עלעמענטן־וועלט — מיידל־פריי געווען אַמאָל, פאַרשקלאַפט איז זי געוואָרן פון מענטש. — זעט, ווי זי גייט — אַ צוים אין מויל — אַ קייט אויף די הענט. עלעמענטן, זעט, וואָס דער מענטש האָט געמאַכט אויס אייך?

עלעקטרישע קראַפט

באַלייכט די פגרים

ווער האָט עס געטאָן?

אסיד

נוקם געווען פאַר דיין שאַנד. געמיינט — זיי האָבן אונז שוין גענומען אין פאַנג.

עלעקטרישע קראַפט

עס לוינט זיך, אסור, ניין. עס איז זיי נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. — ווען דו קוקסט זיך צו זייער לעבן איין — נישט ביי איינעם קען די קויל פלאַצן פאַר ווייטאָג, — נישט איינמאָל גלוסט זיך כאָטש אָנצוטאָן אַ מעשה זיך אַליין. אָנצוּוּרירן זיך ביי דעם אייגענעם דראָט און ברענען מיט זיי.

קאָך־קויל

מיר ווייסן — אונזער שוועסטער עלעקטריק איז אַ גרויסע פעסימיסטין. דאָס קומט איר פון צופיל קוקן אין די ווינקלען אריין. האָסטו דען נישט קיינמאָל געזען קיין פרייד ביי זיי?

עלעקטרישע קראַפט

ווי איז שייך? אַמאָל — אין מיטן דער נאַכט — ווען אַ מוּ־טער צינדט מיך אָן, ביי מיר איר קינד אָנצוּוויגן — אָדער, דאָרט אַן אַלטער מאַן אין זיין אייזנאַם בוידעם־שטיבל שליסט זיך מיט מיר איין: אָודאי זע איך אין דער מוטערס פּנים פרייד. און דער אַלטער מיינט — די וועלט דערלייזט. דאָס קינד, ווען עס וועט דערוואַקסן, שעלט די מוטער, וואָס האָט אים געבוירן. — און דער אַלטער שטאַרבט אָן אַ גאָט אין האַרצן — אַז מען זעט דעם אָנהויב און אויך דעם ענד.

קאָך־קויל

און דאָך — זאָג איך — יעדער טאָג ברענגט זיין פרייד. — איך בין דאָך מיט זיי שוין נישט פון היינט, — איך האָב דאָך נאָך זייערע באָבעס געקענט. — נישט ווי די יונגע שנע־קעס — פון היינט. און וואָס האָט מען פאַר מיר נישט פאַר־טרויט? און וואָס האָבן זיי צו מיר נישט אַריינגערעדט דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט? — און ווי עס מאַכט זיך אַמאָל: פאַרזוכט מען אויך אַ טראָפּ פון דעם טאָפּ — מען איז דאָך נאָר אַ זינדיגע קויל... נו, נו, אַז מען דערלויבט זיך אַזאַ פעטס — איז נאָך נישט שלעכט. — נאָר שוין אַזאַ נאַטור ביי זיי — שטענדיג נאָר צו קוקן ביי יענעם אין טאָפּ — קיינמאָל נישט מיטן אייגענעם צופרידן זיין.

עס צובלישטשען זיך בריליאַנטן — די דימענטן-קעניגין ערשיינט, — וויל פאַרבײ-
גיין, שטעלט זיך אָבער אָפּ מיט אַ שטאָלצער מינע, נישט קוקנדיג צו קיינעם

דימענטן-קויל

און איך זאָג נאָר איינס — עס איז דאָך אַלעס אַזוי גוט, —
עס איז דאָך אַלעס אַזוי שיין. תּמיד איז יום-טוב ביי זיי,
תּמיד איז פרייד. אַלע שטובן זענען באַלייכט, אַלע טישן זע-
נען געגרייט. עס פינקלט דער וויין, דער הער אין פראַק, די
דאַמע אין באַל-קלייד. — אויף דעם וויסן אַלעבאַסטער-האַלז
שיין איך ווי אַ זון, יעדעס אויג צו מיר געווענדעט — יעדער
בליק, יעדער קוש. די ערד אַ הימל, דער מענטש אַ קעניג.
די וועלט אַ באַל. תּמיד פרייד, תּמיד גליק. עס איז דאָך
אַלעס אַזוי גוט! מען באַדאַרף נאָר האָבן אַביסל גליק.

עלעקטרישע קראַפט

אויף דער ווייכער ווייבער-ברוסט זיצט זיך גוט. אין דעם העלן
ליכט זעט אַלעס אויס יום-טובדיג שיין, — וואָלט זי נאָר אַזוי
ווי איך, דורך דער טיפעניש פון ים-נאַכט דורכשפּאַצירט. דער
וועלטס ראָד געדרייט!

דימענטן-קויל

ווי איינעם עס איז באַשערט. פאַר יעדן זיין אָרט אָנגעגרייט.
ועם אויף דער ווייבער-ברוסט — ועם ערגעץ-אַנדערש וואו.
בחינם דאָס בונטעווען, בחינם דער פּראָטעסט, איר וועט עס
נישט איבערמאַכן.

עלעקטרישע קראַפט

דאָס האָב איך שוין אָפּט געהערט ביי רייכע טישן רעדן —
אַז אַלעס איז נאָר גליק. יעדער איינער, ועמען עס גייט גוט,
מיינט אַזוי. אַנדערש טייטשן עס אויס די אָרימע לייט, — אַז
אַלעס איז נאָר רויב.

אסיד

די עלעמענטן ווערן אַלט — אויסגעוועבט — אין דינסט ביי
דעם מענטש, ווי דאָס רעדט: אַלטע ווייבער; אויסגעדרע-
סירטע קעץ. — ווי דער הונט אויף דער קייט, גייט עס נאָך
דעם מענטש. נישט קיין פרייער קוילן-עלעמענט מער אין גע-

ווירבל און געשריי, אויסצולעבן זיך זיין לעבן אַליין! געדענקט איר דען נישט, שוועסטער, יענע צייט. יענע יאָרן? ווען מיידל־פריי זענען מיר געוועזן אויף דער וועלט אַליין? —מיר האָבן אויסגע־טרונקען די גאַנצע זון; —מיר האָבן אויפגעפרעסן אַלע געמויזעכצער, אַלע זומפן; —מיר זענען געוואַקסן אין דער דיק, אין דער ברייט — קיינער האָט נישט געוואויגן אונזער קראַפט. קיינער האט נישט גע־מאָסטן אונזער דיק. צו קיינעם נישט קיין קנעכט. צו קיינעם נישט געדינט. אַ צוועק פאַר זיך אַליין.

באוועגונג צווישן די עלעמענטן — שטילשווייגן

עַנערגיע

שרייט אַרויס

טויזנט שדים אין איין ריר, — טויזנט רוחות אין איין אָטעם! איך האָב געריסן בערג און געשליידערט זיי אין טאָל אַריין.— פאַר גאָרנישט, נאָר פאַר צייט־פאַרווייל. — איך האָב געהויבן ימים און אויסגעשפּיגן זיי. — וואו איך האָב געוואָלט, האָב איך אַ פייערדיגן קראַן אויפגעעפנט, געריסן קאָריטעס, — צע־בראָכן צוימען — געלייגט וועלדער, — געהויבן ווינטן. — פוסט און פאַס איבער דער וועלט אַרומגעלאָפן.—איצט זעט די קייטן אויף מיינע הענט. — ער קלימפּערט מיט די קייטן זעט, ווי זיי האָבן מיך געבראַכט אין שפּאַן אַריין.

אַסיד

לאַכט

ווי דער ווילדער אָקס — גייסטו נאָך זיי!

עלעקטרישע קראַפט

דערמאָנט זיך — זאָגט אין טרויער

יאָ, עס איז אַמאָל געווען אַ צייט. — אַמאָל, אַמאָל אין יענע קינדער יאָרן — ווען מען איז נאָך געווען פריי, — געהאַלטן האָב איך די כוחות פון דער וועלט ביי די צעפּ, אין מיינע הענט. איך האָב געכשופט די וואָלקנס פון הימל אַראָפּ, — גע־צויגן שנורן ליכט פון איין עק צו דער אַנדערער צו. — גע־שפּאָלטן דעם הימל, — דער ערדס בויך אויפגעפראַלט, די שטערן געשלעפּט פון זייער צוגעשפּאַנטן אָרט צו דעם אַנדערן

עק. — אַז איך האָב געוואָלט, האָב איך געדונערט און גע-
בליצט, ווי אַ גאָט. קרעפּטן געצויגן, קרעפּטן געטיילט. פאַר
גאָרנישט, נאָר פאַר בלויזן קאַפּריז! יאָ, געווען אַמאָל אַ צייט!

אסיד

און וואָס איז געוואָרן אויס אונז? — טראָפּן, טראָפּן שעפּט
דער מענטש אונזער קראַפט, ווי אויס אַ קראַן, ווי אויס אַ
לאָך. קיינער האָט סיי-ווי-סיי פון אונז נישט קיין פרייד. —
דורך דעם זאָג איך איינס: — פיף און פאַף פון דער ערד
אַרויסגעזעצט, דאָס פּולווער-פאַס אונטערגעצונדן, דעם גאַנצן
פונדאַמענט אונטערגעהאַקט. — זאָל אַלעס זינקען אין לאָך
אַריין! — זאָל קנאַלן דער רויך, קאָכן דאָס פייער — די גאַנצע
וועלט אין שטראַלן-זייל, מיט פלאַמען געשפּריצט, מיט רויך
געזעצט — פאַר גאָרנישט, פאַר קיינעמס צוועק — אָן אַן עק
אין אַלע אייביקייטן אַריין.

גריפּעל

א טיפּ פון א לערער, אָנגעטאָן אין א סורדוט, מיט ברילן, רעדט פלעגמאַטיש

ווי אַן אַלף — איז אַן אַלף, אַ בית — איז אַ בית, — אַזוי
איז עס פעסטגעזעצט און פעסטגעשטעלט: — אַז יעדער אָנהויב
האָט אַן ענד. אָפּגעברענט, אויסגעלאָשן — אין אַן אַנדער
קערפּער פאַרפלאָסן, — אַזוי געבוירן — געשטאָרבן, געשטאָרבן —
געבוירן. — מיר קענען נישט פאַרשווענדן אונזער פאַרמעגן —
אָן אַ חשבון; מיר מוזן זיך אויך פון וועמען דערנערן.

אסיד

אַז אַנישט איז וואָר, וואָס ער דאָרט דערציילט. ער לאָזט זיך
פירן פון מענטשלעכן שכל — ווי ווייט קען ער גאָר דערגיין? —
ער האַקט זיך אין אָנהויב, — ער האַקט זיך אין ענד. — ער
וועגט און מעסט אונז מיט זיין אייגענער וואָג און שאָל —
אומענדלעך זענען מיר — און אָן אַ צאָל, — געטער זענען
מיר — נישט קיין מענטש.

אומדערפּאָרשטע קראַפט

עס האַלטן זיך אין מיר געגנוג כוחות אויף - אויסצושטראַלן
וועלטן גאַנצע. קוקט אין מיינע פאַרבאָרגענע זונען אַריין —

ווי עס קאָכט, ווי עס זידט. רעדער דרייען, פונקען שפּריצן — עס קרישלט זיך מיט לעבנס אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ. מינוט איין, מינוט אויס — שאַף איך לעבנס פון מיר אַרויס. נישט געאַקערט און געוואָקסן, נישט געזייט און גע-שניטן, קיינער דערנערט נישט מיינע שטראַלן, — איך שטיל דעם הונגער זיך אַליין איין. — איך בין דער פאָטער און דער זון; איך בין די מוטער און דאָס קינד. — קיינער האָט מיך נישט געלאָזט אין גאַנג. — קיינער וועט נישט אָפּשטעלן מיין ראָד. — אָ, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט אָט אָ דאָס... אָ, דאָס...

כּוחות

פרשטויגט

וואָס אַזוינס?

אומדערפאָרשטע קראַפט

איך ווייס נישט, ווי דאָס אָנצורופן, — איך האָב נישט דער-פאַר דאָס פּאַסיגע וואָרט.

כּוחות

קענסט אונז נישט געבן פאַרשטיין מיט אַנדערע רייד?

אומדערפאָרשטע קראַפט

אָט דאָס, אָט דאָס — אויפצוהויבן זיך פון זיך אַליין, פון דער אייגענער הויט, — אָן געהייסן, אָן באַפעל. נישט צו ליגן מיטן גאַנצן טאַראַראַם איבער אַנאַנד — ווי אַ טויטער שטיין. אָ, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט יענע זאַך, וואָס דאָס מינדסטע לעבעדיגע באַשעפעניש האָט.

עלעקטרישע קראַפט

מיט אַ קרעכץ

דאָס, וואָס דער מענטש האָט אין פולער מאָס.

אומדערפאָרשטע קראַפט

טיילמאָל, ווען איך ליג אַזוי אין דער טיפער נאַכט — אויס-געבעט אין דער שוואַרצער אומענדלעכקייט — מיט אַלע מיינע וועלטן-עמבריאָנען איינגעפלאָכטן אין מיין בויך, און איך טראַכט און טראַכט, — דוכט זיך מיר, אַז איך הער דאָרט עפּעס וואָס... אַן אָדער גיט זיך אַ ריר, — אַ קרישטאָל — אַ צי-

טער, אַ צאַפּל, אַ פונק, און איך דערפיל אַ פאַרלאַנג, — נאָר באַלד גיט עס אַ פאַרשווינד, ווי עס וואָלט נאָר אַדורכגעלאָפן אַ ווינט... ווי אַ קאַץ גיט עס אַ פאַל—אָט געווען און שוין נישטאָ באַלד...

כּוחות

רינגלען זיך ארום

קראַפט! קראַפט! זוך! וועק! — באַלד וועסטו דיך געבן אַ דערמאָן. — גיב אונז אַ צוועק, גיב אונז אַ טעם!

אַנדערע

פלעכטן מיר זיך אין דיר איין, לויפן מיר אין דיין ראָד מיט, — לעבן מיר דורך דיר אויף. — גיב אונז אַ תּכלית! גיב אונז אַ צוועק!

אַנדערע

דערוועק, דערמאָן.

אַנדערע

בעטנדיג זיך

אום דער קוילס וועגן — גיב אונז לעבן!

אונדערפאָרשטע קראַפט

אָט נאָר וואָס געהאַט, אָט נאָר וואָס געווען.

כּוחות

מיט גרויס געוויין און געבעט

כאַפּ עס אָן ביי דער האַנט!

אומדערפאָרשטע קראַפט

פארלוירן

וואָס דען? ווען? קען אַ קויל געבוירן? — איך בין אַ שטיין געוואָרפן — און איך פאַל און פאַל.

אַנטראַציט

קלאָגט און וויינט

שטומע געטער זענען מיר, פאַרהאַרטעוועטע פלאַמען. בלינדע זונען, פאַרשטיינערטע קוואַלן. — אין אונז ליגט קראַפט גענוג וועלטן ווי באַלן צו מאַכן שפּרינגען — דעם גאַנצן אומענד

אויפצוקאָכן און אויפצוזידן, און מיר ליגן אין מענטשנס האַנט.

ע נ ע ר ג י ע

הייגט

זיבן זונען זענען פאַרשפּייכלערט אין מיין בויך. אויפגעפרעסן אַלע געמויזעכצער פון די וועלדער, אויסגעטרונקען אַלע זומפּן, פון יונגע ימים. — אַז איך ווער צעזעצט און צעפּלאַצט און שטיי ווי אַן אָקס — נאָר צו גיין ביי דעם מענטשן אין שפּאַן

א ו מ ד ע ר פ אָ ר ש ט ע ק ר אַ פ ט

אין אונז ליגט כּוחות גענוג אַלע פעלדער צו מאַכן בליען, אַלע באַשעפעניש צו זעטיגן מיט שפּייז, — אַלע פייערן צו דער־נערן מיט קראַפט. פון אונז איז אָפּהענגיק יעדע לעבעדיגע זאַך און מיר שטייען אומבאַוועגט, ווי דער טויט אַליין.

אַלגעמיין געוויין פון די כּוחות

עס בליען אויף פייערן און לעשן זיך אויס. פון אומעטום א יאָמערן. ווי א וואונק פון ראַנד. אַ קאָכעניש — רויכן שטייגן, גאַזן באַוועגן זיך.

ווער וועט אונז באַפרייען פון דעם מענטשנס הענט? פון־מענטשנס געוואַלד?

ט אָ ר ף

א וואַקס אויס, הויך און פראָסט ווי א פויערטע

פאַסט עס פאַר די מוטערס פון דער וועלט — ווי ווייבער צו וויינען און צו ברעכן די הענט?

כּ ו ח ו ת

מיט פאַרוואונדערונג

ווער וואַגט צו רעדן צו אונז אַזעלכע רייד?

ט אָ ר ף

איך בין דער טאָרף: די יינגסטע אין די יאָרן, איך בין אַ פראָסט ווייב — איך גיי אום מיט די מענטשן נישט פון היינט, איך ווייס זיינע פאַרלאַנגען, — איך קען זיין נאַטור.

ע ל ע ק ט ר י ש ע ק ר אַ פ ט

וואָס קען זי אונז פאַר אַן עצה געבן געגן דעם מענטש?

טאָרף

צו נעמען אים אין געפאַנג.

כּוחות

ווי אַזוי?

טאָרף

גלייכגילטיק

דורכן שטיקעלע ברויט. דער מענטש איז גאָרנישט אַזוי געט-לעך, ווי דער עלעמענט מיינט. ער איז נאָר אויך אַ שטיקעלע קויל — ער נעמט און גיט. ווי יעדער איינער פון אונז.

עלעקטרישע קראַפט

אפשר וועט זי אונז זאָגן באַשייד, וואָס זי מיינט?

טאָרף

איך קען דעם מענטשנס נאַטור נישט פון היינט, איך בין גע-וואוינט מיט אים פון לאַנגער, לאַנגער צייט. עס געפינט מיך דער פויער אין פעלד און נעמט מיך מיט אַהיים, הייצט מיט מיר דעם אויוון איין. הער איך זיך צו זיינע רייד איין, פאַר מיר פאַרטרויט ער זיין האַרץ: ווען ער וואָלט נאָר רעגן גע-האַט צו דער צייט, וואָרעמקייט געגנוג זיינע פעלדער רייף צו מאַכן, די קאַרטאָפל פעט, די אייטערס פול — און אַלץ אַזעלכע רייד. ניין, ער איז גאָרנישט אַזוי געטלעך, ווי איר מיינט.

אַסיד

דער מענטשן-שפּיאָן, דער מענטשן-הונט — ווי זי רעדט מיט גלאַטיגער צונג.

טאָרף

עס חלומען די מענטשן פון לאַנגע, לאַנגע צייטן פון אַ פעלד, וואָס וואַקסט אַליין — וואָס ליגט ערגעץ פאַר זיי אָנגעגרייט, אַ לוין פאַר אַלע זיינע מי און לייד. — אַ לאַנד אין דר'ערד — זיין קאָפּ צו פאַרדעקן פון דער נאַכט, — אַ קלייד איבער זיין נאַקעט לייב — פאַר דעם ווינט און פאַר דער קעלט. פון אונז וועט ער אָפּהענגיק זיין. עס דינט נישט דער מענטש קיינעם אַזוי געטריי — ווי זיין אָרעם שטיקל ברויט, און אַנ-שטאָט דאָרט צו דער נאַרישער זון, — צו אומבאַקאַנטע פּלאַ-

געטן — ווער ווייסט? מיר וואָלטן צו געטער געוואָרן פּראָק-לאַמירט, פאַר אונז וואָלט ער טעמפּלען געשטעלט, די קויל אויפן הייליגן אַלטאַר אויסגעשטעלט — פאַר איר צו זינגען אַ געטלעך לויב. — וואָרום, נאָך אַלעם זענען מיר דאָך די — וואָס באַזאָרגן אים דאָס שטיקעלע ברויט!

אַלע בלייבן שטיל און פאַרגאַפט

קאָך-קויל

איך מיין עס אויך אַזוי. דער מענטש איז אַ זייער דאַנקבאַרע חיה. ווי ער נעמט מיך דאָס אַרויס, ווי ער האַלדזט מיך — ווי ער קלאַמערט זיך אין מיר פאַר דעם ביסעלע וואַרעמקייט, וואָס איך גיב אים. און ער זויגט דאָך פון אונזער ברוסט סיי-ווי-סיי. און יעדע אַם האָט ליב דאָס קינד, — וואָס שטילט זיך מיט איר מילך, האָב איך רעכט, צי ניין?

גריפּעל

און איך קען אייך נאָר באַשטעטיקן איינס: אַזוי ווי אַן אַלף — איז אַן אַלף — און אַ בית — איז אַ בית — אַזוי האָב איך פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס, — אַז אָן מענטש איז נישטאָ קיין גאָט, — ער איז עס, וואָס האָט אויסגעפונען זיין געט-לעכע קראַפט, אַז נישט וואָלט אַלעס נאָר געווען „עלעמענט”.

דימענט-קויל

וואָס מיינט איר, חברטאָרינס, איך מיט מיין פּראַכט און גלאַנץ בין די ריכטיגע געטלעכע רעפּרעזענטאַנץ, — פון קאָפּ ביז צו די פיס איז דאָך נאָר אַלעס גלאַנץ.

אַסיד

וואָס מיר פּראַכט, וואָס מיר גלאַנץ? — דער עיקר איז די אימה, דער עיקר דער נס, — מורא באַדאַרף מען האָבן פאַר אַ גאָט — אַז נישט איז גלייך — שטינק און שטאַנק. — מיט דונער און בליץ. — דעם מענטשן באַדאַרף מען האַלטן תמיד אין שרעק.

גריפּעל

איר וועט זיך שפּעטער מיט דער געטלעכקייט טיילן, דאָס לעבן וואַרט אויף אונזער פּראָצעס.

כוחות

ברודער גריפעל, דו ביסט געלערנט — זאָג אונז, וואָס צו טאָן?

עלעקטרישע קראַפט

צו נעמען דעם מענטש אין געפאַנג, איינצושפּאַנען אים אין אונזער ראָד. דעם מענטש באַדאַרף מען בינדן מיט זיין אייגענעם שטריק, ווי שוועסטער טאָרף זאָגט, אָט וואָס. עס ליגט דאָ צווישן זיי אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס נעמט מיראַזשן אָן פאַר רעאַליטעט — האָט געוואָרפן צווישן די מענטשן די לעגענדע פון וואונדערלאַנד. וואו עס וואַקסט ברויט אָן גע-אַקערט און אָן געזייט. לאָמיר לעבעדיג מאַכן זייער חלום פאַר זיי: די גרוב וועט ווערן זייער היים, דער פונק — די זון, די קויל — גאָט.

כוחות

אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס?

גריפעל

געבוירן זענען מיר אַלע דורך איין געבורט, שטאַרבן וועלן מיר אַלע דורך איין טויט. — געשפּאָלטן ליגט יעדער פון אונז. ערגעץ-וואו איז די העלפט פון אונז און בענקט נאָך אונז, ווי מיר נאָך איר. אַליין זענען מיר גאָרנישט. אַלטע בחורים, פאַרזעסענע כלות. געאיינציקט אין טויט, געפּאָרט אין לעבן. ווילן מיר פרוכטבאַר זיין — מוז יעדערער פון אונז אין שדוכים שטיין.

עלעקטרישע קראַפט

ברודער גריפעל איז פאַרקראָכן אין פילאָזאָפיע. דאָס קומט אים פון צופיל ביכער שרייבן. עלעמענטן רעדן נישט — עלע-מענטן טוען.

קאָד-קויל

איך בין דאָך שוין אַ קויל אין די יאָרן, נאָר אַזעלכעס האָט מיר נאָך נישט פּאַסירט. בין דאָך שטענדיג געוואוינט אַליין מיט מיין פייער-טאָפּ צו גיין שלאָפן, און אויף מיינע אַלטע יאָרן זאָל מיר נאָך זיין אַזעלכעס באַשערט?

אסיד

איך און פאַף — געהערט אַ זאַך? ווילן מיט מיר אַ שידוך טאָן? איך וואָרן אייך פאָראויס — איך וועל דער כּלה אָן אויג אַרויסנעמען, אַלע האָר פון קאָפּ אַרויסרייסן. אָ, איך ווייס שוין, וואָס איך וועל טאָן.

דימענט-קויל

איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, ווער עס וועט מיין מחותּנתטע זיין, דעם יחוס נאָר נישט איינצוריכטן.

גריפּעל

עס וועט אייך גאָרנישט העלפן. די, וואָס ווילן נישט מיט גוטן ווילן צו דער חופּה גיין — וועלן ווערן געשלעפּט ביי די צעפּ אין חתנס בעט.

עלעקטרישע קראַפט

איצט זאָג אונז, וואָס איז צו טאָן. פון אַלע רייד וויסן מיר נאָך נישט, וואָס איין און וואָס אויס.

גריפּעל

עס האָט דער מענטש דורך מיר פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין גרויסן בוך: ווער מיט וועמען און ווער מיט וואָס עס האָט צו באַשאפן אַ פּאָר. די עלעמענטן מוזן פרוכטבאַר זיין. אַ גרויסע חתונה מוז קומען איבער דער וועלט. אַלעס, אַלעס מוז אין שדוכים שטיין. עס איז נישט דאָס קאָכן, עס איז נישט דאָס זידן — דער עיקר דאָס מישן; אַבי עס זאָל געשען דער אַקט. וואָג און מאָס קומען און שטעלן זיך אין קאָן. פאָרם איז אַ מינדערווערטיגע זאַך. זי שלעפּט זיך ממילא נאָך— מיט יעדער געבורט. איצט טו איך אָן די ברילן און שלאָג אויף דאָס בוך ער טוט זיך אָן אַ פּאָר ברילן, שלאָגט אויף אַ בוך עלעקטריש ליכט, לייכט מיר צו, עלעקטריש ליכט באַלייכט אים איצט רוף איך אויס די זווגים. עלעמענטן, הערט זיך נאָר גוט איין, עס זאָל נאָר נישט געשען קיין טעות. ער ציט מיט דער האַנט אין דערלופטן דער מיט דעם — און דער מיט דעם מישן זיך אויס

און עס קומט דערפון אַ דריטס אַרויס! ער כאַפּט אויף פון דער לופטן

כוחות און וואַרפט זיי צוזאַמען

א דונערן, א בליצן, א שלאַקס רעגן פאַלט אויף דער בינע

גריפעל

רופט אויס

איצט זענען מיר געטער אַליין!

פ ע ר ט ע ר אַ ק ט

די סצענע ווערט פאַרוואַנדלט, ווי ענדע צווייטן
אַקט. די גרעבער ליגן שוין אַלע אין איין קופּע
פאַרוועגדזלטע. זייצעוו אַליין, ראַנגלענדיג זיך מיט
די לעצטע כוחות, באַווייזט נאָך סמנים פון לעבן.
ער הערט זיך איין צו ווייטע אָפּהילכנדיגע קלאַנ

זייצעוו

ווער איז דאָרט? וועך? ער הערט זיך איין ברידער, מען קומט, מען קומט — הערט זיך איין! — אָ, אַלע זענען זיי שוין פאַרווענדזלט געוואָרן, ווי די הערינג. — שווייגן. — ער אליין הויבט זיך אויף, נעמט אַ האַק און לויפט צו צו דער קוילן־וואַנט — און פּראַכט האַקן. — די גאַזן אָבער, וועלכע האָבן אים ארומגערינגלט, ווארפן אים צו דער ערד אָ, שטיקנדיגער עלעמענט. פייערדיגער געשטאַנק, אַוועק פון מיר, — אַט באַלד, אָט שוין קומט אָן דער מענטש — ניין, איר וועט מיך נישט פאַנגען, — צו דער זון, צו דער זון — ברידער, דאָס לאַנד! דאָס לאַנד! ער פאַלט אום — איין שווייגן.

א לאנגע שווייגנדיגע פויזע, אייבציגווייז זעט מען, ווי די כוחות זשומען ארום די געפאלענע פגרים, ווי גליי־ווערים, דאָ צינדן זיי זיך אָן, דאָ לעשן זיי זיך אויס. גאזן קאכן זיך, און צולאָזן זיך, ווי קרישטאלן אין א גלאָז. — ווי קריכנדיג אין פייערדיגע שנורן ארויף און אראָפּ, אראָפּ און ארויף — באַוועגנדיג מיט ליכט און שטראַלן די ליגנדיגע פגרים, — פון דעם ליכט ארויס זעט מען, ווי די פגרים הויבן זיך אָן צו באַוועגן, אייבציגווייז — ביז זיי וואַקסן אויס צו איין באַוועגלעכע מאסע, וועלכע קומט ארויס צו שווימען פון פארנעפּלטן ליכט, ווי רוחות, שאָטנס, מענטשן און נישט קיין מענטשן — פאַרהוילן הינטער אַ געוועב פון געדיכטע שלייערס.

זייצעוו

פון נעפּל אַרויס

נאָך מיר, חברים. — דאָ אויף דער זייט האָט עס זיך באַוויזן.

שטימען

הינטער אים

וואו? זייצעוו, וואו?

זייצעוו

ערשט וואָס געוועז. — ערשט וואָס געזעען — אַ שטראַל ליכט האָט געגעבן אַ בלאַסק - איך האָב דערהערט אַ קלאַנג.

שטימען

הינטער אים

מיר זעען גאָרנישט, מיר הערן גאָרנישט — מיר זענען טויט.

זייצעוו

ברידער, ניין, — נאָך אַ טריט, נאָך צוויי — נאָך מיר — אויף דער זייט — דאָ האָט עס זיך באַוויזן — מיר וועלן עס געפינען — עס קומט, עס קומט צוגיין.

שטימען

וואָס לאָזט ער נישט שטאַרבן רואיג?

אַנדערע

וואָס ציגאַנעוועט ער אונז — וואָס לאָזט ער נישט די קאָפּי־טעס אויסציען רואיג.

אַנדערע

לאָזט, ברודער זייצעוו, שטאַרבן רואיג.

זייצעוו

ניין. — ניין. איר הערט נאָך — איר זעט נאָך, — איר גייט נאָך מיר. נאָך מיר — פון דאַנען הערן זיך די שטימען. פון דאַנען אָט די קלעפּ אין דער וואַנט — אָט באַלד. באַלד וועט זיך באַווייזן די זון.

אַנטאָנס שטימע

בחינם, חברים, דאָס זוכן. איך, אַנטאָן, דער רוס, זאָג: עס איז גאָרנישטאָ, גאָרנישטאָ פאַרן אָרימאַן.

שטימען

גאָרנישטאָ פאַרן אָרימאַן.

סלושאַס שטימע

איז געגאַנגען דער הויכער סטאַק מיטן בלינדן יאַן זוכן דאָס לאַנד — און זענען קיינמאָל נישט געקומען צוריק.

סעווערין

אָבער עס מוז דאָך ערגעץ - וואו עפּעס זיין — זאָגט, ברידער, איז דאָ, צי ניין?

אַנטאָן

גאָרנישט איז דאָ. גאָרנישט, בלויז ציגאַנעווערייַ פאַרן אָרימאַן.

זייצעוו

שטעלט זיך פּלוצים אָפּ און ווייזנדיג זיי אין דער פינסטערער נאַכט

חברים, זעט — זעט — זעט.

שטימען

וואָס זען? — מיר זעען נאָר בלויז קויל.

זייצעוו

ווייטער. — קוקט. — איר זעט, עס הויבט זיך אַ וואָלקן, עס וויקלט זיך עפּעס פון שאָטן אַרויס — עס אַנטפּלעקט זיך — וואָס דאָס, — קוקט, בערג - שפּיצן שטאַרצן פון טוי אַרויס — בעזים-וועלדער שטאַרן אַ טומאַן אַדורך, זעט!

שטימען

אונזערע אויגן זענען בלינד — מיר זעען גאָרנישט. נאָר קויל.

זייצעוו

עס איז נאָך פאַרהילט אין מאָרגן-גרוי. — דערשמעקט עס מיט דער נאָז — דערפילט איר נישט אַ פייכטקייט פון גראָז? נאַכט-פאַרעס הויבן זיך איבער סטאַוון אויף. — דערשמעקט, דער-פילט — ערד, מיר טרעטן אויף ערד!

שטימען

וואו... וואו...

זייצעוו

ווייטער, ווייטער — עס אַנטפּלעקט זיך אַ לאַנד פון נאַכט אַרויס, ווייט און ברייט — אָ, עס גרינט זיך שוין אין מאָרגן-גרוי, — מיינע פיס זענען באַדעקט מיט טוי. — מיינע אויגן,

מיינע הענט זענען פייכט. מיר זענען אויף פעלד, אויף פעלד.

א גרויסע באוועגונג

שטימען

רופן שוין

יאָ, יאָ.

סעווערין

שרייט אויס

מיינע פיס אין גרעזער איין. — קשאַקעס רינגלען מיך אַרום—
איז עס פאַרנאַכט, צי וואָס?

שטימען

יאָ. יאָ, מיר אויך.

סלושאַ

מיט גרויס פרייד

שווייגט, שווייגט, איך הער זשאַבעס קוואַקען אין אַ זומפּ. —
איך דערפיל מיסט פון אַ קו, — ערגעץ־וואו מוז אַ פּאַשע־
פעלד זיין, וואו אין דער נאָנט — „לאַנגעשין”, — צי וואָס?

סעווערין

באָזשע מוי! עפּעס וואָס שטאַרט מיך אין דער נאָז. — איך
דרעפּטשע אין אַ בלאָטע. ניין, עס איז אַ כלעבנע. — חזרים
קוויטשען. — כמאראווקאַ — די היים. — באָזשע מוי — וואָס
איז דאָ?

אנטאנס שטימע

רייסנדיג זיך

וואו, וואו? — זאָגט וואָס —

טאָני

מיט פרייד

שטייט, שטייט! אַ באַרג, אַ ציפּריס־בוים, עס בלישטשעט אַ
ווייסע וואַנט פון אַ הויז. אויף דער שוועל שטייט אַ פרוי, פון
אַ שוואַרצער קאַפּע קוקט אַ געזיכט אַרויס... עס איז מיין מוטער
וואָס וויינט.

ש ט י מ ע ן

רופן שוין מיט פרייד

זעט, זעט!

עס לייטערט זיך וואָס אַמאָל מער אויס און עס אַנטפּלעקט זיך אַ מאָדנע וועלט: — פעלדער, וועלדער, גערטנער, אַלע באַוואַקסן מיט תבואות און פרוכטן, נאָר אַזעלכע אויסטערלישע, וואָס אין לעבן זעט מען נישט. — ווי קוילן־אַרטיק, ווי געוויקסן, וואָס שמאַכטן אין מדבר, קאָקוסן און קליינע איינגעדאַרטע נאָדל־ביימלעך. עס באַווייזן זיך אויך הייזלעך, נאָר די הייזלעך זענען ווי שוואָמען אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד. זייערע דעכער מיט מאָך און קאָרע באַוואַקסן. — אַ וואַסער, מיניאַטורן־אַרטיק, שלענגלט זיך אויך פאַר די הייזער. — אַלעס, ווי יאַפּאַנעזישע מיניאַטורן, נאָר וואָס שרעקט און באַפרעמדט אַממייסטן — איז די באַלויכטונג, די באַלויכטונג נישט פון טאָג און נישט פון נאַכט. — ווי פאַר אַ שטורם. קיין שטראַלן זעט מען נישט, דאָס ליכט האָט קיין שאָטן נישט, און די הייזער שטייען ווי קינדערשפּילעכלעך איינס נעבן אַנדערן. אַלע וואַרפן זיך אויף דר׳ערד און שטרעקן די הענט אויס צו דער דערשיינונג — שטום, אָן ווערטער.

ס ע ו ו ע ר י ן

מיט פרייד און ערשטוינען

צי חלום איך, צי זע איך אויף דער וואָר?

ז י י צ ע ו ו

מיט פרייד

חברים, דער מדבר בליט!

אַ ל ע נ אָ ך א י ם

מיט פרייד

דער מדבר בליט!

ו ו ע ס ע ל אַ א ו ס

קומט אָנצולויפן אַ צעיאָכמעטער

וואָס טאָן — ברודער זייצעוו, זאָג!

אַ נ ט אָ ן

מיר באַדאַרפן שיקן מענטשן אויסשפּירן דאָס לאַנד, וועלכעס איז פאַר פאַשע גוט, וואָס פאַרן אַקער, און וואָס פאַר דער קו.

סלושא

איך האַלט מיט הראַמאַדע, וואָס הראַמאַדע וועט זאָגן, וועט זיין געטאָן.

סעווערין

נישט געאײַלט און נישט געיאָגט. מען באַדאַרף וויסן, ווען און וואָס, וויפל פעלד און וויפל וואַלד. נאָך די קעפ באַשטימען דאָס לאַנד, עס מוז אַלעס מיט אַ סדר זיין.

סלושאַ

געוויס, פון אײַלן קומט קיין גוטס נישט אַרויס.

אַנטאָן

אויסמעסטן באַדאַרף מען יעדן זיין טייל, וויסן וואָס איז מיין, און וואָס איז דיין. ציען אַ שנור, שטעלן אַ פלויט.

וועססעלאַוס

יאָ, טאַקע אַזוי צום טערק, ווייזט אים אָן די זעסט דעם באַרג דאָ, וואו עס וואַקסט דער ציפּריס-בוים — דאָס וועט זיין מיין, פון ציפּריס ביז צו דער זילבער-סקאַלע וועט מיין גרענעץ זיין, איך וועל מיר אויפשטעלן אַ פּאַן.

טערק

איך בעט דיך איבער טויזנט מאָל. די סקאַלע איז טאַקע דיין, דער ציפּריס איז מיין. — וואו ציפּריסן וואַקסן, דאָרט איז שוין טערקיי. ביידע אמפּערן זיך צווישן זיך.

טאָני

רייסט זיך צווישן זיי אַריין

מיינע פריינט, בחנם געאַמפּערט, בחנם געשפּאַרט — אַלעס איז מיין. סקאַלע און ציפּריס — גוט פּאַרן ווייַן.

אין אַן אנדער גרופּע

סעווערין

און איך וועל מיר נעמען דעם טייל אין טאָל. איך האָב ליב, עס לויפט אין דער נידער אַריין. ביי אַ טייך — אַזוי ווי אין דער היים — מיין גרענעץ וועט אויף יענער זייט זיין, ביים טאָפּאָלן-ראָוו.

ס ל ו ש א

דאָס איז שוין נישט שיין. מיר זענען טאַקע שכנים אַ פּאָר — נאָר דער טייך איז מיין. זעסטו נישט, צי וואָס? עס גייט אין מיין גרענעץ אַריין, — ביז צום וועלדל העט, וואָס באַלאַנגט צו אונז ביידע.

אַ נ ט אָ ן

ניין, ניין — דאָס וועלדל איז מיין. *אמפּערן זיך צווישן זיך.*

אַ ש ט י מ ע

דאָס, ברודער, וועט נישט גיין. אַלעס מוז צו דער הראַמאַדע זיין. — צו קיינעם טאָר נישט געהערן אַ שישקע פון אַ בוים, אַ האָר פון אַ ווידל. – אָרעם און רייך מוזן זיך טיילן גלייך.

זיי אַמפּערן זיך.

ז יי צ ע ו

לאכט

כאַ, כאַ, כאַ, ווי דאָס האָט זיך אַביסל צוקריגט. נאָך נישט דערשפּירט דעם געשמאַק פון דער ערד — און דאָס קריגט זיך שוין איבער זיינע גרענעצן. האַלט, ברידערלעך, דעם אַפּעטיט איין.

די פּויערן לויפן און כאַפּן זיך יעדער זיין טייל

ס ע וו ע ר י ן

די כאַטקע וועט זיין מיין — זי שטייט אין טאָל.

ס ל ו ש א

און די איז מיין — אַרום איז אַ סאָד, דאָס איז שיין.

אַ נ ט אָ ן

לויפט צו און כאַפּט טאָניס חלק — וואו עס וואקסן ציפּריסן.

ט אָ נ י

ניין. *יאָגט אים אוועק* דו זעסט נישט — צי וואָס, דאָ וואַקסט טייטלען, ווייַן. דאָרטן וואַקסט קרויט. *ער ווייזט אים אויף אן אנדער פעלד.*

ד ע ר י אַ פּ אַ נ ע ר

קומט פון זיין הייזל ארויס. ער איז שוין אין גאנצן באוואקסן מיט א לאנגער באָרד, ווי א ווילדער טייוול-גאָט. האַלט אין אָרעם זאנגען-רייז.

זעט, זעט. פֿאַר דער טיר ציִען זיך פעלדער מיט רייז ביז אין שטוב אַריין — וועט דאָס צו עסן זיין. כי, כי, כי.

דער גריך

קומט נאך נאך אים מיט ארעמס פול מיט קוקורוזע

פֿאַר מיין הויז וואַקסט קוקורוזע אַ פעלד. זעט דעם ווייץ, הונדערט קערנדלעך אין אַ בעזימל, איינס און איינס. דיק ווי אַ נוס, עס גיסט זיך דערפון דער מאַלץ, איך האָב שוין אַ מויל מיט וואַסער פול. — ווער האָט דאָס געגעבן אַזוינס?

טאָני

שטופט אים אוועק

מענטשן, הערט, אַ גאַנצער וואַלד פון איילבירטן אויסגעוואַקסן פֿאַר מיין שטוב. נישט פֿאַראַקערט, נישט פֿאַרזייט, אַזוי ווי עס שטייט, אַזוי ווי עס גייט — געוואָרן פון זיך אַליין. זעט דעם אייל, זעט דעם האָניג. אָ, וועט זיין מיט וואָס די לאָקשן צו באַפעצן. וואָס באַדאַרף מען מער, וואָס? איך בין נאָר אַ בעלן צו וויסן, וואו עס וואַקסט דער וויין — עס זאָל נאָר דעם האַלז צו באַגיסן זיין.

סלושא

וועלכער איז אין גאנצן באוואקסן געווארן מיט וואָל און האָר, ווי א סטראשידלע — האלט אין אָרעם א פּאָר קעפּלעך קרויט, קארטאָפּלעס, ברויט, וועלכע ער דריקט צו זיין הארץ מיט גרויס ליבע צו

מענטשן גוטע, מענטשן האַרציגע, זעט די קאַרטאָפּלעס, — זעט דאָס קרויט. ביי אונז אין דער היים נאָר אין לאַנגעשין, וואַקסט דאָס ער ווישט זיך די טרערן פון די אויגן מיט פרייד אַזעלכע ליבע — אייגן ברויט ער קושט די קארטאָפל אַ קערצל אַ גאַנץ אין אַ לאָך. הונדערט לייבלעך אויף אַ קרויט. זעט ווי עס שיילט זיך, ווי פלייש. זעט, ווי עס ברעכט זיך, אַזוי ווי ברויט. — אַז איך האָב עס דערזען אַרויסשטאַרצן פון דער ערד — האָט עס מיר געגעבן אַזאַ צופּ ביים האַרץ, אַז איך האָב געוואָלט אויסשרייען: יעזוס מאַריע! וועט, גאָט צו דאַנקען, זיין צו עסן פֿאַר דעם מענטשן און פֿאַר דעם פי. יעזוס זאָל נאָר געבן,

אַז די חזרימלעך זאָלן זיך גוט אויסבריען — וועט שוין נישט צוזאָרגן זיין וואָס.

סעווערין

וועלכער איז געקומען נאָך אים, באוואקסן האלב אגן פעל, ווי א רוסישער בער, שלעפט די פיס, טראגנדיג אין זיינע הענט זאנגען ווייצן, ביטנלעך קאָרן

סלושא, ברודער, אויסגעוואַרט זיך אַ צייט פאַר דעם מענטשן, דעם אָרימאַן. וואו דו גייסט און וואו דו שטייסט, דרעפטשעסטו אין ברויט, אַזוי ווי די בהמה אויף דער פאַשע אין זומער־צייט. ווייסט נישט, וואו פריער צו שטעקן די נאָז — צי אין קאָרן, צי אין ווייץ — פאלן זיך אין די אָרעמס, און צווייבען זיך פאַר פרייד.

אַנטאָן

אַ צעיאָכמערטער, מעסט דאָס פעלד אַרום מיט אַ שטריק — שרייט

אַלעס דאָס איז מיין, אַלעס איז מיין.

סעווערין

עס וועט זיין פאַר אַלע גענוג — וואו איז זייצעוו, ברידער?— זעט, ער שטייט דאָרט גאָר אַליין. ער קומט צו צו זייצעוון זייצעוו, ברודער ער נעמט אים ארום אַלעס איז וואָר — וואָס דו האָסט אונז פאַרציילט. — ער האָט אונז אין דעם לאַנד אַריינגעבראַכט. אייגענער דו, — זע, ווי דאָס פאָלק פרייט זיך מיטן ברויט. — אָבער וואָס שטייסטו גאָר אַזוי אַליין און זאָגסט קיין וואָרט — וואָס איז מיט דיר?

זייצעוו

איך זוך די זון. אַלעס איז דאָ, ברויט, קרויט, ווייץ. גאָר וואו איז די זון, פאָטערל סעווערין? — צי האָט זי זיך באַהאַלטן, וואָס?

סעווערין

געפונען אַ צייט צו קלערן וועגן דער זון. — דו קלער בעסער וועגן דיר, די פויערים כאַפּן אויס די ערד. — יעדער זיין טייל — וועט באַלד נישט בלייבן פאַר דיר.

זייצעוו

איך האָב מורא, אַז עפּעס איז נישט רעכט – איך בין אַ בעלן צו וויסן, פון וואָס פאַר העגט עס איז געגעבן.

אַנטאָן

מיר איז דאָרט אַלץ איינס – ווער עס האָט געגעבן, דער זאָל זיין געלויבט.

זייצעוו

אָבער זע, אין וואָס פאַראַ הילוך דו גייסט, – ווי דער טייוול אויפן דאַך.

אַנטאָן

וואָס איז דער חילוק, ווי דער אָרימאַן גייט אָנגעטאָן, אַבי עס איז אים וואַרעם – ווער קוקט זיך דען אויף אים סיי ווי סיי אַרום?

זייצעוו

עפּעס וואָס געפעלט מיר נישט. עפּעס וואָס קומט מיר נישט אויס גלייך – אָן געאַקערט און אָן געזייט.

אַנטאָן

פאַר דעם אָרימאַן, אַ באַלוינונג פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין נויט.

גריך

דאָס איז גערעדט.

סלושאַ

איך בין נאָר אַ בעלן צו וויסן – וואָס דאָס פאָלק וועט איצטער טאָן. – דו קענסט דיר אַרומגיין מיט פאַרלייגטע הענט אַ גאַנצן טאָג, האָסט נישט וואָס צו זאָרגן וואָס, נאָר אָפן האַלטן דאָס מויל, – אַז די פלוימען זאָלן דיר גלייך אין פּיסק פאַלן – כאַ כאַ כאַ, וואָס וועט דער מענטש טאָן וואָס?

גריך

איך וועל שלאָפן גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מען האָט געמוזט זיך אויפהויבן אַזוי פרי. איך וועל שלאָפן, ווי לאַנג איך וויל, ווי לאַנג מיך גלוסט–

ביזן ווייטן טאָג אַריין. אָט אַזוי וועל איר מיר אויסציִען מיי-
נע ביינער. – קיינער וועט איבער מיר קיין האָר נישט זיין.

טאָני

ווייס איך שוין, וואָס בעסער צו טאָן. – איך וועל מיר מיי-
נע גיטאַרעס אויספּוצן מיט בענדער פיל – און פאַר יעדן
פענסטער סערענאַדעס זינגען. – ער זינגט און שפּילט אויף דער גיטאַרע
איך וועל די ווייבער אין די גערטנער נאָכלויפן – אין די
כאַלופּעס זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט – און באַלמוטשען
זיי אויף שטיק.

סלושא

און איך וועל זיצן אויף דער שוועל פאַר מיין טיר, די לולקע
רויכערן און לאַפּקעס נייען. נייען וועל איך לאַפּקעס פאַר אַלע
פייגעלעך אָנצוטאָן. פאַר אַלע פייגעלעך, פאַר אַלע טייבעלעך,
וואָס לויפן אין גאָרטן אַרום. יעדער טאָג וועט – זונטאָג זיין.
אָ, יעזוס, מאַריאַ!

יאַפּאַנער

און איך וועל זיצן גלאַט אַזוי. קוקן, הערן – הערן און קוקן.
גלאַט אַזוי און גלאַט אַזוי. – כי, כי, כי!

סעווערין

און איך וועל מיר די באָרד אויסקעמען – איין מאָל אַהין,
איינמאָל אַהער. אַ וואָנסע אַרויף – אַ וואָנסע אַראָפּ. די האָר
מיט חזיר-שמאַלץ אויסשמירן און פאַר די הייליגע בילדער
זיך בוקן.

טערק

איך וועל פלאַשן-לולקעס רויכערן און קאַווע טרינקען. די ווײַ-
בער וועלן טאַנצן און איך וועל קוקן. – דאָס וועט זיין מיין
צייט-פאַרטרייב! אַלע לאַכן מיט פרייד

סלושא

עס וואָלט נאָך געווען, מיט וואָס די קעל נאַס צו מאַכן –
וואָלט שוין אונז קיין זאַך נישט געפעלט. איך זאָל נישט זינ-
דיגן פאַר די רייד – דער מענטש באַדאַרף דעם גאָרגל זיך

אַדורכצושוועגקען, אָן דעם טראָפּן נעמט דיך קיין שום עסן נישט.

טאָני

דאָ רינט אַ טייך פאַר דעם הויז. אפשר, ווער ווייסט, דער וואָס האָט געגעבן דעם ביסן, דער וועט אויך געבן דעם געטראַנק

אנטאָן בייגט זיך צו צום טייך, נעמט אַ שלוק — בלייבט אַ מינוט שטיין—און רופט אויס מיט פרייד **חברים — דער טייך רינט מיט ווייַן!**

די פויערים וואַרפן זיך צום טייך

אַנטאָן

ניין, מיט היימישן ספּירט.

אַלע טרינקען מיט פרייד

סלושא

צעוויינט זיך פאַר פרייד

אָ, דאָ רינט ער פאַרן הויז. מענטשן זיסינקע, מענטשן טייערע, די קוואַלן זענען מיט אָקעוויט פול, צו סעווערין ברודער סעווערין, וואָס פאַראַ לעבן וועט איצט זיין?

פאַלט אים אין די אָרעמס און צעוויינט זיך פאַר פרייד

אָן דעם גראָשן אין טאַש — שטעק נאָר דעם פּיסק צום רינשטאָק אַרויס — און כלופּע דיך אָן, וויפל דו ווילסט, — ווער האָט דאָס אונז אַזאַ גוטס געטאָן?

סעווערין

צעוויינט זיך פאַר פרייד

ווער האָט אונזערע נויטן אַזוי געוואוסט? ווער האָט פאַרשטאַנען אַזוי אונזער האַרץ?

אַלע וויינען און קושן זיך. דער עולם כאַפּט פון קריג — טרינקען זיך אָן, פרייען זיך, קושן זיך און טאַנצן

זייצעוו

כאַפּט זיך אויף

חברים — דאָ איז עפּעס נישט גוט. אָן פּראַצע איז נישטאָ קיין גליק — אָן שווייס נישטאָ קיין פרייד.

סעווערין

מיט שרעק צו זייצעוון

וואָס מיינסטו, ברודער זייצעוו?

ז יי צ ע ו ו

איך ווייס נישט, פון וואָס פאַר הענט דאָס קומט. — אָבער עס שטעקט נישט נאָך די פאַרשאָלטענע קויל אין דערין?

אַ נ ט אָ ן

מיר איז דאָרט אַלץ איינס, פון וואָס פאַר הענט דאָס קומט, דער אָרימאַן האָט נישט קיין צייט צו קלויבן — דער וואָס גיט אים דאָס שטיקל ברויט, דער איז זיין האַר סיי ווי סיי.

ג ר י ך

דער גריך זאָגט דאָס זעלבע, וואָס דער רוס. — דער אָרימאַן האָט נאָר צו געהאָרכן, נישט צו ווילן. — ווען ער וואָלט גע-קענט טוישן — וואָלט ער דער ערשטער זיין מזל געטוישט — האָב איך רעכט, צי ניין?

ז יי צ ע ו ו

ברידער, חברים — קוקט זיך אַרום ער ווייזט זיי אויפן טונקעלן געוועלב די וועלט האָט קיין הימל נישט — דאָס לעבן האָט קיין שיין— אַלעס איז פאַרמאַכט אין איין פינסטערער גרוב. — אַלע קוקן זיך אַרום — און אַנטדעקן די פינסטערניש

ס ע ו ו ע ר י ן

ערשטוינט

מיר האָבן קיין הימל נישט איבער אונזער קאָפּ. נישטאָ צו וועמען צו בעטן אין אַ שעה פון נויט!

אַ נ ט אָ ן

וואָס טויג אונז דער הימל — אַז די ערד איז צו אונז גוט — האָבן מיר פון דעם הימל אַ סך געהאַט, ווען מיר זענען גע-ווען אין דרויסן אויף דער פריי? — דער הימל איז פאַר די רייכע גוט. ווער עס גיט אונז די שיין — די איז אונזער זון סיי ווי סיי.

ז יי צ ע ו ו

רופט

ברידער, מענטשן, נישט דאָס איז דאָס אַ שכר פאַר אַלדעם פיין. די וועלט האָט אַן ענד. זי האָט אַ גרענעץ, און איר האַקט זיך אָן אין די ווענט. די וועלט האָט קיין הימל נישט —

צו װעמען אױסצושטרעקן דעם האַלז — אַ געװעלב איבער דעם קאָפּ. אַ געפּאַנגגשאַפּט פּאַרן גוף, — מיר זענען אין אַ גרוב. — בײַ װעמענס מאַכט אין די הענט — אַרױס פֿון דאַנען געשװױנט. איך װעל גײן אױסזוכן אַ װעג צו דער זון. מיר מוזן האַקן װײַטער די װאַנט. ער כאַפּט די האַק — און לױפֿט אָפּ, צו זוכן אַ װעג.

אַ גרױסע באַװעגונג — איבעראַשונג, שװײַגן.

אַנטאָן

שרײַט צו די אַרומיקע

זאָל אָפּגעבן זײַן ברױט װער עס װיל, איך טו עס נישט אַזױ לײַכט ער דריקט זײַנע שפּײַזן צו זײַן האַרץ גענוג זיך אױסגעקוקט דער־רױף אַלע יאָרן פֿון נױט, קוים זיך נאָך גענוג אָנגעשמעקט — הײסן זײ עס שױן לײגן פֿון דער האַנט. — װי אַ גנבֿה פֿון אַ גנבֿ. אַ רוח זאָל נעמען אַלע פֿײַנע לײַט — פּפֿױ!

סעװערין

גוטע מענטשן, האָט איר אָבער געקלערט דעריבער — װאָס קען טאַקע דאָס אַלעס זײַן? — איך זאָל נישט זינדיקן פֿאַר די רײד, װאָס פֿאַראַ רוחות עס שטעקן אין דערין — אַז מען טראַכט זיך אַזױ אַרײַן, נעמט דאָך אָן אַ שרעק.

סלושא

װאונדערלעכע זאַכן געשעען הײַנט.

סעװערין

זאָג דו, װעמען צו דאַנקען פֿאַר אַלדאָס גוטס. אַ מענטש מוז דאָך האָבן אַ האַר איבער זיך. װעמענס נאָמען אָנצורופֿן אין געבעט.

סלושא

פֿאַר װעמען צו פֿאַלן צו די פֿיס, װעמען צו קושן די האַנט, אָן דער רוט פֿון דעם „פּאַן" קען קײן װעלט נישט זײַן.

שטימען

דאָס איז גערעדט צו דער זאַך. זאָג דו, אַנטאָן ברודער, פֿון װעמענס כּוח דאָס קומט אַלעס צו גײן? — װער איז אונזער האַר אַצינד?

אַנטאָן

אפֿשר איז עס די קױל. — װאָס איז דער חילוק דען, פֿון

ווען מיר קריגן אונזער ברויט. — איך זאָג נאָר איינס, אַז
דער וואָס גיט, — דער זאָל זיין געליבט. — האָב איך רעכט,
צי ניין?

שטימען

וואָס איז דער חילוק דען — אַז דו זאָגסט די קויל — זאָל זיין די קויל.

אַנטאָן

די קויל באַדאַרף מען מאַכן פאַר גאָט. זי, די קויל, באַדאַרף
מען שטעלן אין הייליגן בילד אַריין. פאַר איר באַדאַרף מען
ברענען אַ ליכט.

שטימען

אַז דו זאָגסט די קויל — זאָל זיין די קויל געליבט פאַר אַלעם
גוטס, וואָס זי אונז טוט.

סלושא

צו סעווערין

פאַרוואָס נישט? אונז איז אַלץ איינס, ווער עס איז דער „פּאַן",
אַבי ער גיט אונז דאָס שטיקעלע ברויט — נעמט מען אַראָפּ
פאַר אים דעם הוט.

סעווערין

לאָמיר ברענען אַ ליכט פאַר דער קויל — און בעטן צו איר
אַ געבעט. זיי נעמען אַ שטיק קויל און שטעלן עס אַוועק. — ברענען דערפאַר
אַ ליכט — און קניען פאַר איר צו דר'ערד

אַנטאָן

חברים, פריינט, וואָס טויג אונז דער הימל, אַז די ערד איז
צו אונז גוט. האָבן מיר פון דעם הימל אַ סך געהאַט — ווען
מיר זענען געוועזן אין דרויסן אויף דער פריי? ווער עס גיט
אונז די שיין, דער איז אונזער זיין. רעכט, צי ניין?

שטימען

רעכט, ברודער אַנטאָן.

אַנטאָן

די קויל דערנערט אונז, די קויל גיט אונז וואַרעמקייט, זי
גיט אונז ליכט, זי איז אונזער מוטער. מיר אַלע זענען גע-

קנעטן פון איר טייג. מיר זענען אירע קינדער ביז אין אַלע אייביקייטן אַריין.

ד אָ ס פ אָ ל ק

גאָר אים

מיר זענען אירע קינדער ביז אין אַלע אייביקייטן אַריין.

אַ נ ט אָ ן

בעטנדיג פון דער קויל

זי האָט אונז פון אַלע נויטן באַפרייט. ווער האָט אַזוי גע־וואוסט פון אונזער פּיין? זי זעטיגט אונזערע באַדערפעגישן ביי אונזער זיין — און נעמט אונז צוריק צו זיך אַריין. — מיר ברענען מיט איר אין איר פייער — און מיר לעשן זיך אין איר אַש. מיר זענען אַ טייל פון איר — און זי אַ טייל פון אונז — מיר זענען גאָרנישט מער, נאָר קויל.

ש ט י מ ע ן

קויל, קויל — קויל.

אַ נ ט אָ ן

די קויל האָט אונז פון אַלע האָרן באַפרייט. זי האָט אונז אויפגעבונדן די הענט, — נישטאָ קיין האַר, נישטאָ קיין קנעכט— אַלע זענען מיר פּאַר איר גלייך. נישטאָ קיין האַר, נישטאָ קיין געזעץ — אַלעס איז מיין און אַלעס איז דיין — אַלעס מעג מען — אַלעס איז ערלויבט — געלויבט זאָל זיין די קויל.

ד אָ ס פ אָ ל ק

הינטער אים

געלויבט זאָל זיין די קויל!

ט ע ר ק

צו אנטאָנען

ברודער אַנטאָן — בעט צו דער קויל. מיר האָבן ברויט, מיר האָבן ווייַן — טרויריג איז צו לעבן אָן דעם ווייב — אַז עס זאָל זיין, מיט וועמען אין בעט צו גיין.

פ אָ ל ק

ברודער אַנטאָן, בעט צו דער קויל — גאָכן ווייב.

אַנטאָן

דו, וואָס דו האָסט געגעבן דעם ביסן און דעם געטראַנק, געב אונז דאָס ווייב!

פון דערווייטנס באַווייזן זיך געשטאַלטן, ענלעך צו פרויען, גרויס און אומגעלומפּערט, בהמה- און חיה-אַרטיג, גייען און שאַרן ווי טמאדעס בהמות. — נאַקעטע, מיט פינ-קלדיגע לייבער פון קויל-שטראַלן. די מענער שטייען און קוקן אויף זיי מיט שרעק און פרייד.

אַנטאָן

קוקט אויף די ווייבער מיט פרייד

ווער האָט אונז אַזעלכע געזונטע ווייבער געשיקט, האָבן מיר דאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע. זעט ווי שטרענג די בריסטן, ווי פול די בייכער. — זעט, ווי זיי זענען אויסגערוט, אויס-געשלאָפן, — אויסגעפיטערט, ווי די קי.

גריך

זענען מיר דאָך שטענדיג געוואוינט געווען צו זען אונזערע אין מיסט און דרעק. מיט באַשמוציגטע הענט און פיס. — אויס-געצאָגטע בריסטן, געלע פנימער, מיט קללות אויף די ליפּן.

טאָני

זעט, ווי זיי גלאַנצן, זעט, ווי זיי שיינען — זעט, ווי זיי זענען אויסגעפוצט.

טערק

מיט פרייד

פון פאָרנט שטאַרק, פון הינטן פעט. — באַלייגט מיט אַלדינג גוטס.

יאַפּאַנער

כי, כי, כי — עס איז גוט.

טאָני

איך וועל מיר נעמען די, און די, און די.

טערק

דאָס וועט נישט גיין, ווייבער געהערן צום טערק אין האַרעם אַריין.

אַמפּערן זיך.

גריך

ברודער אַנטאָן, מען באַדאַרף מאַכן אַ געזעץ, אַלע ווייבער פאַר אַלע מענער -- אַלע מענער פאַר אַלע ווייבער צוגלייך.

אַנטאָן

דאָס איז רעכט. פאַר דער קויל, ווי פאַרן שטויב, זענען מיר אַלע גלייך.

יאַפּאַנער

מיט פרייד

כי, כי, כי.

סלושא

שטופּט סעווערינען

וואָס זאָגסטו, ברודער, דערצו?

מענער און ווייבער מישן זיך אויס אין אַ פאַרכּשופטן אויסגעלאַסענעם קאַראַהאָד מיט פרוכטן און תבואות אין די הענט.

זייצעוו

נאָך פון דערווייטנס

מענטשן, מענטשן, — נאָך מיר, נאָך מיר — איך האָב געפונען דעם וועג צו דער זון!

זיי הערן אים ניט, פאַרנומען אין אויסגעלאַסענעם טאַנץ. זייצעוו קימט אָן צו לויפן מיט פאַרבלוטיגטע הענט — פאַרשוואַרצט פּנים -- דערזעט די אויסגעלאַסנקייט מיט די פרעמדע ווייבער. — בלייבט ערשטוינט פון דערווייטנס. — רופט ענדלעך אויס מיט אַ ווילד קול.

מענטשן, וואָס טוט זיך? זענט איר פי? — ווער האָט אייך אַזוי פאַרוואַנדלט?! *זיי באַמערקן אים איצט -- און פרואוון אים מיט אַריינצו-שלעפּן אין קאַראַהאָד. די לאַכנדע ווילדע שטים פון אַלטן*

סעווערען

אָ, זייצעוו, ברודער, אייגענער, זע, וואָס מיר האָבן אַלעס פיל, ס'ריינט איבערן פּיסק.

זייצעוו

שרייט פאַרביטערט

מענטשן, וואָס טוט זיך מיט אייך — זעט, וואָס האָט אויס אייך געמאַכט די קויל — איר פרעסט קוילן-ברויט. איר זעט

קוילן-ליכט, איר שלאָפט מיט קוילן-ווייב. — איר זענט פאַרהאַקט, פאַרקנאַקט אין אַ פינסטערער גרוב. נאָך מיר קומט, געשווינט. — איך האָב געפונען אַ וועג צו דער זון — דאָרט ווייטער קלאַפּט דער מענטש צו אונז, ער רייסט זיך אַריין — הערט איר דען נישט דאָס קלאַפן פון די האַמערס אין דער קוילן-וואַנט. דער ברודער מענטש רופט, נאָך אַ מינוט, נאָך צוויי, נאָך מיר — געשווינט.

סעווערין

אָבער וואוהין? זייצעוו, דו האָסט דאָך אונז אַליין געבראַכט דאָ אַהער. דאָס איז דאָך דאָס לאַנד, וואָס דו האָסט אונז צו-געזאָגט, פון וועלכן דו האָסט אונז אַזוי פיל דערציילט. אונזער פינסטערע נאַכט האָסטו באַלויכטן מיט זיין ליכט, אונזער הונגער האָסטו געקאָרמעט מיט זיין ברויט, און איצט, אַז דו האָסט אונז געבראַכט אַהער, אַז עס איז וואָר געוואָרן אַלץ, וואָס דו האָסט אונז דערציילט — ווילסטו אונז אַוועקפירן פון דאַנען! פאַרוואָס, זייצעוו ברודער? — איז דיר נישט אַ שאָד דאָס אָרימע פאָלק? — זע, ווי דאָס פאָלק פרייט זיך מיט דעם ברויט!

זייצעוו

אָבער, פאָטער סעווערין, נישט דאָס איז דאָס לאַנד, פון וועלכן איך האָב אייך דערציילט. יענץ לאַנד האָט ליכט, האָט הימל — האָט זונען-שטראַל. דאָס איז פינסטער, — נאַכט, קויל — איר שטינקט מיט קוילן-געשטאַנק. — ווי די ווערים, ווי די מייז וועט איר קריכן באַלד אויף אַלע פיר. קומט מיט מיר — פאַר-לאָזט די קוילן-גרוב, וואָס האַלט אייך, ווי די מולן געפאַנגען מיטן שטיקעלע ברויט. איך וועל אייך ברענגען צו דעם טאָג צוריק — צו דער זון. געדענקט איר דען נישט די לאָנקעס די גרינע, געדענקט איר דען נישט דעם ווייסן שניי? — מיט מיר, ברידער, אַוועק פון דאַנען — דאָ איז נאַכט, דאָ איז טויט. — צו דער זון! צו דער ליכט!

אַנטאָן

צו דער זון, צו דער ליכט! — פיל שונאים האָט דער אָרי-

מאַן. איינער קומט אין נאָמען פון גאָט, דער צווייטער אין נאָמען פון דער זון. קיינער פאַרגינט נישט דעם אָרימאַן דאָס שטיקעלע ברויט — אַלע ווילן זיי אים פאַרטרייבן פון טיש. טראַכטן אויס געטער — אידעאַלן, אַבי צו האָבן אַ קאַנטשיק, מיט וואָס צו שמייסן אונז. פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די שמייסערס — אין וואָס פאַראַ נאָמען זיי טוען דאָס נישט. — „פאַנעס" זענען זיי אַלע סיי ווי סיי.

טאָני

אַנטאָן האָט רעכט. קוים דערלעבט די צייט, נאָך קוים זיך אָנגעגעסן צו דער זעט, נאָך נישט ריכטיג זיך אָנגעשמעקט דערמיט — און זיי זענען שוין מיט די באַטעקעס דאָ, צו פאַרטרייבן אונז פון דעם טיש, ווי דעם הונט!

גריך

און וואָס האָבן מיר פון דער זון געהאַט? — ווי דער מויל-אייזל — שטענדיג בלינד.

סלושא

צו סעווערין

וואָס איז וואָר — דאָס איז דאָך וואָר, אַז עס איז זונטאָג גע-קומען — געלעגן אין קאָרידאָר מיט פאַרמאַכטע שליפּעס און גע-וואַרט נאָר דעם מאָנטאג אויס. — געדענקסטו דען נישט, שכן?

סעווערין

דאָס ווייב געמוזט האַלטן די לאָדנס פאַרמאַכט, אַ גאַנצן טאָג, עס זאָל זיין נאַכט.

גריך

אפשר האָט זי פאַר די רייבע געשיינט — פאַר אונז איז זי שטענדיג בלינד געווען.

טערק

ווי אַ טשוואָק אין דער וואַנט, נישט אַמאָל ווי אַ האָק אין אַ בעלקע — אַז זיי האָבן דיך געוואָלט — אַזוי האָבן זיי דיך געטוישט.

יאַפּאַנער

כי, כי, כי. — און אַלץ פאַרן קאַרגן ברויט — עס איז דאָך שוין בעסער דער טויט.

שטימען

פון אַלע ווינקלען ארויס אין א גרויס געשריי

מיר ווילן נישט קיין זון, מיר ווילן ברויט, ברויט, ברויט!

זייצעוו

דער מלחמה-געשריי פון דער קויל. איך בין אייך געקומען רופן צו אַ לאַנד אַ פרייען, וואָס ליגט אויף יענער זייט מויער. איך בין אייך געקומען רופן צו דעם טאָג דעם יונגן, דעם נייעם, וואָס הויבט זיך אָן פון דער צווייטער זייט. — איך בין אייך געקומען רופן צו זיך אַליין — צום מענטש, וואָס שטרעקט זיך אויס צו אייך אויף יענער זייט — און איר ווייסט נישט מער, נאָר ברויט — שקלאַפן וואָס איר זענט, ווי דער מויל-אייזל אין פינסטערן קוילן-קאָרידאָר. נישט קיין פרייע מענטשן — קינדער מיט דעם קאָפּ פאַריסן אין דער הויך, מיט די אויגן געווענדט צום ליכט — ווען אַפילו דאָס לייב איז צו דער קויל צוגעשמידט. — גאָרנישט מער, נאָר שטיקנדיגע קויל — קויל געהערט צו קויל.

אַנטאָן

וואָס האָט ער צו רעדן צו אונז אַזעלכע רייד? — מיר זענען נישט קיין שקלאַפן דאָרט, וואָס יעדער איינער קען אונז שמייסן מיט דער רוט. מיר זענען פרייע בירגער — ער האָט באַליידיגט זיין מאַיעסטעט — דאָס פאָלק. עס זאָל אים נישט געשענקט זיין!

טאָני

ברודער אַנטאָן האָט רעכט. — וואָס קומט ער צו מיטן קאָנטשיק אין דער האַנט, פאַרטרייבן באַדאַרף מען אים פון דאַנען, ווער עס זאָל נישט זיין!

שטימען

שרייען פון אַלע ווינקלען

מיר ווילן רוען, רוען.

אַנטאָן

פאַרטרייבן באַדאַרף מען אים פון דאַנען, מיט שטעקנס פאַריאָגן, ווי דעם הונט, וואָס קומט אונז שטערן.

אַנדערע

וואָס לאָזט אונז נישט געניסן.

טערק

ער האָט אונז שטענדיג געשלעפּט צו אומבאַקאַנטע לענדער,
וואָס מיר האָבן נישט געוואוסט.

גריך

ער האָט אונז קיינמאָל נישט געלאָזט צורו!

אַלע

וואַרפן זיך אויף זייצעוון

אַוועק פון אונז. מיר ווילן רוען, מיר זעגנען מיד!

זייצעוו

גייט איר נישט מיט — גיי איך אַליין. איינזאַם שטייט דער מענטש — און האַקט די וואַנט יעדער איינער פאַר זיך אַליין.

די סצענע ווערט פאַרוואַנדלט און אַנטפּלעקט זיך, ווי ענדע צווייטן אַקט. די מענטשן ליגן אַלע, ווי פּגרים, אויסגעצויגן, פאַרוועגדזלט און פאַרשטיקט. זייצעוו שטייט איינער אַליין און האַקט אין דער וואַנט פון דער קויל מיט די לעצטע כּוחות. ראַנגלט זיך מיט די כּוחות און גאַזן, וואָס שטיקן אים. וואַקלט זיך, אָבער ער שטייט אויף די פיס — און האַקט די וואַנט. רעדט, ווי ער וואָלט זיך מיט וועמען געראַנגלט:

גיין, נישט קיין קוילן-קנעכט. אַ צוועק פאַר זיך אַליין. — איך בין דאָס לעבן מיט טויזנט קעפּ, איך בין דער אַנהויב — אָבער נאָך נישט די ענד. — וואָס מיינט איר, אַז איך בין אַ טויטער שטיין? — איך בין דער שליידערער אַליין. איך וואַרף און איר פאַלט. — נאָך נישט בין איך קויל — איך בין דער מענטש. אָט באַלד, אָט שוין. *ער וואַקלט זיך, די גאַזן שטיקן אים וואָס אַמאָל מער, ער פאַלט צו דער ערד און הויבט זיך, ראַנגלענדיג זיך מיט זיי, אַרויסשטעמענדיג מיט אַלע כּוחות, און האַקנדיג ווייטער אין דער וואַנט* שטיקנדיגער עלעמענט, פייערדיגער געשטאַנק, ווי די ווילדע הינט, האַלט איך אייך אין די רינגען געפאַנגען — איך בין דאָס קינד פון דער זון — כאָטש אין געפאַנגענשאַפט ביי אייך. — די זון איז אין מיין האַרץ אָנגעקניפּט און איך צי מיך צו איר. *ביים לעצטן וואָרט גיט ער דעם לעצטן קלאַפּ, פון וועלכן עס פאַלט אַרויס די שטיק קויל, אויף וועלכער ער פאַלט מיט די לעצטע כּוחות. פון דער עפענונג רייסט זיך*

אריין אַ שטראַל ליכט, מענטשן מיט ברענענדיגע ליכטלעך אויף די היט קריכן אריין דורך דעם לאָך, טאַפּן די טויטע, הויבן זיי אויף — זיי פאַלן צוריק.

א י נ ע ר

טאַפּנדיג די טויטע פּגרים

אַלעס איז שוין קויל!

אַ צ ו ו י י ט ע ר

געפינענדיג זייצעוון אויף דער וואַנט

דער האָט נאָך לעבן אין זיך, געשווינט הילף!

דראַמאַטישע ווערק פון שלום אש

געזאַמלטע שריפטן

ביבלישע דראַמען

I יפתח'ס טאָכטער, II שבתאי צבי,
III אמנון און תמר.

סאָציאַלע דראַמען

I גאָט פון נקמה, III מאָטקע גנב,
II בונד פון די שוואַכע, IV יחוס.

נאַציאָנאַלע דראַמען

I משיחס צייטן, III א שנירל פערל,
II אונזער גלויבן, IV דער טויטער מענטש.

יורשים

I יורשים, III דער זינדיקער,
II מיטן שטראָם, IV אום ווינטער.
V מאַראַנען.

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

אַלע ווערק פֿון שלום אש

1 א שטעטל
ר׳ שלמה נגיד
2 בילדער און הומאָרעסקן
3 הימל און ערד
4 אַמעריקע
5 צווי וועלטן
6 דאָס בוך פֿון צער
7 ארץ ישראל
8 מערי
9 דער וועג צו זיך
10 אָנקעל מאָזעס
11 מאָטקע גנב
12 די כשופֿמאַכערין פֿון קאַסטיליען
קדוש־השם
13 נייע דערציילונגען
14 די מוטער
15 ביבלישע דראַמען
16 סאָציאַלע דראַמען
17 נאַציאָנאַלע דראַמען
18 די יורשים, מיטן שטראָם, דער זינדיקער, אום ווינטער, מאַראַנען
19 טויט אורטייל
חיים לעדערערס צוריקקומען
20 פֿון איין קוואַל
21 פֿאַר יוגנט
מעשהלעך פֿון חומש
22 מיין רייזע איבער שפּאַניע
דער מזבח

פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע.